STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 09664

SHRIFTEN

Leon Kobrin

THE MAX PALEVSKY
YIDDISH LITERATURE COLLECTION

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

ל. קאברין'ס

שריפטען

(געזאמעלטע דראמען).

פרייז 25 סענט.

די היברו פאבלישינג קאמפאני,
83־85־87 קאנאל סטריט, נויארק.

THE HEBREW PUBLISHING COMPANY,
83-85-87 Canal Street, New York.
1909

אינהאלט־פערצייכניס:

	זייטע
דער פערשטערטער שבת	7
ברוך דין אמת	40
אַבּאַ'ס מה נשתנה	55
אַמעריקאַ ממזר	61
דזשעני'ס כל נדרי	69
און ער האָט ווידער געשמייכעלט	81
דער אמת	105
רחל'ע די שטומע	115
ברוך'קע	129
קאַרל מאַרקס	149
נאָך גאָר אַ גרינער...	208
פאַר וואָס סיימאָן וויל ניט חתונה האָבען	213
וואוהין, וואוהין?	223

דער פערשטערטער שבת.

(א אידישע דראַמא.)

.1

דיא אַלטע אוודאַטיא, ר" זעמעלע דעם תבואה־הענדלערס אַלטע דיענסט, אָדער וויא מען רופט זיא אין שטעדטעל — „ר" זעמעלעס גויה" — רייסט זיך אריין מיט אַן אימפּעט צו ר" זעמעלען אין שטוב...

עס איז פרייטאג פאר נאכט, אין חודש תמוז, א שעה פאר ליכט בענטשען.

ר" זעמעלעס ווייב, דיא אַלטע גיטעלע, א קליינצינקע, דאַרע אידענע, שטעהט בעת דעם און גיט אכטונג אין קיך ביים אויווען אויף דיא טעפּלאַך, אין וועלכע עס קאָכען זיך שבת'דיגע מאכלים....

איהר קאָפּ איז ארומגעוויקעלט מיט א טערקישען שאַל, וויא מיט א קנויל, איהר קליינצינקער, איינגעשרומפּטער פּנים, וואָס האָט אַזוי דעם קאָליר פון פּאַרמעט, איז אַצינד רויטליך, אָנגעברענט פון דער היטץ פון'ם אויוועז; זי האלט ביידע הענד פארלייגט הינטערן פארטוך און קוקט פערמאַכט מיט איהרע אַלטע, רויטע, „אויסגעקאַשערטע" אויגען אויפ'ן פייער פון'ם אויווען....

דיא טהיר פון צווייטען צימער צו דער רעכטער האנד פון'ם זאאַל איז אָפען, און מע קען זעהען, אז דאַרט איז שוין אויסגעפּוצט, צוגעקליבען לכבוד דעם אָנקומענדען שבת קודש: דער פּאָל איז דאַרטען בעשאָטען מיט א געלען זאמד, אויפ'ן טיש

וועלכער איז געדעקט מיט א ווייסער סערוועטע, שטעהט פון איין זייט ביים ברעג א גאנצער ראנד בלישצענדע זילבערנע לייכטער מיט סטערינאָווע ליכט, אויפ'ן צווייטען זייט, אוי־בען אָן, ביים ברעג, ליגען אונטער א קלאָר ווייסען האנטוך צוויי חלות פיר המוציא, וויא צוויי קליינע בערגעלאך איינע נעבען דער אנדערער; אין מיטען טיש שטעהט א פלאש וויין, דערביי א גאָלדערנער קידוש־בעכער.

א רויטער שיין פון דער פערגעהענדער זון שלאָגט אָפּ פון דיא פענסטער און דורך דיא פענסטער אויפ'ן צוגעקליעבענעם טיש, אויף דער פלאַש וויין, אויף דיא זילבערנע לייכטער און אויפ'ן גאָלדענעם בעכער, וואָס בלישצעט און פינקעלט אין דיא רויטע שטראהלען פון דער פערגעהענדער זון...

אין שטוב איז הייס; עס שמעקט מיט שוויים, מיט גע־קאָכטע פלוימען אין זים און זויער און מיט געקאָכטע געפיללטע פיש....

אריינגעריסען זיך אין שטוב מיט אַן אימפעט, בלייבט דיא אַלטע אוודאָטיא שטעהען ביים טיר פון קיך מיט א פלאַ־מענדען פנים, מיט בלישצענדע אויגען. זיא איז שטארק אויפ־געֿרעגט, אָטהעמט שנעל, דערביי בעוועגען זיך ביי איהר, וויא אויף ספרוזשינעס, דיא דאַרע, איינגעפאַלענע ברוסט און דיא דאַרע פּלייצעס. דיא געבלומטע טיכעל אויפן קאָפּ האָט זיך ביי איהר אראָבגערוקט אויף א זייט און א דיקער לאָקען גרויע האָאר האָט זיך פון אונטערן טיכעל ארויסגעגליטשט און איז געבליעבען הענגען איבער אוודאָטיא''ס רעכטע באַק, וויא א שלייגעל.....

און שטעהענדיג אזוי ביים טיר, קוקט דיא אַלטע אוו־דאָטיא אויף גיטעלען, קוקט אזוי מאָדנע, קוקט און אָטהעמט שנעל און רעדט קיין וואָרט ניט... און אז גיטעלע דערזעהט זיא אזוי שטעהען, דיא אַלטע אודאָטיא, פאַלט איהר איין, אז זיא איז שיכור, שיכור פאר ליכט בענטשען! און זיא טהוט א פּאטש אין דיא הענד און שרייט אוים מיט אַן אונרוהיגען קול:

— וואָס איז עס, אוודאָטיא, וויא דוא זעהסט אויס! ביזט שיכור?....

שאָקעלט אוודאָטיא מיטן קאָפּ, ציהט אָפּ טיעף דעם אָטהעם, זיפצעט און רעדט ארויס מיט א טיעף בעוועגטער שטימע אין איהר געבראָכענעם אידיש:

— ניין, כאַזיאַטישקאַ, ניט שיכור, איך זאָל לאָפּניען!.... א קאפּעצקע ניט געטרונקען, איך זאָל זדאָכניען!.......

און דאָ טהוט זיא זיך פּלוצים א וואָרף צו גיטעלען, פאַלט צו צו איהרע הענד און וויל זיי קושען. גיטעלע, פערוואונדערט, טרעט אָפּ עטליכע טריט א הינטער, בעהאַלט דיא הענד אונטערן פארטוך און זאָגט מיט א שטרענגען טאָן:

— דוא ביזט שיכור, אוודאָטיא!....

שאָקעלט ווידער אוודאָטיא מיט׳ן קאָפּ און שווערט זיך ווידער, אז זיא איז ניט שיכור, און דאָ צו־וויינט זיא זיך מיט איין מאָל, דיא אַלטע אוודאָטיא, צו־וויינט זיך אזוי רחמנות־דיג, ווישט מיט׳ן לייוועגדענעם ארבעל פון העמד איהרע אַלטע אויגען און הויבט אן צו ריידען מיט א בעטענדיגען קול:

— כאַזיאַעטשקאַ גאָלובושקאַ, דו א גוטע דושאַ.... דו רחמנות האָב... גאָט איינער אין הימעל... מיינער אי דיינער, גאָט איינער אין הימעל!...

דערביי ווייזט זיא מיט א פינגער אין דער הויך און וויינט אויפן קול.

פערשטעהט זיא ניט, גיטעלע, קוקט זיא אָן אַלץ מעהר פערוואונדערט און פרעגט איהר, וואָס וויל זיא...

ענטפערט דיא אַלטע אוודאָטיא מיט געוויין:

— כאַזיאַעטשקאַ, דוא א מאָל האָלד געהאַט דיין דאָטשורקאַ חאוועקלען, מיין שעהנע האָדולקע... דוא האָב איהר איצטער האָלד... דוא רחמנות האָב איבער דיין חאוועקלען, זיא א גוטע דושאַ, א שעהן גאָלובושקאַ!....

הויבט דאָ אָן גיטעלע צו ציטערען, אז זיא הערט פון

אוודאָטיאן דיא ווערטער, און הויבט אָן אויף איהר צו שרייען מיט כעס:

— אוודאָטיא! ווידער וועגען איהר?....

וואָס איז היינט ווידער פאר א נייעס? דוא ווייסט דאָך, אז איך וויל ניט ליידען, אז דוא דערמאָנסט מיר איהר נאָמען. ביי מיר און איהר טאָטען איז זיא געשטאָרבען נאָך פאר א יאָהרען, בשעת זיא האָט פאר־ביטען איהר גאָט און איהר טאָטע־מאַמע אויף דעם אק־ציזניק'ס שקץ...... (דער קול רייסט זיך ביי איהר אי־בער, אָנשטאָט דעם פריהערדיגען כעס הערען זיך יעצט אין איהם טרעהרען; זיא הויבט אָן צו כליפען)— לאָז, אוודאָטיא — כליפעט זיא פערשטיקט — דוא פערשטעהסט ניט, וואָס הייסט, אז מע ריהרט אָן ביי א מאַמען פרישע וואונדען, דוא פערשטעהסט ניט!... איי, לאָז, נאָך פערשטערען דעם שבת קודש! — רעדט זיא שוין וויא צו זיך אליין — נו, זאָל דוכטען גע־שטאָרבען... בעגראָבט מען, פערגעסט מען... שבעה איז מען דאָך נאָך איהר געזעסען און קריעה האָט מען דאָך אויך געריסען, נו, פערגעסט מען.... אוי — קרעכצט זיא פלוצים ארויס — אז זיא וואָלט אויף אָן אמת געשטאָרבען, אז זיא וואָלט גאָר בעסער ניט געבאָרען געוואָרען!....

און גיטעל קעהרט אָפ דעם קאָפ צום אויווען, ווישט מיט'ן פארטוך דיא אויגען און קרעכצעט שטיל: — אזוי זיא האָלד געהאַט, אזוי פיעל איהר נאָכגעבען... פאר וואס האָט זיא קיין רחמנות ניט געהאַט אויף אונז? פאר וואָס האָט זיא עס געטהאָן, פאר וואָס?....

און אז אוודאָטיא דערזעהט, אז גיטעלע וויינט, טהוט זיא זיך א וואָרף צו איהר מיט א בעטענדיגער מינע, פאַלט צו צו איהרע הענד און נעהמט זיי מיט געוואַלד קושען.

— כאָזאיעטשקאָ — רעדט זיא מיט געפיהל — איך ביי דיר אויף סלוזשבאָ צוואַנציג יאָהר... א ראָדניא מאַטקאָ דוא מיינע און פּאָזיאַאין א ראָדנאָי באַטקאָ מיינער.... וואָ, איך אייך

האַלד, וואַ!... (זיא קלאַפּט מיטן פויסט אויף איהר טרוקענער ברוסט, אום צו ווייזען, וויא זיא האָט האַלד) — כאַזיאַיעטשקאַ, גאָט איינער: מיינער, דיינער אי כאַזיאַאינס, אי חאַווקעלעס, אי חאַווקעלעס אנדרושעס, אי דעם פּאַפּ וואַסיל'ס, גאָט איינער, גאָט איינער! חאַווקעלע מיר אויך געזאָגט: גאָט איינער: אי באַטקאַס, אי אַנדרושאַס גאָט איינער!.... חאַווקעלע אַ גוטע דושאַ... איך זיא האַלד, וואַ!.... זיא מיין האַדולקאַ. ראַדנאַיע דיטיאַטקאַ מיינע!.... אי אַנדרושאַ אַ גוטע דושאַ.... כאַזיאַעטשקאַ!

אָבער גיטעלע לאָזט זיא ווייטער ניט ריידען: עס טהוט איהר אַזוי וועה צו הערען דיא אַלטע אוודאַטיא, וועלכע רעדט נאָך אַזוי לייכט ארויס דעם נאָמען „אַנדרושאַ", דעם נאָמען פון יענעם שקץ, וואָס האָט אונטערגעגעבען אַ כשוף איהר חוה'לען, אַז זיא זאָל זיך צוליב איהם שמד'ן!.... זיא ברעכט אונטער אוו־דאַטיאַן מיט וועהטאָג:

— אוודאַטיאַ, דוא ביזט הפּנים שיכור, געה אין דיין קאַמער און לעג זיך שלאָפען! איך וויל ניט הערען דיינע שיכור'ע רייד, געה!..... דער בעל הבית קומט באלד פון באָד, איך דארף פער־חתמ'ענען דעם אויוועו. מיש מיר ניט!

און גיטעלע כאַפּט זיך מיט אַן אימפּעט צו דער ארבייט; נעהמט ארויס פון אויוועו אַ טעפּעל יויך, שטעלט איהם אויף אַ טיש דערבייי, ביים פענסטער, און דעקט איהם איבער מיט אַ קישען, אַז עס זאָל ניט אָפּגעקיהלט ווערען... דאַן פערשאַרט זיא מיט אַ קאָטשערגע דיא קוילען אין אויוועו, שטעלט אהין אריין דעם טשאָלענט, דעם קופּערנעם הליאַק וואַסער, פערשטעלט דעם אויוועו מיט אַ „זאַסלינקע", דאַן טונקט זיא איין אַ שמאַטע אין וואַסער, וואַרפט ארויף אויפן „זאַסלינקע", פערקלעבט דעם קוימען פון אויוועו, און דיא אויוועו איז פער'חתמ'עט.

און דיא אַלטע אוודאַטיא שטעהט דערווייַלע מיט אַן אראָפּגעלאָזענעם קאָפּ, ווישט דיא אויגען מיטן לייוונעדעם אר־בעל פון איהר העמד און שעפּצעט: „באַזשע מאַי, באַזשע מאַי!"

און אז גיטעלע זעהט, אז אוודאַטיא וויינט אַלץ, פער־

קוועטשט איהר ווידער דאָס הארץ און איהר ווילט זיך ווי־
דער וויינען. דען זיא ווייס יעצט, אז אוודאָטיא וויינט
איצט, ניט ווייל זיא איז שיכור, נור ווייל איהר טהוט
וועה דאָס הארץ נאָך יענער, טהוט וועה, ווייל זיא בייינקט
נאָך יענער... א האָדאָוואָלקע איז קיין קאַטאָוועס ניט; מע האָט
עס האָלד, וויא אַן אייגען קינד!... געווים ליידעט אוודאָטיא ניט
אזעלכע יסורים וויא זיא, גיטעלע! אוודאָטיא איז ניט, להבדיל,
יענער׳ס מאַמע, ר׳ זעמעלע־דעם למדן׳ס ווייב; דיא שרעקליכע
חרפה האָט זיא פון יענער ניט געליטען, קיין קריעה האָט זיא
ניט געריסען, קיין שבעה איז זיא ניט געזעסען... אוודאָטיאס
מאַן האָט זיך ניט געדארפט בעהאַלטען פון מענשען פיר בושה,
וויא איהר זעמעלע, להבדיל צעהן מאָל הבדלות!... און א האַרב
איז ביי אוודאָטיא׳ס מאַן אויך ניט אויסגעוואַקסען אויף דיא
פלייצעס פון גרויסע יסורים, וויא ביי איהר זעמעלען!...

„אך — טהוט זיך פלוצים גיטעלע א כאַפּ — וועגען וואָס
טראַכט איך?... וואָס קריכט מיר יעצט אין מוח פאַר ליכט־
בענשען! דער שטן שפּילט זיך שוין... וויל פערשטערען דעם
שבת קודש... האָט אונטערגעשיקט דיא גויה!...

און גיטעלע ווערט אונרוהיג, ווערט בייז אויף זיך: זיא טאָר
דעם שטן יעצט ניט הערען; זיא טאָר ניט וייך מאַכען איהר
הארץ... קיין מחשבה טאָר זיא ניט האָבען וועגען יענער; ניט
וויינען, ניין!! יענע פערדיענט ניט, אז מען זאָל צוליעב איהר
האָבען א פערשטערטען שבת!... זיא האָט שוין בדעה ווידער צו
זאָגען אוודאָטיאן, זיא זאָל ארויסגעהן אין איהר קאַמער, אז זיא
זאָל ניט סמייען דאָ צו וויינען, ניט סמייען יענערס נאָמען צו
דערמאָנען, — ערשט אוודאָטיא כאַפּט איהר אָן פלוצים אין
דיזער צייט פאַר׳ן ארעם, אקוראַט, וויא זיא וואָלט געזעהען,
וואָס עס טהוט זיך ביי איהר, גיטעלען, אין מוח און אין הארצען,
כאַפּט איהר אָן פאַר׳ן ארעם, קוקט אויף איהר מיט בעטענדע
אויגען, שלעפּט זיא צו צום פענסטער דערביי, וואָס קוקט ארויס
צום אקציזניק, אנדרושאַ׳ס פאָטערס הויף, וועלכער איז אָבגע־

טהיילט פון ר׳ זעמעלעס הויף נור מיט א נידריגען פארקען, און שעפצעט: — באזיאעטשקא, דו נור קוק, דו נור זעה!.....

און אז אוודאטיא שלעפט זיא צו צום פענסטער, פיהלט גיטעלע, אז עפּעס דארף זיא אצינד אהין ניט קוקען, אז דער שטן האט זיך אצינד גענומען שפּיעלען. א אונרוהיגקייט ער־וועקט זיך אין איהר א מורא, און דאך.... ווילט זיך איהר, וויא אויף צו להכעיס זיך אליין, א קוק טהאן דורך׳ן פענסטער: וואס וויל איהר ווייזען אוודאטיא, וועמען?.... יענע איז דאך ניטא ביים אקציזניק אין שטוב... דאס ווייס זיא זיכער.... באלד נאך דער מעשה איז יענע דאך אוועקגעפאהרען מיט איהר שקץ ערגעץ אין אן אנדער שטאדט!.... עס ציטערט ביי איהר דאס הארץ, ביי גיטעלען, און מיט אונרוהיגע אויגען טהוט זיא א קוק דורך׳ן פענסטער.....

און זיא זעהט ביים אקציזניק אויף׳ן הויף נעבען פארקען שטעהט א יונגע פרויענצימער אין ווייסע קליידער און קוקט אויף איהר פענסטער... דיא אלטע גיטעלע קוקט זיך איין מיט איהרע רויטע, אויסגעקאשערטע אויגען אין דער יונגער פרויענ־צימער און עס טהוט איהר א קלאפּ אין הארצען, אז זיא טהוט זיך א שאקעל אויף דיא פיס, פאלט שיער ניט אנידער און כאפּט זיך אן מיט ציטערענדע הענד אן וואנד... זיא איז בלייך, דיא אלטע גיטעלע, קיין בלוט־טראפּען איז ניט פערבליבען אויף איהר קליינצינקען צוקארטשעטען פנים; און אין איהרע רויטע אויגען, וואס זיינען אנגעשטעלט אויף דער יונגער פרוי אין ווייסע קליידער דארט ביים פארקען, פינטלען און ציטערען שארפע גלעזעלאך....

„דאס איז זיא, חוה׳לע!“ שרייט אינעוויינינג אין איהר א קול, וועלכער צורייסט איהר דעם מוח: „חוה׳לע, דיא פערשאל־טענע טאכטער, וועלכע איז געבארען אין א שלימ־מזלדיגע, חושך׳דיגע שעה!“

און זיא וויל אפּקעהרען דעם קאפּ; זיא דארף אויף יענער ניט קוקען, זיא טאר ניט.... עס טהוט איהר וועה צו קוקען

אויף יענער, און דאך קוקט זיא, קוקט מיט גלעזערנע אויגען און ציטערט מיט'ן גאנצען קערפער, און קלאמערט זיך מיט דיא הענד אָן וואנד, אום ניט צו פאלען. זיא קען ניט אָפּרייסען דיא אויגען פון יענערס פּנים, זיא פיהלט, אז זיא האָט קיין כח ניט דערצו....

און דיא יונגע פרוי שטעהט אלץ ביים פּארקען פון אקציז־ניקס הויף מיט דיא אויגען אויפ'ן פענסטער, נעבען וועלכען עס שטעהט דיא אלטע גיטעלע; איהר יונגער רונדער פּנים איז וויים, וויא דיא קליידער, אין וועלכע זיא איז אָנגעטאָהן, און איהרע גרויסע שווארצע אויגען קוקען אזוי טרויעריג מיט אזא בענקעניש... און אָט טרעפען זיך צוזאמען זייערעביידענס אויגען, אי גיטעלעס, אי „יענערס“, זיי טהוען זיךביידע א טרויסעל, וויא פון איין שטוים.... יענע לאָזט אראָפּ דעם קאָפּ, און גיטעלע זעהט, ווי יענע נעהמט ארוים א ווייסע טיכעל פון קעשענע און ווישט מיט איהר דיא אויגען....

און זעהענדיג עס, ווערט גיטעלע צומישט, זיא ווערט מבולבל.... זיא וויינט גאָר! וואָס וויינט זיא? צו איז עס ניט חרטה?...

„רבונו של עולם, גאָטעניו הארציגער!“ שרייט אויף אין איהר נשמה א פערבעהאלטענע שטימע, און זיא פיהלט, אז אונטערן קנופּ אויפ'ן קאָפּ הויבט איהר אָן צו ברענען.....

און דאָ פּלוצים פאלט איהר בליק אויף יענערס פיגור, אויף איין פּונקט.... דערבאַרעמיגער גאָט, באַלד א ממזר!... אין דיא אויגען ווערט איהר פינסטער, אין קאָפּ דרעהט, דיא גאנצע הויז וויגט זיך אונטער איהרע פיס... „א ממזר, א ממזר!“ הילכט און קלינגט אין איהרע אויערן.... דיא פיס האקען זיך ביי איהר אונ־טער, זיא קרעכצעט און פאלט.... אוודאָטיא כאפּט זיא אונטער...

און אוודאָטיא פיהרט זיא צו צו א שטוהל, און אז זיא זעצט זיך, בלייך, וויא דער טוידט, הויבט אָן אוודאָטיא צו ריי־דען מיט טרערען אין קול:

— כאָזיאַעטשקא, דו געזעהען, זיא אויך געוויינט... כאָ־

זיאָעטשקאָ, דו אַ גוטע דושאָ...... דו רחמנות האָב אויף חאוועקע־לען.... זיא געקומען היינט... דאָרף ראַדיען.... און אַנדרושאַ געקומען...איך, אז געהערט פון נאסטיא זייער קוכארקע, אז גאָ־לובושקאַ דאָ, איך באַלד אוועק זעהען מיין דיטיאַטקאַ ניענאָ־גליאָדנאַיע... זיא מיך געקושט, וואָ געקושט, קאָק מאַמקו סוואָיו ראַדנויו, און זיא מיך פרעגט: „קאָק מאַמוליאַ, קאָק טאַטוליאַ?“ און זיא מיר זאָגט: זיא געקומען ראַדיען, זיא מורא זי שטאַרבען... אָך, ניאַניאַ, גאָלובושקאַ — זיא מיר זאָגט — איך זעהען מאַ־מושקאַ איך וויל... אזוי איך וויל... אזוי איך וויל... וואָ!.. שטאַרבען איך וואָלט און זעהען!... און גאָלובושקאַ דאָ וויינט: ניאַניאַ, אָך, ניאַניאַ, פּאָטשעמו עטאָ, פּאָטשעמו?.... גאָט דאָך איינער: אי אַנדרושאָס, אי טאַטוליעס, גאָט דאָך איינער! און איך זאָג: ניע פּלאַטש, דאַטשורקאָ, ניע פּלאַטש — דו ניט וויין! דו זעהען מאַמעלען, זיא דיך האָלד, אַ גוטע דושאָ... איך געהן צו מאַמעלען וויינען.... אָך, כאַזיאָעטשקאָ, אָך גאָלו־בושקאָ!....“

און אוודאָטיא פאַלט צו צו גיטעלעס הענד, יאָמערט און קושט זיי.

גיטעלע ווערט זיך געגען איהר, רייסט פון איהר דיא הענד און שעפּצעט מיט אַ ציטערענדער שטימע:

—לאָז, אוודאָטיא, לאָז! איך בעט דיך, שווייג מוטשע ניט..

אוודאָטיא טרעט אָפּ פון איהר, דריקט צו דעם פּנים צום אַרבעל און בליפּעט.

אַ קורצער שווערער שווייגען... גיטעלע פערברעכט דיא הענד איבערן קאָפּ און קרעכצעט...

און פּלוצים קוקט אָן גיטעלע אוודאָטיאָן.

— אוודאָטיא — פרעגט זיא שטיל, פערשטיקט און טרע־רען קייקלען זיך איבער איהרע צוקנייטשטע באַקען: — אוו־דאָטיא, ווארום איז זיא אזוי בלייך? האָט זיא דיר ניט גע־זאָגט, אַז זיא איז קראַנק?

אוודאַטיא טהוט זיך א כאַפּ צו ענטפערן איהר מיט אַן אימפּעט:

— כאַזיאַעטשקא — ענטפערט זיא מיט געפיהל — דיא גאַ־לובושקא קראַנק.... דיא דושא ביי גאַלובושקא נאַיעט.... מאַ־מולקא זיא וויל זעהען... זיא האַלד מאַמולקא, וואַ, וואַ האַלדו!... כאַזיאַעטשקא, האַוקעלע מורא, זיא שטאַרבען, זיא ראַדיען!.....

און הערענדיג עס, קאַרטשעט זיך צוזאַמען גיטעלע אויפ'ן שטוהל, זיא שוידערט... — געװוג — שרייט זיא — גענוג, איך וויל מעהר ניט הערען.... איך וויל פון איהר ניט וויסען.... איך וויל ניט, איך וויל ניט!... רבונו של עולם, אוי, שטאַרק מיין הארץ — שעפּצעט זיא מיט פרומען געבעט — דו ווייסט, אז איך בין נור א שוואַכע פרוי, א אונגליקליכע מאַמע.... לאַז יעצט ניט צו דעם שטן'ס שליטה!....

און דאַ דערהערען זיך אין פיר־הויז טריט. גיטעלע דער־קענט דיא טריט... „זעמעלע געהט!" — שרייט זיא אויס צו־שראָקען, שפּרינגט אויף פון שטוהל און ווענדעט זיך צו אוו־דאַטיא'ן:

—שאַ, אוודאַטיא, זאָל זיין שטיל — רעדט זיא אויס צווי־שען דיא ציינער און קוקט זיך אום אונרוהיג אויפ'ן טיר: — שאַ, דו ווייסט, אז איהר נאָמען טאָר פאר איהם ניט דערמאַנט ווערן!.... שאַ, געה אריין איצטער אין דיין קאמער... ער טאָר ניט וויסען, אז זיא איז דאַרט, דו הערסט?....

און גיטעלע ווייזט מיט'ן האנד אוודאַטיאַן אויף א קאַמער לינקס. דיא אלטע אוודאַטיא קאַרטשעט זיך צוזאַמען און געהט אריין אין איהר קאמער. „באַזשע מאַי, באַזשע מאַי!" שעפּצעט זיא אין גאַנג.....

און גיטעלע אליין שטאַרקט זיך אַנצונעהמען א רוהיגע מינע, זוכט עפּעס צו טהאָן אין קיך, בכדי איהר אלטער זאָל גאָר נישט בעמערקען.....

.2

דיא טיר עפענט זיך, און זעמעלע קומט אריין — א ברייטער, איינגעהויקערטער אלטינקער, קענטיג אמאָל שטארקער מאַן, מיט א לאנגער ווייסער באָרד ביז׳ן גארטעל, מיט לאנגע געקרויזעלטע פאות אין רינגעלאך, מיט קורצזיכטיגע אויגען, אין א שלאָפראָק מיט שנירלאך און אין א שטריימעל. אונטער׳ן פאכווע טראָגט ער א קלומיקעל. ער טרעט אריין פּאַוואָליע, קוקט אָנגעשטרענגט מיט זיינע קורצזיכטיגע אויגען פאר זיך און אין גאנג טרויסעלט זיך ביי איהם דער שנעע־ווייסער קאָפּ.

ער גיט אָפּ גיטעלען דעם קלומיקעל. „שוין באלד צייט ליכט בענשען", זאָגט ער, און נעהמט א קריגעל, אום אָפּצוגיסען „נעגעל־וואסער", וויא דער מנהג איז ביי איהם נאָך׳ן באָד....

—צו רפואה דיר — זאָגט גיטעלע איהם אויך יעצט, וויא אלע פרייטאג, אז ער קומט פון מרחץ, און בעת דעם קרעכצט איהר הארץ: „רבונו של עולם, כאָטש איבער שבת זאָל ער ניט וויסען.... פיר דיין נאָמען וועגען!"

און אין דער זעלבער צייט, אז איהר הארץ בעט זיך אזוי ביי דעם רבונו של עולם, לאכט דער שטן מקטרג, לאכט און שפּיעלט זיך מיט איהר צו־וועהטאָגטער הארץ. ער שטעלט אוועק פאר איהרע אויגען „יענע", אזוי וויא זיא איז געשטאנען אָם ערשט דאָרט ביים פּארקען, א בלייכע, א טרויעריגע, מיט דער טיכעל צו דיא אויגען, קריכט אריין אין א ווייטען ווינקעלע פון איהר נשמה און שעפּצעט פון דאָרטען מיט אזא ווייכען, ריהרענדען קול: „זיא איז קראנק, טויט קראנק.... זיא האָט געוויינט, נעבאך!....

גיטעלע שוידערט, אין מוח מישט איהר פון דעם... „רבונו של עולם, כוחות!" בעט זיא זיך אין דיא מחשבות.

— אונזער רב איז קראנק, איך האָב ערשט געהערט אין באָד, אז ער איז מסוכן קראַנק — מאַכט דאָ פּלוצים זעמעלע, אז ער איז פערטיג געוואָרען מיט דעם אָפּגיסען „נעגעל־וואסער"

און האָט זיך אָבגעווישט — איך בין שוין לאנג ביי איהם ניט געוועזן, שוין לאנג... זייט... (ער שווייגט א ווייל‌ע, זיפצט זיך אָפּ און דאַן זאָגט ער): מען דאַרף מאָרגען געהן איהם מבקר חולה זיין, אז ניט קען ער מיינען, אז זייט.... זייט — שטאַמעלט ער אין א שטילען טאָן און שמייכעלט ביטער — זייט איך בין געוואָרען דער.... דער... דער מחותן פון אונזער שכן דעם אקציזניק, שטעהט מיר ניט אָן צו ריידען מיט א פרומען אידען!.....

אוי, אוי, אוי! — קרעכצעט ער, אזוי וויא ער וואָלט אָנגעריהרט א פרישע וואונד, — מע דאַרף זיך אָנטאָהן און געהן אין בית המדרש מקבל שבת זיין!....

און ער געהט ארויס, איינגעהויקערט און טרויסלענדיג מיט'ן קאָפּ, אין זאַאַל, וואו עס שטעהט דער קליידער־אלמער מיט זיין שבת'דיגער קאַפּאָטע....

גיטעלע בלייבט שטעהן אין קיך, פיהלט זיך, וויא ארומגערינגעלט פון א געדיכטען טומאַן. זיא האָט ניט געהערט גוט, וואָס איהר זעמעלע האָט געזאָגט. זיין קול האָט איהר געקלונגען, וויא פון אונטער א דיקער וואַנד. נור דיא לעצטע ווערטער זיינע האָט זיא געהערט: „דער מחותן פון אונזער שכן דעם אקציזניק"... וואָס איז עס? קיינמאָל האָט עס נאָך ניט געטראָפען... זייט „יענע צייט" האָט ער קיינמאָל ניט דערמאָנט דעם אקציזניק'ס נאָמען, האָט ער אפשר זיך דערוואוסט, אז „יענע" איז דאָ?

— גיטעלע, פאר וואָס געהסטו ניט ליכט בענשען? — הערט זיא אין דיזער צייט זיין שטימע פון זאַאַל, וואָס קלינגט אין איהרע אויערן, וויא פון ווייטען, פון גאַס.

— הא? — טהוט זיא זיך א כאַפּ, וויא פון שלאָף — ליכט בענשען?.... מאַמעלאַך — טהוט זיא א פּאַטש אין דיא הענד — וואָס שטעהט זיא? זיא האָט הפנים פּערגעסען, אז מען דאַרף ליכט בענשען!... „דער שטן... דער שטן"... — שעפּצעט זיא, און לויפט צו ראַפּטאַם צום עמער וואסער, וואָס שטעהט אויף א שטוהל אין א ווינקעלע, און נעהמט זיך שנעל וואשען דיא הענד, דעם פּנים.....

„קיינע מחשבות זרות", טראכט זיא, ווישענדיג אין איי־לענעש דעם פנים מיט א האנד־טוך — כאָטש יענע וועלט ניט פערשפּיעלען!.....

* * *

אין א ווײלע ארום לויפט זיא אריין מיט אן אימפּעט אין זאאל, אן איבערגעטאָנענע אין א געבלומטער, ליוסטרינענער קליידעל מיט א גרינעם פארטוך און מיט א ציפּיק אויפ'ן קאָפּ, אָנשטאָט דעם פריהערדיגען קנופּ.

דער אלטער זעמעלע האלט שוין ביים אוועקגעהן אין שוהל. ער איז אָנגעטהאָן אין א שווארצער אטלעסענער זופּעצע, מיט א ברייטען זיידענעם גארטעל און אין א סאמעטענער גלאנציגער היטעל אויף זיין ווייסען קאָפּ. דער ווייסער קראגען פון זיין העמד איז אריבערגעלייגט איבערן קאָלנער פון זיין זופּעצע.

און אָנגעטהאָן אזוי, קוקט ער אויס מיט זיין ווייסער ברייטער באָרד, וואָס גרייכט ביי איהם ביז'ן גארטעל, וויא א ביבלישער פאטריארך.

— וואָס האסטו זיך היינט דאָרט פארמארודעט? — זאָגט ער, קוקענדיג אויף איהר מיט זיינע קורצזיכטיגע אויגען — באלד וועט מען שוין ניט טאָרען אָנצינדען קיין פייער!

זיא וויל עפּעס ענטפערן, זיא וויל זיך פערענטפערען איי־גענטליך מעהר פאר גאָט, וויא פאר איהם, זעמעלען.... דען זיא פיהלט, אז זיא זינדיגט, זינדיגט שווער פאר'ן רבונו של עולם, ניט נור מיט דעם ניט בענשען ליכט אין דער צייט, נור נאָך מעהר מיט איהרע „מחשבות זרות" און מיט איהר זינדיגען הארצען, וועלכע זיינען איצטער פערנומען געגען איהר אייגענעם ווילען מיט איינער, וועגען וועלכע זיא טאָר ניט קלערען! וועלכע איז איהר א פרעמדע, איהר און דעם גאנצען כלל ישראל; וועל־כע זיא דארף פיינד האָבען, האסען שנאת מות.... אָבער וואָס קען זיא זאָגען, וואָס פאר א תירוץ?... ער, דער רבונו של עולם, זעהט דאָך אלץ, וואָס טהוט זיך ביי איהר אין הארצען.... אז זיא האָט זיך אָבגעגעבען דעם שטן'ס שווארצע שליטה.... און זיא קרעב־

צעט פערצווייפעלט אויפ'ן קול: — אז איך קען ניט, א וועהטאג איז מיר! אוי, אז איך קען ניט, פינסטער איז מיר!....

און אז זעמעלע הערט זיא אויסשרייען דיזע ווערטער, קוקט ער זיא אן פערוואונדערט און פרעגט:

— וואס קענסטו ניט, גיטעלע?

זיא שווייגט, צינדט אן דיא סטערינאווע ליכט אין דיא זיל־בערנע לייכטער און פינטעלט מיט איהרע רויטע אויסגעקא־שערטע אויגען.

ער געהט ארויס, שטעלט זיך אפ אויפ'ן שוועל פון זאאל, און ווארט האלב אומגעקעהרט צו איהר מיט אן אנגעשטרענגטען אויסדרוק אין זיינע קורצזיכטיגע אויגען, אקוראט וויא ער וואלט נאך אלץ געווארט אויף איין ענטפער פון איהר אויף זיין פראגע: וואס קען זיא ניט?

גיטעלע וויים, אז ער שטעהט דארטען אהינטער אויפ'ן שוועל, וויים אויך, ווארום ער שטעהט דארטען. יעדען פרייטאג בעת ליכט בענשען שטעלט ער זיך אפ דארטען, נעבען דער מזוזה, געהענדיג אין שוהל, אום צו הערען איהר ברכה... זיא טהוט א פיר מיט איהרע ארעמס ארום דיא ברענענדע ליכט, אקוראט, וויא זיא וואלט וועלען זיי אלע ארומנעהמען און צו־דריקען צום הארצען, פארשטעלט דיא אויגען מיטביידע הענד און זאגט מיט א בעוועגטער שטימע, אין וועלכעס עס פיהלען זיך פערשטיקטע טרעהרען:

— ברוך אתה ה" אלהינו מלך העולם אשר קדשנו במצותיו וצוונו להדליק נר של שבת...

— אמן! — ענטפערט זעמעלע און וואונדערט זיך בעת דעם אויף גיטעלעס שטימע.... וואס איז עס? עפעס דאכט זיך איהם, אז זיא וויל וויינען... ער האט אבער קיין צייט ניט צו פרעגען ביי איהר... עס ווערט שוין שפעט און ער מוז אין שוהל לויפען! ער ריהרט זיך אן מיט'ן האנד אן דער מזוזה, טהוט א קוש און געהט ארויס פון שטוב, איינגעהויקערט, טרייסלענדיג מיט'ן קאפ.

און אז ער געהט ארויס, האט גיטעלע נאך אין גאנצען ניט

געענדיגט ליכט בענשען; זיא זאָגט איצטער דעם „יהי רצון"....

— גוטע מלאכים צו דיא ליכט, בייזע מלאכים פון דיא ליכט.... ציטערט איהר קול איבערן זאאל, און וויא זיא רעדט ארויס „בייזע מלאכים" פאלט איהר איין דער שטן מקטרג, און ווען איהרע ליפען זאָגען וויטער על פי געוואוינהייט דיא ווערטער פון שרה בת טובים'ס תחינה, ווערט געבאָרען אין דער זעלבער צייט אין איהר הארצען אַן אייגענע תחינה: „רבונו של עולם, העלף מירן פערטרייב דעם שטן, דעם בייזען מלאך, פון דיא ליכט, וואָס ברענען לכבוד דיין הייליגען שבת...."

אָבער, צו וייל דער רבונו של עולם וויל איהר ניט העלפען, צו וייל דער שטן איז אפשר שטארקער פאר'ן רבונו של עולם — דער שטן טרעט פון איהר ניט אָפּ.... יעצט, אז איהר הארץ זאָגט איהר אייגענע תחינה, פיהלט זיא איהם נאָך שטארקער, פיהלט נאָך שטארקער זיינע בייזע, צו להכעים'דיגע לצנות: ער שטעלט אוועג חוה'לעס געשטאלט פאר איהרע צוגעדעקטע אויגען, וויא זיא, חוה'לע, בענשט ליכט, און גיטעלע הערט, דאכט זיך, אצינד קלאָר איהר ברכה.... דאן ברענגט דער שטן פאר איהרע אויגען דעם פארקאָן פון אקציזניק'ס הויף, און נעבען פארקאָן זיא, מיט איהר שרעקליכער פיגור, מיט דיא סמנים, אז זיא ווערט באלד מוטער..... און גיטעלע קרעכצעט און פאלט אָהן כוחות אויף א שטוהל נעבען געגרייטען טיש מיט דיא ברענענדע ליכט....

3.

אין דרויסען פערגעהט דערווייל דיא זון. שווארצע שאטענס צושפרייטען זיך ארום..... עס ווערט דונקעלער און דונקעלער... און וואָס דונקעלער עס ווערט אין דרויסען, אלץ ליכטיגער ווערט ביי ר' זעמעלען אין הויז, אלץ פרעהליכער ברענען דיא סטעארינאָווע ליכט אין דיא זילבערנע לייכטער אויף דעם קלאָרוויסען געגרייטען טיש....

און גיטעלע זיצט אלץ ביים טיש אויפ'ן שטוהל, זיצט און טראכט און מוטשעט זיך, ווארום זיא טראכט.....

„געוועז א שטילע טייבעלע — טראכט זיא צום פינפטען,

צום צעהנטען מאָל — אזא פרומע אידישע טאָכטער..... געוואשען זיך, געבענשט, געפאסט תענותים.... ווער האָט זיך אויף איהר געקענט ריכטען אזא פינסטערען גזר דין? מי זאָגט, א מיידעל לייענט היינטיגע ביכלאך, דיא „טרייף־פסלן,“ געהט זיא אראָפּ פון וועג.... זיא אָבער האָט דאָך עס ניט געלייענט.... זיא האָט דאָך גאָר ניט געקענט לייענען... זיא איז דאָך געוועזן אַן אמת'ע אידישע טאָכטער, היינט וויא?...

„א כשוף“, שעפּצעט זיא — „דער שקץ האָט איהר אָנגע־טהאָן א כשוף... פארלאָרען, פארלאָרען דיא וועלט און יענע וועלט!.....

— רבונו של עולם! — טהוט זיא זיך דאָ א כאַפּ — דאָס איז דאָך א חילול שבת.... איך וועל משוגע ווערן!.....

זיא שפּרינגט אויף פון אָרט; זיא מוז גובר זיין דעם שטן'ס פינסטערע שליטה.... זיא וועט מעהר ניט טראכטען... זיא וועט נעהמען א תורה־וואָרט אין מויל.... פאר דאָס הייליגע וואָרט פון תורה האָט דער שטן מורא.....

און זיא נעהמט ארויס פון ספרים־אלמער, וואָס שטעהט דאָ דערביי אין א ווינקעלע, א חומש, מישט אויף שיר השירים און פאנגט אָן צו לייענען אויפ'ן קול מיט א פרומען טאָן און מיט הארץ....

זיא פערשטעהט ניט דעם טייטש פון דיא ווערטער. זיא ווייס אָבער, אז דאָס איז גאָט'ס הייליגעס וואָרט, והא ראיה, איהר זעמעלע זאָגט אויך שיר השירים יעדען פרייטאג צו שבת.... און ווייבאלד, אז דאָס איז גאָט'ס תורה, מוז דער שטן זיך דער־שרעקען....

און מערקווירדיג, אין איהר מויל דורך איהר שטארקען רע־ליגיעזען גלויבען, קריגט שיר השירים, דאָס אונשטערבליכע ליעד דער ליעדער פון מענטשליכער ליעבע, א הייליגע וואונדערבארע גבורה... דער שטן דערשרעקט זיך טאַקע און לאָזט צורוה איהר שוואכען קאָפּ.... זיא טראכט ניט מעהר... זיא הערט זיך נור צו צו איהר אייגענעם קול, וואָס רעדט ארויס ווערטער, פרעמדע,

אונפערשטענדליכע, דערפאר אָבער אזוינע הייליגע ווערטער!....

זיא לייענט שיר השירים ביז זיא דערהערט, אז זעמעלע געהט פון שוהל. דאן מאכט זיא צו דעם חומש, טהוט איהם א קוש, שטעלט איהם אוועק אויף זיין אָרט אין ספרים־אלמער, געהט צו צום טיש און שטעלט אוים דיא טעלער, וואָס ליגען ביז איצט איינער אויף דער אנדערער, צום עסען.

* * *

זעמעלע קומט אריין, גיט אָפּ א ברייטען גוט־שבת. גיטעלע ענטפערט איהם אויך אזוי ברייטלאך: „גוט יאָהר!"

דיא ליכט ברענען ליכטיג, פריילאך אין דיא זילבערנע לייכטער. דער טיש בלאסקעט פון קלאָרקייט. פון יעדען ווינקעלע קוקט ארוים דער שבת קודש....

זעמעלע נעהמט אראָפּ פון זיך דעם ברייטען זיידענעם גאַרטעל און הויבט אָן צו זינגען מיט בעגייסטערונג: „שלום עליכם, מלאכי השרת, מלאכי עליון." דאן מיט דער זעלבער בעגייסטערונג: „אשת חיל". גיטעלע זאָגט איהם נאָך אין דער שטיל, וויא געוויינליך....

דאן מאכט ער קידוש מיט א פרייליכען טאָן, טרינקט דעם וויין פון'ם גאָלדענעם בעכער און גיט טרינקען פון דעם קידוש גיטעלען.

נאָך'ן קידוש וואשען זיי זיך, זעצען זיך ביים טיש, ער אויבען אָן, נעבען דיא צוויי צוגעדעקטע חלות; זיא אויף א שטוהל אויף דעם אנדער זייט טיש. ער מאכט מיט כונה המוציא, שניידט זיך אָפּ פון דער חלה און איהר. זיא דערלאנגט דיא פיש צום טיש, איהם דעם בעסטען חלק: דיא אָנגעפילטע קאָפּ פון א היבשען העכט, מיט פעפער און ציבעלקעס. דיא פיש פערשמעקט דיא הויז מיט אן אנגענעהמען גערוך.

אָפּגעגעסען דיא פיש, שטעהט זיא אויף צו דערלאנגען דיא יויך און ער נעהמט זיך זינגען זיינע זמירות:

„אתקינו סעודתא, אוי, בים, באָם, דמהימנותא — זינגט

ער מיט א פייערליכע מתיקות — שלימתא חדותא — טאטע זי־סער — דמלכא קדישא!....

גיטעלע טראגט דעם טעפיל יויך צום טיש...

פלוצים דערהערט זיך פון דרויסען א פערצווייפעלטער פרויען־געשריי: „אוי!"

גיטעלע טהוט זיך א צאפעל, ווארפט ארוים דעם טעפיל יויך פון דיא הענד; ער האקט איבער דאס זמירות זינגען און קוקט צומישט.... „ווער איז עס? חוה'לעס קול!"....

„אוי!" דערהערט זיך ווידער דער פרויען־געשריי פון דרוי־סען אין דער ארומיגער ביינאכטדיגער שטילקייט.....

4.

עס ווערט ווידער שטיל, טויט שטיל.... גיטעלע שטעהט אין מיטען זאאל בלייך, וויא קאלך, מיט איהרע רויטע, אויסגעקא־שערטע אויגען אויסגעגלאצט אויף זעמעלען, אקוראט, וויא זיא וואלט זיך בעטען ביי איהם אויף שטום־לשון, ער זאל זיא רא־טעווען פון דעם שרעקליכען געשריי, וואס האט זיך נור וואס געהערט. זעמעלע קוקט אויך צומישט מיט זיינע קורצזיכטיגע אויגען דא אויף איהר און דא אויף דיא שערבלאך פון דעם צובראכענעם טעפיל, וואס ליגען אין נאסען זעמדיל אויפ'ן פאל נעבען איהרע פים, און זיין ווייסע קאפ ציטערט בעת דעם אונטער דער שפיציגער יארמולקע....

„וואס איז עס?" טראכט ער צומישט — „וואס איז עס?"....

און אזוי ווי צום ענטפערן איהם אויף דעם, לויפט אין דיזער צייט אריין אין זאאל דיא אלטע אוודאטיא, לויפט אריין פער־סאפעט, צושראקען, ציטערט מיט'ן גאנצען קערפער, און שרייט אוים מיט א יאמער:

— כאזיאאין, דיין דאטשורקא... דיין חאווקעלע... זיא קען ניט ראדיען... זיא שטארבען..... מאלים, כאזיאאין — טאטולקא טי ראדנאי, מאלים!... דו גאט בע־עטו!

גיטעלע קארטשעט זיך צוזאמען און וויא קליין זיא איז

ווערט זיא יעצט נאָך קלענער, זעהר קליין, קוקט אוים כמעט וויא א קינד, און זיא פערדעקט דעם פנים מיט'ן פארטוך.....

און זעמעלע? לכתחילה, אז ער הערט, וואס אוודאטיא זאגט, דערשרעקט ער זיך, טהוט זיך א טרייסעל און קוקט אויף איהר צוטומעלט, איבערראשט. באלד אבער נעהמט אן זיין פנים א רו־היגען אויסדרוק. נאָך מעהר, וויא א רוהיגען — דאכט זיך, א פרייליכען אויסדרוק; ער טהוט א הוסט און נעהמט זינגען ווידער זמירות:

„אתקינו סעודתא דמלכא — זינגט ער — אוי, בים, באם־באם!....

צוערשט קלינגט זיין קול א ביסעלע אויפגערעגט, הייזעריג־לאך און מיט א ציטער, אקוראט, וויא דיא טענער פון זיין שטי־מע וואלטען זיך פארטשעפעט אן עפעס אין זיין האלז און זיי וואלט אויסקומען ארויסצורייסען זיך פון דארט איבערגעוואלד... נור באלד — שוין ביי דעם דריטען, פיערטען ווארט — קלינגט זיין קול ריין און קלאר....

דא היא סעודתא דחקל תפוחין — זינגט ער שוין מיט התלהבות, קלאפט צו מיט'ן האנד אן טיש צום טאקט און זיין פנים און זיינע קורצזיכטיגע אויגען שטראהלען מיט א מערק־ווירדיגער פיר דיזע שרעקליכע מינוט פייערליכע בעגייסטערונג.

„אוי!" דערהערט זיך ווידער דער פרויענגעשריי פון דרויסען, און דיזען מאל קלינגט ער מיט מעהר וועהטאג, מיט מעהר פערצווייפלונג אין דער ארומיגער נאכט, וויא פריהער, און הילכט אפ אזוי שרעקליך אין דיזער שטוב, וואו דער הייליגער שבת רוהט....

גיטעלע טהוט זיך א ווארף מיט א פערשטיקטען קרעכץ אן א זייט, דריקט שטארקער דעם פארטוך צום פנים און ציטערט.... אוודאטיא קארטשעט זיך צונויף, וויינט, שעפצעט אין דער שטיל: „באזשע מאי" און צלם'ט זיך....

און זעמעלע? ער זינגט דיא זמירות מיט נאָך גרעסערע התלהבות, זינגט אויף אַ העכערען קול, קלאפט צו שטארקער

מיטן האנד אָן טיש, אַקוראַט, וויא ער וואָלט געוואָלט אריבער־שרייען, דערשטיקען מיט זיין אייגענעם געשריי און מיט זיין קלאַפּען דעם פערצווייפעלטען געשריי פון „יענער."

„אוי! אוי!... — הערט זיך יענער געשריי אַלץ אָפּטער און אַלץ שרעקליכער...

— שביתין ושביקין — זינגט זעמעלע הויך אויפן קול, און זיין בעגייסטערטע שטימע קלינגט יעצט, דאַכט זיך, אויך מיט א מין רוגזה...

— כּאַזיאַאין — טהוט זיך דאָ אַ וואָרף צו איהם אוודאָטיא מיט אַ יאָמער — כּאַזיאַאין!...

זעמעלע הויבט אָן צו קלאַפּען נאָכאַנאַנד אָן טיש שטאַרק און אויפגערעגט, מיינענדיג דערמיט, אַז זיא זאָל שווייגען, און זינגט זיך דערביי וויטער זיינע זמרות...

— מסתבין דרחיקין חבילין דמעיקין וכל זיני חרשין... ענדיגט ער.

און גלייך, וויא ער האָט געענדיגט, נעהמט אָן זיין פּנים אַ שטרענגען אויסדרוק. פון דער פריהערדיגער בעגייסטערונג איז קיין סליאד ניט פערבליעבען, און זיינע קורצזיכטיגע אויגען, וואָס האָבען ערשט, ביים זמירות זינגען, געשטראַהלט מיט אַזאַ וואַרעמקייט, קוקען יעצט קאַלט, וויא שטאָלענע... ער טהוט אַ קוק אויף אוודאָטיא, וועלכע שטעהט צונויפגעקאַרטשעט און וויינט, דאַן אויף גיטעלען, וואָס שטעהט צונויפגעדרעהט, וויא אַ בייגעל, מיטן רוקען צו איהם, און ער פרעגט מיט אַ קאַלטען, רוהיגען קול:

— גיטעל, וואָס וויל דיא גויה? וואָס שטעהט זיא דאָ און וואַיעט?

גיטעלע ענטפערט מיט אַ שטילען, רחמנות'דיגען געוויין.

— שאַ! — טהוט ער אַ געשריי מיט אַ בעפעהלענדען טאָן און טהוט אַ קלאַפּ אָן טיש — שאַ!! וואָס איז היינט? יום כפור? תשעה באב? וואָס קלאָגסטו, האַ?!...

„אוי!" דערהערט זיך אין דיעזער צייט וויא אַן ענטפער, יענער פערצווייפעלטער געשריי — אוי, אוי!...

זעמעלע ווערט שטאַרקער אויפגערעגט, טהוט זיך אַ הויב פון אָרט, און קוקענדיג אַנגעשטרענגט אויף גיטעלען מיט זיינע קורצזיכטיגע אויגען, נעהמט ער שרייען העכער, יעצט כמעט בייז, און זיין ווייסער קאָפּ ציטערט בעת דעם, וויא אַ בלאַט:

— איך זאָג דיר, דוא זאָלסט ניט וויינען — שרייט ער — דוא האָסט ניט וואָס צו וויינען.... היינט איז שבת... גיטעל, אַט קוק: אַט דאָרט, לעבען דיינע פיס, ליעגט אַ צובראָכענע כלי... היים דער גויה, זיא זאָל צונויפנעהמען דיא שערבלאַך און ארויסוואַרפען פון שטוב... ביי מיר אין שטוב איז ניטאָ קיין אָרט פיר אַ צובראָכענע כלי — דונערט ער — דוא הערסט, גיטעל דוא הערסט? ניט אין מיין שטוב און ניט אין מיין הארצען איז דאָ אַ אָרט פיר אַ צובראָכענע כלי! היים דער גויה, ארויסוואַרפען דיא שערבלאַך פון שטוב... זיא מעג, אז זיא וויל, זיי אריבערוואַרפען צום אַקציזניק אויפן הויף. דאָרט איז פיר זיי אַן אָרט, דאָרט!...

גיטעלע פערשטעהט, וואָס ער מיינט, פיהלט דיא וואונדען אין איהר האַרצען, וואָס ער האָט אַנגעריהרט מיט זיינע ווערטער, און איהר ווילט זיך וויינען, שרייען פון ווייטאָג... אָבער אין דער זעלבער צייט דערמאָנען איהר אויך זיינע ווערטער און זיין שטרענגער טאָן, אז זיא זינדיגט, זינדיגט שווער; אז זיא איז צופיעל בעוועלטיגט פון׳ם שטן מקטרג... און זיא נעהמט צונויף מיט איבערגעוואַלד איהרע אַלע קרעפטען, וואָס דאָס גלויבען און דיא מורא פאר גאָט וועקען אויף אין איהר נשמה, און דער שטיקט אין זיך דעם געוויין...

זיא ווישט אָפּ דיא אויגען און דאַן הייסט זיא אוודאָטיאַן מיט אַ פערשטיקטען קול, אז זיא זאָל צונויפנעהמען דיא שערבלאַך פון פאָדלאָגע...

אוודאָטיא טהוט, וואָס מען זאָגט איהר, געהט ארויס מיט דיא שערבלאַך פון שטוב און כליפּעט אין גאַנג...

און אַז אוודאָטיא געהט אַרויס, זעצט זיך זעמעלע ווידער

אנידער און װענדעט זיך צו גיטעלען מיט א װייכען, זעהר װיי־
כען קול:

— גיטעלע, קום צום טיש. דערלאַנג עסען, װאָס דוא האָסט
דאַרטען...

צונױפגעקאַרטשעט, מיט א לײדענדען אױסדרוק אין איהר
פּנים און איהרע אױגען, דערלאַנגט זיא דאָס פלײש צום טיש,
זעצט זיך און נעהמט מיט געװאַלד עסען...

און אין דיעזער צײט דערהערט זיך װיעדער און װיעדער
יענער געשרײ.. דער ביסען פאַלט בײ גיטעלען ארױס פון מױל;
זיא שפּרינגט אױף פון אָרט, װיא אַן אָפּגעקאָכטע, כאַפּט זיך
אָן מיט בײדע הענד פאַר'ן קאָפּ, לױפט איבערן שטוב און
קרעכצעט, װיא א פערװאונדעטע...

זעמעלע טהוט זיך א כאַפּ, װיל זיא אָפּשטעלען.

— זיץ — שרײט ער מיט רוגזה — זיץ! עס! הער ניט!

—אױ, איך קען ניט! װעה איז מיר, איך װעל משוגע װע־
רען! קרעכצעט זיא — דוא הערסט, סראַ קולות! אױ, זעמעלע,
ראַטעװע מיך, ראַטעװע מיך... װעה איז מיר, איך בין נור א
שװאַכע אידענע, א מאַמע א קלאָג צו מיר! דוא ביזט א מאַנס־
פּערשױן... ראַטעװע, איך קען ניט... איך האָב קײן האַרץ ניט,
קײן כּוח ניט! אױ — ברעכט זיא אױס מיט א פערצװײפעלטען
יאָמער — אױ איך װעל משוגע װערען!... און זיא פערדעקט דעם
פּנים מיט'ן פאַרטוך, װײנט און טרױסעלט זיך מיט'ן גאַנצען
קערפּער, װיא פון קדחת...

און אַז זעמעלע הערט יעצט גיטעלען װיא זיא בעט זיך בײ
איהם, ער זאָל זיא ראַטעװען, שװײגט ער, לאָזט אראָפּ דעם
װײסען קאָפּ אױפ׳ן ברוסט און שװײגט... דען ער פיהלט, אַז אָט־
אָט װעט ער אלײן ניט אױסהאַלטען און װעט זיך צו־װײנען אױפ'ן
קול... װאָרום זײנע יסורים אין דיזער מינוט זײנען ניט אריבערצו־
טראָגען... ער האָט אױך האָלד געהאַט זײן טאָכטער, האָלד געהאַט
זיא מעהר פון אַלעמען און אַלעם אױף דער װעלט... דער שװאַרץ
אַפּעל פון דיא אױגען איז זיא בײ איהם געװען... זײן „האַרצעלע“

זיין „פייגעלע“ און זיין „קינדושע.“ פאר זיינע אויגען טראגט זיא זיך יעצט פערביי אין פערשיעדענע פאזעס און אין פערשיע־דענעם עלטער: דא נאך אלס קינד, שפיעלענדיג זיך און שטי־פענדיג איבערן שטוב און דא אלס אן אונטערגעוואקסענע מיידעל, גרייטענדיג פיר איהם צו טיש מעשה גרויסע בריה און מיט א פרייליכע מינע אויף איהר ליעב פנים'על, און דא אלס כלה־מויד, מיט א שטילער, פערטראכטער, שעהמעוודיגער מינע, ארבייטענדיג אין שטוב ביים קאכען, ביים וואשען, ביים נעהען... בענטשענדיג ביים טיש ליכט — און צוזאמען מיט דיעזע בילדער ערוואכט אין זיין נשמה דיא פריהערדיגע ליעבע צו איהר... דאס געדויערט אבער ניט מעהר וויא א רגע: באלד שווימט ארויס פאר זיינע אויגען דער מאנאסטיר הינטערן שטעדטיל... א אפענער פענסטער דארטען... און אין פענסטער זיא... און שרעק ערוואכט אין איהם... שרעק און פערצווייפלונג, און האס — דיעזעלבע גע־פיהלען, וואס ער האט דאן געפיהלט, אז ערהאט זיא דארטען דער־זעהען..... און דיעזע אלע בילדער יאגען זיך און דרייען זיך, און מישען זיך פאר זיינע אויגען, און מיט זיי צוזאמען מישען זיך אין זיין נשמה פערשידענע געפיהלען: ליעבע, שרעק פערצווייפ־לונג, און האס.... ער ווערט דערשטיקט פון זיי!

„ה' נתן, וה' לקח — גאט האט געגעבען און גאט האט צוריק גענומען“ — טראכט ער, און אין דער זעלבער צייט שעפצען אונ־בעוואוסט זיינע ליפען: „געוועזן אזא וואוילע טאכטערקע — —

און אז זיינע ליפען שעפצען עס, פיהלט ער, וויא פון זיינע אויגען גנב'ענען זיך ארויס ווארעמע טראפענס, קייקלען זיך איבער זיינע באקען און נעצען זיין ווייסען בארד. ער איז יעצט אויך געבראכען, דער אלטער זעמעלע, לענגער האלט ער עס ניט אויס, און ער קעהרט אפ דעם קאפ אן א זייט, אז גיטעלע זאל איהם ניט קענען זעהען, שלינגט דיא טרעהרען און סאפעט...

דאס אלעס געדויערט נור עטליכע סעקונדען, און אין דיזע עטליכע סעקונדען לעבט ער איבער דיא איינדריקע און געפיה־לען פון גאנצע מאנאטען און יאהרען פון זיין לעבען... זיין מוח

ארבייט. זיין פאנטאזיע צושפּיעלט זיך און צורודערט זיין נשמה ביז צו איהרע טיעפסטע ווינקעלעך.... א ים איז יעצט זיין נשמה, א שטורעמדיגער ים, וואס זיינע כוואליעס, וועלכע האָבען ביז יעצט גערוהט אין זיין טיעפען שוים, זיינען אויפגעוועקט געוואָרען פון דיא קנאלען פון'ם דונער און פון דיא פייערען פון'ם בליטץ!....

און פלוצים שטעלט זיך אָפּ זעמעלעס פאנטאזיע אויף איין בילד: ער זעהט יעצט ליגען חוה'לען אין א בעט מיט א צוקרימטען, צו וועהטאָגטען פנים... זיא איז אליין, עלענד, נעבאך, אָהן א טאטע־מאמע, אָהן פריינד, ווען עס זאָל הארען איהרע יסורים... דאס הארץ צו־וויינט זיך אין איהם... „חוה'לע — וויינט זיין הארץ — „חוה'לע, אויסגעפיהרט, האַ?... כדאי געווען צו קוילען טאטע מאמע, האַ? וואָלסטו געהאט א מאַן און ניט קיין „שקץ", וואָלסטו דעמאָלט געהאט אי א טאטען, אי א מאמען, אי א גרויסען גאָט, אַן אל רחום וחנון, וואָלסטו דעמאָלט געהאַט, וואס וואָלט זיך זיכער אויף דיר מרחם געווען! אזוי אָבער ביזטו אַצינד, וויא אין א וויסטען מדבר, נעבאך... קיין טאטע, קיין מאַמע, קיין גאָט.... ווען זאָל אַצינד הארען פאר דיר?..."

און אז ער טראַכט אזוי, דער אונגליקליכער זעמעלע, שווימען דאָ ארויס פאר זיינע אויגען דער שקץ און דעם שקץ'ס טאטע, דער אלטער אַקציזניק... ער זעהט זיי ביידען שטעהען נעבען חוה'לעס בעט... און א געפיהל פון א בע'גזל'טען מענשען, פון א מענשען, ביי וועמען מען האָט אוועק גערויבט דאָס בעסטע, דאָס טהייערסטע, אז ער דערזעהט, וויא זיינע רויבער שפּיעלען זיך פאר זיינע אויגען מיט ז י י ן ז א ך, וואָס איז איהם געווען אזוי טהייער, האָט זיך אין איהם ערוועקט...

„פאר זיי האָב איך זיא אויפגעהאָדעוועט — טראַכט ער מיט וועהטאָג און מיט האס — „פאר זיי האָב איך איבער איהר אזוי געציטערט, פאר זיי און פאר זייער יוזל!"

דיעזער האס געהט יעצט אריבער אויף חוה'לען אויך. ער פיהלט עפּעס א מין צורייצטע הנאה, וואָס זיא ליידעט.... „רעכט

אויף איהר" — טראַכט ער — „אַ מצוה אויף דער צולאַזענער מוידל!" און ער פיהלט, אז ער וואָלט זיא איצט נאָך געפּאַטשט, ווען ער וואָלט געקענט...

אזוי זיא האָלד געהאַט... דיא האָלז בערייט געווען צו לאַזען זיך שניידען פאר איהר... און זיא?.. אַ מצוה, אַ מצוה — טראַכט ער צורייצט און פיהלט דערביי דאָס זעלבע, ווי ער וואָלט גע־קראַצט אַ געשוויער, וואָס שמאַרצט איהם...

„אַ מצוה אויף איהר! גאָט בעצאָהלט איהר דערפאַר... איהר? נור איהר? און מיר און איהר מאַמען?... פאַרוואָס אונז? האָבען מיר זיך אזוי שווער פערשולדיגט פאַר איהם, אז קיין קלענערע שטראָף האָט ער פיר אונז ניט געקענט אויסגעפינען, וויא דיא? פאַרוואָס הא, פאר וואָס?!"... — הויבט זיך פּלוצים אויף אין זיין נשמה אַ געהיימע אונצופריעדענע שטימע מיט טענות צו גאָט... „נסיון!... ענטפערט איהר גלייך אָב אַ צווייטע שטימע פון אַ ווינקעלע — „נסיון! דוא האָסט קיין רעכט ניט צו ריידען.... גאָט ווייס, וואָס ער טהוט... דעם רשע שטעלט ער ניט אוועק אין נסיון, נור דעם צדיק, דעם אמת עהרליכען אידען... דערמאָן זיך נור אויף איוב'ען...."

און דיעזע שטימע, וואָס רעדט פון נסיון, איז אזוי שטאַרק, רעדט מיט אזא פייער, מיט אזא איבערצייגונג, בעווייזט, אז עס איז אַ נסיון מיט אזוי פיעלביישפּיעלע און ראיות פון גמרא, פון מדרש און פון אַנדערע הייליגע ספרים, אז דיא אונצופריע־דענע שטימע דערשרעקט זיך און בעהאַלט זיך צוריק אין דעם געהיימען ווינקעלע פון זעמעלעס נשמה... און ער, זעמעלע, הערט איצטער נור איהר אַליין, איהר, דיא שטאַרקע, דיא מעכטיגע שטימע... און וואָס לייגנער ער הערט זיך צו צו איהר,אַלץ שטאַר־קער גלויבט ער אין איהרע ווערטער און אַלץ רוהיגער און ליכ־טיגער ווערט איהם אויפ'ן נשמה... יע, גאָט שטעלט איהם אויף פּראָבע, ער מוז איהם בעווייזען, דעם מלך מלכי המלכים, אז ער, זיין קנעכט זלמן בן שפרה, איז איהם איבערגעגעבען מיט לייב און לעבען, ער מוז און וועט!

און טראַכטענדיג, פּיהלט ער, דער שוואַכער, צובראָכענער, אַלטער זעמעלע, אַז ער איז מיט אַ מאָל געוואָרען שטאַרק, יונג וויא ער איז נאָך קיין מאָל ניט געוועזן; אַז ער איז איצטער שטאַרקער פון שמשון הגבור און איז בערייט פון גאָט'ס וועגען מלחמה צו האַלטען מיט'ן שטן און מיט דער גאַנצער וועלט.. זיין פּנים צופלאַמט זיך מיט בעגייסטערונג און זיינע אויגען צינדען זיך אָן מיט אַ הייליגער התלהבות, ער טהוט זיך אַ קעהר צו גיטעלען, וואָס שטעהעט נאָך אין מיטען זאַאַל צונויפגעקאָרטשעט מיטן רוקען צו איהם, און טרייסעלט זיך, און זאָגט מיט אַפּייער־ליכער שטימע:

— גיטעלע, גיטעלע, הער אויף צו זינדיגען!! גענוג דיר צו וויי־נען!... (ער שטייט אויף פון אָרט, געהט צו איהר צו און זאָגט מיט אַ שטילערען קול) : — נאַרעלע, פערשטעהסטו ניט, אַז עס איז אַ נסיון פון גאָט?...

— אוי, זעמעלע, דאָס איז אָבער אַזאַ שווערער נסיון — וויינט זיא פערשטיקט — איך וויים, אַז איך זינדיג, וועה און ווינד איז מיר!... איך קען אָבער ניט אַנדערש.... זעמעלע, דאָס איז דאָך דער גיהנום, דער אמת'ער גיהנום!..... וויינט זיא ליידענשאַפטליך, פערשטיקט.

— נאַרעלע — רעדט ער צו איהר מיט בעגייסטערונג — אַז עס וואָלט ניט געוועזן אַזוי שווער, וואָלט עס קיין נסיון ניט גע־וועזן!... ער וויל זעהען, וויא שטאַרק איז אונזער האַרץ!..

אוי, איך האָב ניט קיין האַרץ.... מיין האַרץ איז אויסגע־פּוילט!....

— אברהם אבינו האָט ניט פערלאָרען זיין בטחון, אפילו יע־מאָלט, אַז מען האָט איהם אריינגעוואָרפען אין ברענענדיגען קאַלך אויווען!... רעדט ער צו איהר אין אַ מוסר טאָן....

— ער איז געוועזן אַ צדיק און אַ שטאַרקער מאַן — וויינט זיא ליידענשאַפטליך — און איך? וואָס בין איך?... אַ שוואַכע, קראַנקע אידענע, אַ פערפינסטערטע מאַמע.... ווינד איז מיר, איך האָב קיין כח ניט!

—דו וויל נור!—שרייט ער שוין מיט רוגזה, מיט אן אויפגע־רעגטען קול — דו וויל נור, וועסטו האבען כח!.... נארעלע — בייט ער פלוצים אום זיין קול אויף א ווייכען און בעטענדיג: — נארעלע, וואס הייסט, דוא האסט קיין כוח ניט... קיין מויער דארפסטו דאך ניט אויפהויבען!... גיטעלע, נו, גענוג... נו, וויין ניט... שא, שא!.... „איזהו גבור, הכובש את יצרו"—דער איז נור א גבור, וואס נעהמט איין זיין יצר הרע!... נו, שא, שא!....

— אוי, זעמעלע, אז דוא וואלסט וויסען וויא מיר איז — כליפעט זיא און טרויסעלט זיך, וויא פון א קדחת — איך שטארק זיך און שטארק זיך, און קען ניט... עס איז דאך א מאל געווען אונזער קינד!....

און ער ענטפערט איהר מיט רוגזה:

— גענוג, גענוג!... דוא ווייסט, אז זיא איז טויט, געשטארבען! דוא נאר דוא, דוא ווייסט, אז איוב האט פערלארען פיער זיהן און דריי טעכטער; אז ער האט אלץ אנגעווארען, אלץ, וואס נור ער האט געהאט, אפילו זיין גוף איז אויך בעשטראפט געווארען מיט א מורא'דיגען קרעץ — פון דעסטוועגען.... פון דעסט־וועגען....

„אוי!" דערהערט זיך אין דיעזער צייט פון צווייטען הויז דער פרויענגעשריי, וואס הילכט אפ אין דער טרויעריגער נאכט, וויא א לאנגער, לאנגער יאמער פון'ם ווינד — „אוי!"

גיטעלע נעהמט אויך שרייען מיט אימה'דיגע קולות, כאפט זיך פאר'ן קאפ און נעהמט לויפען איבער'ן שטוב.

— אוי! — שרייט זיא — אוי, אוי, דער מח שפאלט זיך!... אוי, ס'ארא קולות... וויא קען זיא נאך זשאווען דארטען!... הער! הער!.... הער! ס'ארא קולות! וויא שפאלט זיך ניט דער הימעל!.... וואוהין אנטלויפט מען, וואו בעגראבט מען זיך?... אוי, אוי, אוי, איך וועל פון מח אראפ!....

און יעצט הערט זיך יענער פרויענגעשריי נאכאנאנד, מיט געבעט הילכט ער, מיט געבעט, מיט אונערטרעגליכען וועהטאג, מיט פערצווייפלונג און מיט שרעק.

„אוי! אוי!... א—א—א!...

גיטעלע לויפט איבערן זאאל האלב משוגע, מיט א צו־קרימטען פנים, מיט גלעזערנע אויגען, דריקט זיך דעם קאפ מיטביידע הענד און ביי יעדען געשריי פון יענער פרויענצימער, טהוט זיא אויך א געשריי און א לאף איבער'ן צימער, וויא אימיצער וואלט זיא פון הינטען געשמיסען מיט א בייטש!..

זעמעלע האט איצט אויך פערלארען זיין פריהערדיגע גבורה; ער שטעהט א בלייכער, קוקט צומישט מיט זיינע קורצ־זיכטיגע אויגען און ציטערט פון קאפ ביז דיא פיס.....

אויף'ן סוף לויפט צו איהם צו גיטעלע, כאפט איהם פאר'ן האנד און שעפצעט צושטערט:

— זעמעלע, דאס איז דאך אבער... צופיעל, צופיעל.... פון גאט... אהן רחמנות גאר... בעהאלט מיך ערגעץ! ראטעווע, פיהר מיך אוועק... פיהר מיך אוועק פון דאנען!.... ווארים, ווא־רים — שרייט זיא אוים מיט א ליידענשאפטליכען יאמער — באלד, איך האב מורא.... איך וועל באלד משוגע ווערען... איך וועל.... נאך באלד גאט אויך נעהמען שילטען!.....

זעמעלע טהוט א שוידער.

— שטילער! שרייט ער אוים מיט שרעק — וואס רעדסטו, הולטאיקע!.... קום — טהוט ער זיא א כאפ — קום אין ספאלניע... פערשפאר דיא טהיר.... לייג זיך אפרוהען... דעק זיך איבער מיט קישענס, מיט קאלדרעס.... הער ניט, רייד ניט, זינדיג ניט! — שרייט ער אוים מיט שרעק, פיהרענדיג זיא אין שלאף־צימער.

אין שלאף־צימער קוקט אריין דיא לבנה דורך'ן פענסטער, איהרע שטראהלען פויזען ארום איבער'ן פאדלאגע און בעלייכ־טען דעם צימער מיט א בלייכער ליכט....

זעמעלען דאכט זיך, אז דיא לבנה קוקט אויף זיי דורך'ן פענסטער, קוקט אזוי מאדנע, אקוראט, וויא זיא וואלט זיי עפעס געסטראשעט.... און א פחד נעהמט איהם אן, א שרעקליכע מורא, און א שוידער לויפט דורך איבער זיין לייב....

ער פיהרט צו גיטעלען צום בעט. זיא ווארפט זיך אריין אין בעט, גראָבט איין דעם פּנים אין קישען און שטיקט איהרע קרעכצען.

זעמעלע בלייבט שטעהן נעבען איהר, קוקט אויף דער לבנה אין פענסטער, און וואָס לענגער ער קוקט אויף איהר, אלץ שרעקליכער קוקט זיא אויף איהם, אלץ בייזער... אָט זעהט ער בעשיינפערליך, וויא זיא ווינקט צו איהם דורך'ן פענסטער מיט אַ סטראַשענדיגער מינע... ער פערשטעהט, וואָס זיא מיינט... „הא, אזוי שטעהסטו אוים דעם נסיון?" — מיינט זיא... עס ווערט איהם קאלט און עס ווארפט איהם א צאָהן אָן א צאָהן......

דיא געשרייען פון יענער פרוי הערען זיך יעצט ניט..... עס איז שטיל ארום. מע הערט, דאכט זיך, א געהיימען שעפּצען פון דער נאכט... און אָט דערהערט זיך דורך דער ארומיגער שטילקייט דאָס קלאַפּען פון דעם נאַכט-וועכטער מיט זיין קאַ־לעקאַטקע אין דרויסען: טראַך—טראַך—טראַך.... עס ענטפערט איהם א ווייטער פייפען פון א פּאָליציי‌סקער פייפעל... און עס ווערט ווידער שטיל...

און גיטעלע ליגט אויפ'ן בעט, ליגט וויא א טויטע, דעם פּנים איינגעגראָבען אין קישען, מיט צונויפגעקוועטשטע ציינער און ריהרט זיך ניט....

זעמעלע טהוט א שווערען זיפץ.

„אוי, נו, רבונו של עולם!" שעפּצעט ער און עס ווארפט איהם אין קעלט און אין היטץ.

פּלוצים הילכט אָפּ אין דער געהיימער שטילקייט פון דער נאכט א שרעקליך־הערצרייסענדער געשריי:

„אוי, מאמינקע, רא—טע—ווע! .....

גיטעלע שפּרינגט אויף פון בעט מיט א געשריי:

„אוי, זיא רופט מיך!... חוה'לע!....

דיא אויגען בלישצען ביי איהר משוגע און זיא טהוט זיך א וואַרף מיט אַן איםפּעט פון בעט.....

זעמעלע כאפט זיא אַן פאר'ן האנד און שרייט אוים מיט שרעק:

— וואוהין? וואָס ווילסטו טהאָן?.....

— לאָז איין — שרייט זיא משוגע, רייסענדיג זיך פון זיינע הענד. — לאָז איין, דו רוצח! קיין הארץ האָסטו ניט. קיין רחמנות! זיא שטארבט, לאָז מיך צו צו איהר!...

— דו ווילסט מיך קוילען, הולטאיקע — שרייט ער אוים און עס ווארפט איהם א צאָהן אָן א צאָהן — אין גאנצען קוילען?!!

— לאָז איין, גזלן! איך וועל דיר דיא אויגען אויסדראפּען...

און מיט אַן אונגעוויינליכען כח טהוט זיא זיך א ריס פון זיינע הענד און לויפט ארוים פון שטוב.

זעמעלע קאָרטשעט זיך צוזאמען פון שרעק.... וואָס איז עס? וואָס טהוט זיך עס היינט?... פערציג יאָהר האָט ער אָבגעלעבט מיט גיטעלען און עס האָט קיינמאָל ניט געטראָפען, אַז זיא זאָל זיך דערוועגען איהם ניט צו פאָלגען, און אצינד, אין אזא צייט — וואָס איז עס?.....

ער זעהט אין דעם אויך א שלעכטען סימן, און איהם ווערט נאָך מורא'דיגער....

* * *

אין א פּאָר מינוטען ארום, אַז ער געהט ארוים זעהן, וואו גיטעלע איז, טרעפט ער זיא אויפ'ן הויף, ניט ווייט פון דער טיר פון שטוב, א צונויפגעקאָרטשעטע, מיט פערבראָכענע הענד ביים ברוסט און מיט אַן אראָבגעלאָזענעם קאָפּ....

דיא נאכט איז א העללע, א ליכטיגע... דיא לבנה שווימט איבער'ן הימעל, און, שווימענדיג, קוקט זיא אויפ'ן דאך פון'ם אקציזניק'ס הויז, וועלכער גלאנצט, וויא בעשאָטען מיט זיל־בער.... אויף ד'רערד, ביים פארקען, וואָס טהיילט אָפּ זעמעלע'ס הויף פון דעם אקציזניק'ס, שטעהט אוודאָטיא אויף דיא קניע, מיט דיא אויגען פערריסען צום הימעל,מורמעלט עפּעס און צלמ'ט זיך....

זעמעלע ריהרט אַן גיטעלע'ן פאר'ן פּלייצע, זיא טהוט זיך א טרייסעל און קוקט זיך אום מיט גלעזערנע אויגען.

— קום — רופט ער זיא מיט א ציטערנדען קול — קום אין שטוב!....

זיא שטעהט און קוקט א ווײלע אויף איהם, דאן ווייזט זיא איהם אָן מיט'ן פינגער אויף אוודאָטיא'ן ביים פּארקען און שעפּ־צעט ארום צושטערט:

— זעהסט, זעמעלע, זעהסט, הא? און מיר איז גאָר פון מח ארויס, אז מע דארף פאר איהר בעטען צו אַן אנדער גאָט!...... זעה, זעה, וויא זיא צלם'ט זיך דאָרטען, זעה! קום פון דאנען, קום אוועק!... שעפּצעט זיא פערשטערט — קום!... יענע איז ניט אונ־זערע, זייערע, זייערע!

זיא וויינט שוין ניט מעהר, זיא קרעכצעט שוין ניט מעהר. איהר הארץ איז פערגליווערט, אָבגעשטאָרבען.

און אז זיי נעהמען געהן צוריק אין שטוב, שטעלט זיא איהם ווידער אָפּ אויפ'ן וועג און שעפּצעט:

— דוא הערסט גאָר ניט, זעמעלע?... קיין קרעכץ אויך ניט?.....

זיא שטרענגט אָן דעם אויער און הערט זיך צו צו דער שטילקייט פון דער נאכט. ער לאָזט אראָפּ דעם קאָפּ און סאָפּעט פון דיא טרערען, וואס שטיקען איהם....

עס איז שטיל... עס הערט זיך נור אוודאָטיא'ס מורמלען, וואָס קלינגט וויא א געמורמעל פון א לויפענדען וואסערל אין דער נאָהנט, צייטענווייז ווערט איהר מורמלען איבערגעשלאָגען פון דעם נאכטוועכטער'ס קאַלקאָטקע....

— זעמעלע, הערסט אַלץ גאָר נישט? — שעפּצעט זיא און איהרע אויגען בלאָנדזשען ארום ארום דעם אַקציזניק'ס שטוב מיט דיא ליכטיגע פענסטער: — זיא איז געשטאָרבען, זיכער געשטאָרבען!....

— גע'פגר'ט — כאפּט ער אונטער שטיל און הייזעריג, און צו־וויינט זיך, וויא א קליין קינד...

אז זיא דערהערט זיין געוויין, טהוט זיא זיך א כאפּ צו איהם:

— וואָס? דוא וויינסט אויך? שעפּצעט זיא — דוא אויך? נו, שאַ, נאַרעלע, נו, נו גענוג... קום אין שטוב, קום, שאַ! — שעפּצעט זיא....

— איך בין קיין איד ניט, גאָר קיין איד ניט, וויינט ער...

און דיאביידע אַלטינקע,ביידע צובראָכען, איינגעהויקערט, מיט אראָבגעלאָזענע קעפּ, געהן אריין צוריק אין שטוב...

זיי זעצען זיך ביים טיש, לאָזען אראָפּ דיא קעפּ און שווייגען. דאָס איז א שרעקליכער מין שווייגען, הארצברעכענדער פון דעם העכסטען יאָמער...

און אזוי זיצען זיי א היבשע צייט. דיא ליכט האַלטען דערוויילע ביים אויסברענען. זייערע פייעריגע צינגעלאך צאַפּלען זיך שוין ביי דיא ברעגעס פון דיא לייכטער... אין זאאַל ווערט דונקעלער... דיא ווינקעלאך פון זאאַל ווארפען פון זיך שווארצע שאָטענס... עס ווערט אַלץ שווארצער און שווארצער ארום...

פּלוצים עפענט זיך דיא טיר מיט האסט און דיא אַלטע אוודאָטיא לויפט אריין אין זאאַל מיט א שמחה:

— כאַזאיעטשקאַ! — שרייט זיא אוים מיט טרערען אין דיא אויגען — דיין דאָטשורקאַ, דיין חאַוקעלע... סלאַוואַ באָגו, זיא א סינאָק געראָדיעט... א סלאַוונינקען סינאָק, א שעהן אינ־געלע, מיר, מיר קוכארקאַ געזאָגט...

גיטעלע שפּרינגט אויף פון אָרט און ציטערט.

— אוודאָטיאַ! — שרייט זיא אוים היסטעריש — זיא לעבט? איבערגעקומען?... וואָס פאַר א שטארקען גוטען גאָט מיר האָבען! — טהוט זיא א פּאַטש אין דיא הענד — דוא הערסט, זעמעלע, דוא הערסט? — טהוט זיא זיך א כאַפּ צו איהם מיט שמחה — זיא לעבט!....

זעמעלע האָט זיך אויך אויפגעהויבען פון אָרט, בלייך, וויא דער טויט, האַלט זיך מיט ביידע הענד אָן דיא ברעגעס פון

טיש און ציטערט אזוי, אז דיא געשיר אויפ'ן טיש טרייסלען זיך מיט א קלינגעריי....

— א ממזר — שעפּצעט ער, ציטערנדיג — א ממזר...

און עס ווארפט איהם א צאַן אַן א צאַן....

גיטעלע טהוט זיך א כאַפּ צוריק מיט א קרעכץ, קאַרטשעט זיך צוזאַמען און קוקט אויף איהם צושראָקען מיט גלעזערנע אויגען.

„א ממזר!" הילכט און עס קלינגט אין איהרע אויערן און צינדט איהר אָן דעם מוח — „א ממזר!" — שעפּצען איהרע ציטערנדע ליפּען — „א ממזר"....

ברוך דין אמת.

.1

איין טאָכטער האָט געהאַט באַשע־חיה־גיטעלעס, איין אויג אין קאָפּ — דאָך האָט זיא נעבאָך זעהר ווענינ נחת פון איהר געהאַט!...

אז דער אַלטער האָט נאָך געלעבט, איז געוועזן ניט צו פּערזיינדיגען; חנה׳לען האָט גאָר ניט געפעהלט — סיי אַ קלייד, סיי אַ שוך — אַלעס איז געוועזן, גלויבט און גערדאַנקט זיין נאָמען...

חנה׳לען האָט מען אויך געגומען אַ לעהרער צום לערנען— שוין אַזאַ וועלט, ברוך השם, אז מען מוז זיין געבילדעט...

און אַ טהייערע קעפּעלע האָט חנה׳לע געהאַט, גאָר אַ מאַנסבילשע, און האָט זיך געלערנט, וואָס איז שייכות, אַט טאַקי וויא אַן עלוי.... איהר שרייבען איז געוועזן אַ פּקוח נפש ממש, היינט איהר לייענען, אַ קאַטאָוועס איהר לייענען? איינע אין אַ וועלט!....

היינט אַ פּאַרשוין איז געוועזן חנה׳לע, אסור אויב צו איהר האָט מען געקענט גאָר געפינען אַ גלייכען, ווען מען זאָל האָטש אויסזוכען דיא וועלט אין מיט׳ן העלען טאָג מיט אַ ליכט אין האַנד!...

שוואַרצע אויגען וויא אַ פּאָאַר פינקלענדיגע ברילליאַנ־טען, אַ פּנים ליכטיג, ניט אַריינצוקוקען, וויא אין דיא שעהנע, ליכטיגע זונן.... אַ שמייכעל — גאָלע חן... היינט אַ וואוקס? הויך און גלייך, אַ **יונגע** בוימעלע!...

דער טאַטע משה און די מאַמע באַשע האָבען ממש געקוואָלען פון זייער גערעטענער בת יחידה'קע — זייער חנה'לע, זייער גערעטענע טאָכטערקע, מיט איהר שעהנקייט, מיט איהר חכמה וועט געווים קריגען א חתן, א זיידענעם יונגען מאַן...

דאָ איז אָבער חנה'לע פּלוצים געבליעבען א ביטערע יתומה, נעבאַך — איהר טאַטע משה האָט אוועקגעגעבען זיין נשמה צו גאָט....

זיא איז דאַן שוין געוועזען א זיעבענצעהן יעהריגע מיידעל, ביי לייטען א כלה א מויד.

און פערדאגה'ט האָט זיך באַשע: ווינד און וועה איז איהר, וואָס זאָל זיא נעבאַך איצטער טאָהן? קיין חיונה איז ניטאָ, חנה'לע איז אַן ערוואַקסענע מויד — וואָס וועט זיין? וואָס וועט זיין?

און זיא האָט זיך גענומען האַלטען עצות מיט חנה'לען:
חנה'לע — טאָכטערקע, וואָס טהוט מען?

— פאַל ניט אַראָב, מאַמינקע; לאָז מיך נור פאָהרען קיין אַמעריקאַ, דאָרט וועל איך גאַנץ זיין. ווען אַזאַ שלאַק, וויא יאַכנע שמערעל איצעס, האָט זיך דאָרט געפונען א בעשערטען — א גביר, א גאַנצען פאַבריקאַנט, האָב איך גאָר ניט וואָס צו זאָרגען...

— חנה'לע, טאָכטערקע, וואָס רעדסט דוא, אוי א וועהטאָג איז מיר, שטייטש, אין אַמעריקאַ? און וואו וועל איך בלייבען אויף מיינע עלטערע יאָהרען, מיט ווען, א בראָך צו מיר?!

— איך וועל באַלד שיקען נאָך דיר פון דאָרטען....

און געוויינט האָט באַשע, שלאָגענדיג זיך מיט דער דעה, געוויינט ביטער.... וויא זאָל זיא זיך צושיידען מיט חנה'לען? וויא אַזוי לאָזט מען אַזאַ יונגע קינד אַליין אין אַזאַ ווייטען דרך, אין א וועלט ערגעץ אונטער דער ערד.... דאַרף פאָהרען מיט'ן ים... און אז דער אויבערשטער האָט שוין בשלום אריבער געבראַכט אַהינצו, וואָס וועט זיין מיט איהר דאָרטען?.... קיין מאַמע, קיין טאַטע, קיין פריינד, קיין גואל.... וועה איז צו איהר, וועה איז צו איהר מאַמעס האַרץ, וועה, וועה!...

און אויפ'ן סוף האט דאך חנה'לע ביי איהר גע'פועל'ט צו לאזען זיא אין אמעריקא: „עט, וואס מאכט עס אויס... מסתמא אזוי בעשערט... דער גרויסער גאט לעבט אומעטום... לאז זיא פאהרען געזונטערהייט קיין אמעריקא"...

און פערקויפט האט באשע איהר שטיבעל, און אויס בעל הבית'טע! און האט געגעבען חנה'לען צוויי הונדערט זילבערנע רובעל אויף דער רייזע....

אוי האט געקוועטשט באשען דאס הארץ, פאהרענדיג צום וואקזאל מיט איהר חנה'לען!...

— חנה'לע, חנה'לע, גאט זאל מיט דיר זיין, דער זכות פון דיין פרומען טאטען זאל דיר ביישטעהען! — האט געקלאגט באשע.

חנה'לע האט אויך געוויינט, געווישט מיט א ווייסער טיכעל איהרע שעהנע אויגען און ביטער געוויינט.

זיא איז אריין אין וואגאן... באשע איז געבליעבען א געשטארבענע, אין הארצען האט זיך ביי איהר אפגעריסען... א קלונג.... א פייף... דיא וואגאנעס הויבען זיך אן לאנגזאם צו ריהרען... חנה'לע שטעקט ארויס דעם קאפ דורכ'ן פענסטערל פון איהר וואגאן. פון איהרע אויגען קייקלען זיך טהרערען.... „זיי געזונד, מאמינקע, הערט זיך איהר קול, וואס קלינגט יעצט וויא א קרעכץ — זיי געזונ..." דיא לעצטע זילבע ווערט פערטומעלט פון דעם רוישען פון דיא רעדער, וואס הויבען אן צו געהן שנעלער. דער לאקאמאטיוו לאזט פון זיך ארויס א ווייסען רויך, וועלכער צושפרייט זיך איבער דיא וואגאנעס... באשע קוקט מיט גרויסע גלעזערנע אויגען אויף דיא וואגאנעס און אויף דעם רויך, און איהר דאכט זיך, אז מען האט עפעס ביי איהר אוועקגענומען, עפעס טהייערעס, אהן וואס זיא קען קיין מינוט ניט לעבען... אוועקגענומען און פערשפארט אין דיא וואגאנעס און מען אנטלויפט מיט דעם, מען פליהט אוועק מיט דעם אין יענעם ווייסען רויך, וואס צושפרייט זיך דארט פאר דיא וואגאנעס....

— שטעהט, ווארט, ראַטעוועט! לאָזט מיך חאַטש זיא נאָך איין מאָל אַנקוקען, דיא קרוין פון מיין קאָפּ!... לאָזט מיך חאַטש גוט אָנקושען זיא... זיא איז מיין טאָכטער, מיין איינציגע אויג אין קאָפּ, מיין טהייערסטע ציערונג — מיין חנה׳לע!.... וויל זיא אָנהויבען צו שרייען, אָבער איהר קול ווערט איבערגעריסען אין האַלז, איהרע ליפּען ציטערן נור...

און דיא וואַגאָנעס טראָגען זיך דערווייל מיט א הוזשען און זשוזשען אַלץ ווייטער און ווייטער און באַלד פערשווינדעט דער לעצטער וואַגאָן פון דיא אויגען... און באשע זעהט נור יעצט פאר זיך רויך, רויך און רויך... ווייסען רויך, וואָס עס האָט זיך אָפּגעשטעלט פון אַהינטער דיא וואַגאָנעס, וועלכע זיינען אוועקגעפלויגען אזוי האַסטיג מיט איהר חנה׳לען; און אין דיעזען רויך, דאַכט זיך איהר, איז יעצט פערטרונקען זיא און דיא גאַנצע וועלט. ער שטיקט אזוי, ער עסט אזוי דיא אויגען, דיא האַלז און דאָס האַרץ!

און זיא שטעהט נאָך א לאַנגע צייט אויף איין אָרט און קוקט און קוקט מיט פערצווייגענע פון טרעהרען אויגען אין איין זייט, אין דער ווייטער ווייטקייט; חנה׳לען אָבער זעהט זיא דאָרט ניט מעהר, נור רויך, דעם זעלביגען ווייסען רויך!...

פּלוצים טהוט זיא א רוק אויפ׳ן קאָפּ דיא פאַטשיילקע, לייגט צונויף ביידע הענד, הויבט אויף דיא אויגען צום הימעל און קרעכצעט אוים: „גאָט דוא ביזט גערעכט און דיין משפּט איז גערעכט! היט חאַטש דיא קרוין פון מיין קאָפּ, מיין טאָכטער, היט מיין חנה׳לען!“....

.2

אוי, ס׳רא שמחה, אוי, ס׳רא יום טוב איז דאַן געווען ביי באשען!.... זיא האָט געקראָגען דעם ערשטען בריעף פון חנה׳לען, אז זיא איז אָנגעקומען קיין „נייאָרק“, האָט זיך געזעהען מיט לאַנדסלייט, וועלכע האָבען זיא ארייננגענומען אין א פאבריק נעהען העמדער....

און באשע האָט געבעטען איהר שכן, מאָנע דעם מלמד,

אז ער זאָל אזוי גוט זיין און אָנשרייבען איהר חנה׳לען אַ גוטען בריעף.

און מאָנע, דאַרפט איהר וויסען, איז ניט געוועזן אבי אַ שרייבער, ער איז געוועזן אַ כתבן גדול און אַ בעל מליץ איינער אין אַ וועלט.... מיט זיין מליצה האָט ער געקענט אפילו שטיינער ריהרען....

און ער האָט פערקאַשערט דעם אַרבעל און האָט אָנגעשריעבען חנה׳לען אזא מליצה:

„.... פון דיין מאַמעס אויגען, באַשע תחיה, טריפען טרעהרען יום ולילה, וויא ביי לאה אמנו, יעקב אבינו׳ס ווייב.... ביים ווארעמעס דערמאָנט זיא דיך, וויא יעקב אבינו יוסף׳ן... און אז זיא לייגט זיך שלאָפען, דערמאָנט זיא זיך, אז זיא איז נעבאך אַ ביטערע אלמנה... און דוא ביזט איהר איינציגער טרויסט אויף דער וועלט... על כן בענקט זיא נאָך דיר, וואָס איז שייכות, וויא אַן אמת געטרייע מאַמע נאָך איהר בת יחידקה.... און אז זיא שטעהט אויף, טראַכט זיא אויך נור וועגען דיר... על כן בעט זיא דיך, אז דוא חנה׳לע, זאָלסט ניט פערגעסען, וואָס גאָט האָט געבאָטען אין זיין הייליגער תורה. כשנאמר: „כבד את אביך ואת אמך״ — זאָלסט שטעלען יאָהרצייט נאָך דיין טאַטען, הנפטר דעם זעקסטען לחודש ניסן, וויא אַן אמת׳ער צדיק... און שרייב, וואָס דוא מאַכסט אין געזונד און וויא איז דיין פרנסה... ממני מרדכי ב״ר ישעיהו כ״ץ מק״ק פאַגראַמאָוועקע...

און ווידער זיינען אוועק צוויי חדשים און באַשע האָט געקראָגען אַ צווייטען בריעף פון חנה׳לען. אין דעם צווייטען בריעף האָט חנה׳לע געשריעבען באַשען, אז זיא מאַכט אַ לעבען, פערדיענט שעהן, בעזוכט פערזאַמלונגען פון קלוגע מענשען און שיקט ארוים צעהן רובעל. דיעזען בריעף האָט באַשע אפילו ניט קלאָהר פערשטאַנען און מאָנע אויך ניט. דאָך האָט זיא זיך געפרעהט. ערשטענס, מיט דיא צעהן רובעל; צווייטענס, ווייל חנה׳לע איז געזונד, און דריטענס, ווייל זיא פערדיענט גוט.... זיא האָט ווידער געבעטען מאָנען, ער זאָל חנה׳לען שרייבען, און

דער גרויסער בעל מליץ האט אנגעשריעבען ווידער אזא בריעף.

„ראשית שרייב איך דיר, אז פון דיין מאמעס אויגען טריפען טרעהרען, וויא פון א ביטערן קוואל. אז דיא אויגען זיינען ביי איהר רויט געווארען, וויא ביי לאה אמנו, יעקב אבינו'ס ווייב, און אזוי א דאנק דעם אויבערשטען, איז זיא געזונד, חוץ זיא קלאגט זיך א ביסעלע אויף דיא הארץ און אויפ'ן קאפ, כן יתן ה' פון דיר דאס זעלבע צו הערען... שנית שרייב איך דיר, אז דיין מאמע האט מקבל געווען דיא עשרה רו"כ און שיקט דיר דערפאר איהר ברכה, אז דערפאר זאל דער אויבערשטער דיך בענטשען מיט א גוטע מערכה און הצלחה, וואו דוא וועסט זיך קערען און ווענדען, און שרייב מיר, אויב ביי אייך זיינען דא חתנים און אויב זיי ווילען ביי אייך חתונה האבען... ווארום היינטיגע יאהרען, ברוך השם, פערגעסען דיא בחורים, אז מצות פריה ורביה איז קיין קלייניגקייט ניט און ווילען ניט חתונה האבען... און געדענק, אז א בת ישראל טאר ניט פערזעסען ווערען, מוז חתונה האבען, בכדי אז גאט'ס ברכה זאל מקוים ווערען, וויא עס שטייט בפרוש אין פסוק: „פרו ורבו ומלאו את הארץ."

און אזוי פלעגען זיך דורכשרייבען חנה'לע מיט מאנען גאנץ אפט...

איהרע בריעף זיינען וואס ווייטער געווארען אלץ אונ־פערשטענדליכער אי פאר באשען, אי פאר מאנען. אין זיי האט זיא גענזידעלט דיא פראצענטניקעס, דיא וואכערניקעס, האט זיי גערופען מיט אזוינע נעמען — אסור, אויב מאנע און באשע האבען גאר אזוינע נעמען ווען עס־איז געהערט אויף זייער לע־בען! „עקספלואטאטארס," „אויסבייטערס," וכדומה — געה טרעף, וואס זיא מיינט! דיא בעלי מלאכות האט זיא אויך גע־זידעלט. „זיי זיינען נאראנים, פינסטערע מוחות, זיי ארבייטען אויפ'ן צווייטען און גארן"

און לעזענדיג דיעזע בריעף, האט מאנע געקוועטשט מיט דיא פלייצעס, געקארטשעט מיט דעם שטערן און אין מוח

האָט זיך ביי איהם געדרעהט אַ מחשבה: „זיא איז משוגע, קלאָהה! וויא דער טאָג, זיא איז דאָרטען משוגע!"....

באשע פלעגט איהם אריינקוקען אין דיא אויגען ווען ער פלעגט לעזען חנה'לעס בריעף, פלעגט זיך צו הערען מיט אַלע אברים און האָט זיך געסטארעט צו פערשטעהען, אָבער האָט זעהער ווענִיג וואָס פערשטאַנען...

— ר' מאָנע, הארציגער, וואָס מיינט זיא דאָס? וויא שרייבט זיא דאָרטען?

— וואָס? פלעגט ער פרעגען, קנייטשענדיג שטאַרק דעם שטערען.

— אָט דאָס: „קעספּלוטאַטע," וויא שרייבט זיא דאָרטען?

פערשטעהט זיך, אז מאָנע דער גרויסער כתבן פלעגט מוזען וויסען דיא מיינונג פון דיעזען וואָרט. ער פלעגט ניט לאַנג טראַכטען און גלייך ענטפערען:

— דאָס איז אויף זייער, אויף אַמעריקאַ לשון, אַ קללה, וויא ביי אונז, להבדיל, אַ מכה אין זייט!...

— ניט דאָ געדאַכט. פיר קיין אידען געדאַכט — פלעגט אונטערכאַפּען באשע — איז וואָס שרייבט זיא פאַרט, הארציגער?

— וואָס זאָל זיא שרייבען? שילט זיך. דיא גאַנצע וועלט שילט זיא. געוואָרען צו קלוג דאָרטען...

— וועה איז מיר; וואָס טהוט מען? ר' מאָנע הארציגער, איהר זייט דאָך עפּעס אַ איד אַ חכם: זאָגט מיר, וואָס איז עס געוואָרען דאָרטען מיט מיין חנה'לען? וואָס האָט זי צו די גבירים? איז עס איהר דאגה! גוואַלד, גוואַלד, וואָס טראַכט זיא זיך דאָרטען? געווען דאָך אַזאַ שטילע טייבעלע, מיט אַזא גאָלדענע האַרץ... וואו האָט זיא גענומען אָט דיא אַלע קללות, ניט דאָ געדאַכט?! אוי, ווען איך זאָל קענען שרייבען... אָן עס האַרץ איז וויא אַ בלינדער, וועה און ווינד איז מיר! שרייבט איהר חאָטש אָן איהר אַ גוטען בריעף, הארציגער! מסור'ט זיא גוט אויס, איהר ווייסט דאָך וויא, אייך דאַרף מען דאָך ניט לערנען!...

— איך'ל אייך זאָגען דעם אמת, באשע, אז אַ גוטען בריעף

האָב איך גאָר מורא צו שרייבען, אריינפאַלען צו איהר אין מויל ווילט זיך מיר אסור....

— וועה איז מיר, וועה איז מיר, אזא שטילע טייבעלע געוועזן!... ר׳ מאָנע, ליובינקער, זעהט, פערדיענט א מצוה; האָט רחמנות, מוסר׳ט זיא חאָטש אויס מיט גוטען!

— נוא — נוא, ואָס זאָל מען טאָהן? איך וועל שוין אָנ־שרייבען. וואָס גאָט וועט געבען דאָס וועט זיין....

.3

עס קלינגט אין פּאגראמעווקע, עס קאָכט אין פּאַגראַמעווקע מיט א נייעס, וואָס איז אָנגעקומען פון אמעריקא. פון מויל צו מויל, פון הויז צו הויז, פון שוהל צו שוהל טראָגט זיך דיא נייעס, אז חנה׳לע באשע־חיה־גיטעלעס האָט חתונה געהאט אין „נייארק" מיט א גוי...

מאָנע דערצעהלט, אז פיר איהם איז עס גאָר קיין נייעס ניט. פון איהרע בריעף האָט ער בעשיינפערליך געזעהען, אז אזא סוף וועט זיא האָבען... אז דיא קליפּה איז אין איהר, האָט מען געקענט בעשיינפערליך זעהען פון איהר שילטען זיך — האָט דערצעהלט מאָנע פיר דיא פּאָגראַמעווקער בעלי בתים — „עקסו־פּטאטע", „אויסבייטען," „אויסקאפּיטאַלעסען" — א קאטאוועס, אידען, וואָס פאר א ביטערע קללות דאָס זיינען? אז קעגען זיי זיינען אפילו דצך עדש באחב ניט ווערטה קיין שמעק טאַבאַק!"

איין באשע נור האָט ניט געוואוסט פון דיעזער בשורה, זיא האָט שוין לאַנג, לאַנג ניט געקראָגען קיין ידיעה פון איהר חנה׳לען און זיא האָט געוויינט און געקלאָגט נאָך איהר.

אין דיא קורצע זומער נעכט פלעגט זיא זיצען אויפ׳ן בעט מיט חנה׳לעס בריעף אין דיא הענד און פאר דעם זילבערנעם שיין פון דער לבנה, וועלכע פלעגט אריינקוקען אין פענסטערל פון איהר קאמער, פלעגט זיא דורכזעהען דיא ווייסענקע, בע־שריעבענע בייגעלאך פּאפּיער און חאָטש זיא האָט ניט געקענט לעזען, האָט זיא געוואוסט דעם אינהאַלט פון יעדען בריעף בעזונדער.

„דאָ שרייבט זיא, אז זיא איז בשלום אָנגעקומען קיין ניואַרק. דיעזער איז וועגען דיא צעהן רובעל... אין דעם שילט זיא זיך... אין דעם שילט זיא נאָך שטארקער... אין דעם אויך... אָבער פאר וואָס שילט זיא זיך?... עס מוז דאָך זיין א טעם... הפנים איהר איז גענוג ביטער אויפ'ן הארצען, לאָזט זיא אויס דעם כעס צו אבי וועמען... גלאַט אזוי וועט זיא דאָך ניט שילטען?..

און באשע פלעגט אָנשטרענגען דיא אויגען אויף דיא שווארצינקע שורה'לעך פונ'ם בריעף, אקוראט וויא זיא וואָלט וועלען אויסגעפינען „דעם טעם", דעם פאר וואָס פון חנה'לעם שילטען זיך, אָבער זיא האָט נישט געזעהען, זיא האָט ניט גע־קענט לעזען... „בלינד, בלינד — פלעגט זיא שעפצען מיט הארצ־ווייטאָג — „ווען איך זאָל קענען לייענען, וואָלט איך שוין אַלעס דערוואוסט!"...

דאַן פלעגען אָננעהמען איהרע מחשבות אנאנדער גאנג. זיא פלעגט זיך דערמאָנען וויעדער, אז פון חנה'לען איז קיין בריעף שוין אזא לאנגע צייט ניטאָ.... „איין גאָט וויים, וואָס מיט איהר איז דאָרטען? צו זיא איז געזונד? צו זיא איז, זאָל ער שומר ומציל זיין..." (זיא האָט מורא געהאַט עס ארויפצולאָזען אויפ'ן מוח) „גאָטעניו — הארציגער" — פלעגט זיא שעפצען און פון איהרע אויגען פלעגען זיך קייקלען טרעהרען — „ווען עס איז חלילה עפּעס באשערט דאָרטען מיין חנה'לען אן אונגליק, זאָל מיר בעסער אָנקומען. רבונו של עולם, שטראָף מיך בעסער פאר איהר... מיין קאָפּ זאָל זיא איבערלעבען, מיין קאָפּ!..."

און אזוי ביז גרויסען טאָג. דאַן ערשט פלעגט דיא אָרעמע צומוטשעטע מאמע איינשלאָפען...

* * *

פארנאכט פלעגט זיא זיצען אויפ'ן פריזשבע פון שטוב און ווארטען אויף דעם פּאָסטאַליאָן, אויף א בריעף פון חנה'לען... און ווען זיא פלעגט פון וויטען דערזעהען דעם בריעף־טרעגער, פלעגט דאָס הארץ אין איהר ברוסט אָנהויבען צו קלאַפּען שנעל,

שנעל, הענד און פים פלעגען איהר נעמען ציטערען און זיא פלעגט זיך מיט דיא אויגען איינעסען אין דעם בריעף־טרעגערס פנים...

און ווען דער בריעף טרעגער פלעגט א שאקעל טהאן מיט'ן קאפ: ניין, פלעגט זיא פיהלען, אז אין מוח טהוט איהר א ברען און זיא פלעגט אראפלאזען דעם קאפ און בלייבען זיצען, וויא א פערגליווערטע...

.4

און איינמאל — פארנאכט — ווען דער פאסטוך האט גע־טריבען דיא בהמות פון פעלד, ווען דער הימעל איז אין מיטען געווען קלאר אין טיעף בלוי און ביי דיא זייטען ארומגעלייגט מיט פייערדיגע אוזארען, איז געזעסען באשע אויפ'ן פריזשבע נעבען הויז און האט געווארט, וויא געוואוינליך, אויפ'ן בריעף־טרעגער.

פלוצום האט זיא איהם דערזעהען און האט זיך גלייך איינגעגעסען מיט איהרע אויגען אין זיין פנים.

ער האט זיא א רוף געטהאן. זיא איז צו איהם צוגעלאפען, בלייך, וויא לייוונד, און האט געציטערט מיט'ן גאנצען קער־פער. ער האט איהר דערלאנגט א בריעף פון אמעריקא. זיא האט א כאפ געטהאן זיין האנד און האט פון גרויס פרייד, וויי־נענדיג און לאכענדיג, גענומען איהר קושען, וויא דיא האנד פון א גוטען מלאך.

דאן האט זיא זיך אוועקגעלאזען צו מאנען.

מאנע — א הויכער, דארער איד, מיט א בלייכען, שווינד־זיכטיגען פנים, מיט א שפיטציגער קאלטעוואטער בערדעל, מיט געלע פיאות, פערדרעהטע אין רינגלאך, מיט א פערשמאלצענער יארמעלקע אויפ'ן קאפ, איז געשטאנען נעבען טויער פון זיין ניעדעריגער שטיבעל, האט געהאלטען א פאלע פון זיין זופעצע בייביידע ברעגעס און געמאניעט צו זיך זיין ווייסע ציעג, וועלכע איז געשטאנען אין מיטען גאס, האט געקוקט אויף איהם מיט איהרע נארישע אויגען און געדרעהט מיט'ן ווידעל.

— דזשיק, דזשיק, דזשיק! האָט ער זיא גערופען, איינ־בויגענדיג ניעדריג צו ד׳רערד דיא פּאָלע.

— מ־מ־מ־ע־ע! האָט געשריען דיא ציעג, דרייהענדיג מיט׳ן ווײדעל, און האָט זיך ניט גערירט פון אָרט....

— ר׳ מאָנע, ר׳ מאָנע, עס איז דאָ אַ גאָט אויף דער וועלט, — איז צו איהם צוגעלאָפען באשע מיט אַ געשריי, — אַ בריעף פון אַמעריקא, פון חנה׳לען בעקומען... עס איז דאָ אַ גאָט, דאָ!

— אַ בריעף פון איהר? — האָט ער געפרעגט פערוואונ־דערט — וואָס שרייבט זיא?...

- אָט איהר, הארציגער, וועט מיר איבערלייענען....

מאָנע האָט קרום אַ קוק געטהאָן אויפ׳ן בריעף, וועלכען באשע האָט געהאלטען אין האנד, און האָט גענומען רופען ווידער דיא ציעג:

— דזשיק, דזשיק, דזשיק!...

— ר׳ מאָנע, האָט רחמנות, איך שטאַרב!

— ווייזט מיר אַ קוק טהאָן.

ער האָט גענומען דעם בריעף און האָט איהם אָנגעפאנגען צו בעטראַכטען פון אַלע זייטען.

— וואָס קען זיא שרייבען? — האָט ער אויסגערעדט פאר זיך אונטערן נאָז.

— האָט רחמנות, ר׳ מאָנע, טהייערינקער. קומט אריין צו מיר אין שטוב און לייענט מיר איבער.

— כ׳לעבען, באשע, איהר וואָלט געבעטען אַנאַנדערען.

— ניין, ניין, ר׳ מאָנע, אַנאַנדערער וועט ניט פערשטעהן חנה׳לעס אַ בריעף... נור איהר אַליין קענט איהרע בריעף פער־שטעהען.... איהר זייט אַליין אַ גרויסער בעל כתבן...

קעגען אַזאַ קאָמפּלימענט קען אונזער בעל מליץ ניט איינ־שטעהען.

— ווייס איך, קומט, זאָגט ער.

זיי זיינען אריין אין שטוב. מאָנע האָט געעפענט דעם בריעף. באשע האָט זיך געשטעלט נעגען איהם, האָט אונטערגע־

שפּאַרט מיט איין האַנד דעם קינבאַק און האָט זיך איינגעגעסען מיט אונגעדולדיגע אויגען אין זיין פּנים.

„ליעבע מוטער — האָט ער גענומען לעזען — איך גלויב, אַז דוא ווייסט שוין וועגען מיין חתונה מיט אַ קר...“

— איך קען ניט — האָט מאַנע אויסגעשריען — אַ מיתה משונה זאָל זיא דאַרטען איינגעהמען!

— חתונה?... חנה'לע האָט חתונה געהאַט?! וועמען שילט איהר, ר' מאַנע?! האָט זיא אויסגעשריען צומישט.

— בעגראָבען האָט איהר זיא געמעגט... איך קען ניט לייענען... רופט וועמען אַנאַנדערען... איך וויל ניט פערדיענען דיא עבירה!...

— ר' מאַנע, ר' מאַנע. גאָט איז מיט אייך — האָט זיא אויסגעשריען ניט מיט איהר קול — איהר ווילט מיך הפּנים משוגע מאַכען, וואָס רעדט איהר אַזוינס? וואָס רעדט איהר? (זיא האָט איהם ליידענשאַפטליך גענומען צופּען פּאַר'ן אַרבעל) פּאַר וואָס שילט איהר זיא? וואָס פיר אַ שלעכטעס האָט מיין חנה'לע אייך געטהאָן?....

— אַז אויסגעקאַראַנייעט האָט זיא געמעגט ווערען, האָט געזאָגט מיט הארץ מאַנע — שרייבט נאָך בריעף! משומד להכעיס!...

באַשע איז געוואָרען בלייך, וויא דער טויט, און האָט גע־נומען ציטערען.

— וואָס איז עס? — האָט זיא גענומען שרייען — לייענט, ר' מאַנע, לייענט, איך וויל וויסען! איהר ווייסט עפּעס, האַ? וואָס ווייסט איהר? וואָס איז דאַרטען פיר אַ חתונה?... לייענט, נו לייענט, ר' מאַנע, ר' מאַנע!...

זיא האָט איהם גענומען שלעפּען פּאַר'ן אַרבעל און האָט געקוקט אויף איהם מיט אויסגעקאַטשעטע אויגען: — לייענט, אַז ניט דראַפּע איך אייך אויס דיא אויגען!...

זיא האָט שווער געאָטהעמט און האָט געציטערט מיט'ן גאַנצען קערפּער.

— וואס זאל איך לייענען, דיא גאנצע שטאדט וויים עס אהן איהר בריעף — האט געזאגט מאנע.

— וואס וויים מען? רעדט! חנה'לע האט זיך דאך ניט גע'שמדט, הא?....

און זאגענדיג עס, האט זיא זיך דערשראקען פאר איהרע אייגענע ווערטער. „וואס רעד איך רבונו של עולם?" האט זיא געטראכט צומישט און האט זיך געטרייסעלט מיט'ן גאנצען קערפער.

מאנע האט גענטפערט אויף איהר פראגע מיט א מאך מיט'ן קאפ.

— וואס? — האט זיא ארויסגעשעפצעט שטיל, אקוראט וויא זיא וואלט מורא געהאט, אז אימיצער זאל ניט הערען: — וואס שאקעלט איהר מיט'ן קאפ? זיא האט זיך... ר' מאנע, גזלן, וואס איהר זייט! — האט זיא זיך פלוצים א כאפ געטהאן צו איהם מיט א ליידענשאפטליכען יאמער — קיין הארץ האט איהר ניט, קין רחמנות... פאר וואס מוטשעט איהר מיך, פאר וואס? וואס פאר א שלעכטס האב איך אייך געטהאן?!...

מאנע האט א קוועטש געטהאן מיט דיא פלייצעס און האט א זיפץ געטהאן.

— באשע, זאלט איהר מיר געזונד זיין — האט ער ארויס־גערעדט מיט א שטארק בעוועגטער שטימע — וואס הייסט עפעס איך מוטשע אייך? ווער עס וויל אייך מוטשען, זאל אליין גע־מוטשעט ווערען... אדרבה, איך האב אויף אייך רחמנות, שטארק רחמנות... גלויבט מיר, א שטיק געזונד קאסט מיך אט דאס אלעס... ווארום חנה'לע איז ביי מיר געווען ממש, וויא אן איי־גענע טאכטער.... און זיא זאל אפטהאן אזא מעשה?...

ער האט אפגעקעהרט דעם קאפ און האט געזיפצעט....

זיא האט זיך צוגעהערט צו זיינע רייד, צוטומעלט, מיט ארויסגעגלאצטע אויגען און מיט אן אפענעם מויל, האט פער־בראכען דיא הענד, האט שטארק גענומען מאכען מיט דיא ברעמען און האט אראפגעלאזען דעם קאפ. אזוי איז זיא גע־

שטאנען א קורצע ווײלע. דאן האט זיא ווידער אויפגעהויבען דעם קאפּ, האט גענומען קוקען מיט בלישצענדע אויגען אויף מאנען און שמייכלען.

— לייענט — האט זיא ארויסגערעדט פערשטיקט, צוויי־שען דיא ציינער, לייענט!...

זיא האט איהם אנגעכאפּט פאר׳ן ארבעל און גענומען צופּען....

ער האט אנגעהויבען לעזען:

„ליעבע מוטערקע, איך גלויב, אז דוא ווייסט שוין וועגען מיין חתונה מיט א קריסט. מוטערקע, מוטערקע, איך ווייס, אז פיר דיר איז עס דער גרעסטער אונגליק... אבער גלויב מיר, אז איך האב דיך ליעב ניט ווייניגער וויא פריהער, נאך מעהרער, טויזענד מאהל מעהרער... ווען דוא וואלסט ווּיסען, וויעפיעל געזונד עס קאסט מיך דיעזער שריט... נו, וויא זאל איך עס דיר געבען צו פערשטעהען? ווען איך זאל ארויסנעהמען מיין הארץ און שיקען דיר אנשטאט דיעזען בריעף.... מוטערקע, גענוג האב איך געליטען ביז וואנען איך האב ביי זיך גע׳פועלט צו הייראטהען איהם, ווייל איך האב געוואלט פערהיטען דיך פון יסורים... גלויב ניט, מוטערקע, אז א קריסט איז ניט אזא מענש, וויא א איד, — אלע מענשען זיינען ברידער...“

— גענוג! האט באשע אונטערבראכען מאנען מיט א פער־שטיקטען קול און האט איהם אפּגעשטעלט פאר׳ן האנד — גענוג, יוצא... יוצא — האט זיא געשעפּצעט — פיין דערלעבט, פיין!...

זיא איז אנשוויעגען געווארען און האט ניעדריג אראפּ־געלאזען דעם קאפּ. פּלוצים האט זיא זיך צולאכט מיט א שטילען, מערקווירדיגען געלעכטער, ציטערענדיג מיט׳ן גאנצען קערפּער, וויא א בלאט...

— וואס האט ער געשוויגען? — האט זיא אין א ווײלע ארום א פּאטש געטאהן אין דיא הענד און האט אויסגעשריען מיט א משוגענער אויפרעגונג: — דאס איז דאך זיין טאכטער אויך!... זיין בת יחידקה אויך!... איך וועל היינט לויפען אויף׳ן

בית עולם, וועל איהם איינרייסען דעם קבר; וואס מיר אויפ'ן הארצען וועל איך צו איהם אויסלאזען.... קיין רוה וועט ער ביי מיר ניט האבען, קיין מנוחה!... וואו איז ער געווען, וואו איז מיין משה געוועו? ווארום איז ער ניט געלאפען צם כסא הכבוד?!...

זיא האט פערבראכען ביידע הענד אויפ'ן קאפ און האט אויסגעקרעכצעט, וויא א פערוואונדעטע: — אוי, חנה'לע, חנה'לע!....

מיט איינמאל האט זיא א כאפ געטהאן מאנען פאר'ן האנד — ר' מאנע — האט זיא אויסגעשריען — ר' מאנע, דאס איז דאך אבער... ווייזט מיר, וואו זיא שרייבט, אז זיא האט מיט איהם חתונה געהאט?...

מאנע האט איהר אנגעוויעזען אויפ'ן ארט אין בריעף. זיא האט איהם גענומען אין האנד, האט א קוק געטהאן אויף יענע שורה און האט שטארק גענומען פינטלען מיט דיא אויגען, אקוראט וויא יענע שווארצינקע שורה'לע, וועלכע זיא האט ניט געקענט לעזען, איז געוועזן פול מיט שארפע נאדלען, וואס האבען זיך אריינגעשטאכען אין איהרע אויגען... דאן האט זיא ארויס־געלאזען דעם בריעף פון האנד, האט פערגלאצט דיא אויגען צום באלקען און האט ארויסגערעדט:

— גאט, דוא ביזט גערעכט, און דיין משפט איז גערעכט!

און זיא האט ווידער אראפגעלאזען דעם קאפ.

דאן האבען איהרע אויגען גענומען לויפען איבער איהר קאפטע און פלוצים האט זיא מיט א האנד א ריעס געטהאן דיא קאפטע ביים בוזים....

— ברוך דין אמת! האט זיא לאנגזאם ארויסגערעדט מיט א דומפפען קול, האט זיך געזעצט אויפ'ן פאדלאגע, האט ארומגענומען דיא קניע מיט ביידע הענד און האט אראפגע־לאזט ניעדריג, זעהר ניעדריג דעם קאפ....

אננאַ'ס מה נשתנה.

„דאָס איז דאָך אַ מאָדנע זאַך — מאַכט צו מיר מיינע אַ לאַנדסמיידעל, אַ אינטעליגענטע ארבייטערין — דאָס איז דאָך אַ מאָדנע זאַך, וואָס יעדען ערב יום טוב, איבערהויפּט ערב פּסח, פיהל איך זיך אַזוי עלענד... עפּעס דערפיהל איך אין הארצען אזא וויסטעניש, אַזאַ פּוסטקייט... מיין צימער, דאַכט זיך מיר דאַן, איז אַ פינסטערע טיורמע און עס בייגקט זיך און עס דיינקט זיך, און עס דערמאָנט זיך אָן פּיעלעס... וויא זאָל איך עס אייך ארויסגעבען?

„נו, איהר ווייסט דאָך, אז איך בין ניט פרום, אז איך האַלט ניט פון דיעזע אַלע זאכען, ניט פון דער הגדה, ניט פון דעם וויין, ניט פון דיא קניידלאַך, און פון דיא מכות אודאי ניט... און דאָך — קענט איהר מיר ניט זאָגען, ווארום דאָס איז? מיר דאַכט זיך, אז ווארפענדיג דיא אַלע זאכען: דעם סדר מיט דיא וויין און מיט דיא קניידלאַך, האָבען זיך דיא מכות אָפּגעשטעלט ביי מיר אין הארצען....

„איהר לאַכט? איהר מיינט, אז איך שפּאַס? אָבער איך פערזיכער אייך, אז איך מיין דאָס ערנסט... פיעלייכט קומט עס דערפאַר, ווייל איך בין דאַ אַליין, עלענד, אָהן עלטערן און אָהן ברידער און שוועסטער... פיעלייכט דערפאַר, ווייל איך בין, מעגליך, נאָך ניט אין גאַנצען פריי פון דער פרומער ערציהונג, וואָס איך האָב געקראָגען ביי מיינע פרומע עלטערן, און פיליכט דערפאַר, ווייל מיין אונצופריעדענער „איך" בייגקט נאָך יענע

יונגע, גליקליכע יאָהרען מיינע, וועלכע האָבען זיך דאָרט אָבּ־געשטעלט, פריילענדיג זיך מיט דער מצה, מיט דעם מעד, מיט דעם וויין און מיט'ן גאַנצען יום טוב, — פיעלייכט, איך קען אייך בעשטימט ניט זאָגען דיא אורזאַכע פון דעם; אָבער אַז איך פיהל, אַז מיר פעהלט עפּעס, וואָס איך האָב פערלאָרען, דאָס קען איך אייך זאָגען בעשטימט....

„אום צו געבּען אייך אַ קליינעם בעגריעף פון דעם, וואָס איך פיהל אין אַזאַ צייט, וועל איך אייך דערציילען, וואָס איך האָב געפיהלט לעצטען ערב פּסח...

„נאָך אין דער פריה, זיצענדיג אין שאַפּ ביי דער מאַשין, האָב איך דערפיהלט, אַז מיר ווערט פּלוצים אונמוטהיג, טרויעריג; און מיר האָט זיך געדאַכט, אַז אַלע מיידלאַך אין שאָפּ פיהלען דאָס זעלבע, וואָס איך, אַז אפילו דיא מאַשינען קלאַפּען היינט טרויעריגער וויא געוואוינליך....

„ווען אַ מיידעל האָט אַ לאַך געטהאָן, האָב איך געטראַכט: „אָט דאָס איז אַ אידיאָט. פערשטעהט ניט איהר טרויעריגע לאַגע." ווען איך וואָלט זעהען דאָן ביי אַלע אידישע ארבּייטעריי־נען טרעהרען אויף דיא אויגען, וואָלט עס מיך גאָר ניט געוואונ־דערט... מיר האָט זיך געדאַכט, אַז יעדע פון זיי איז עלענד, טראַכט אין דיעזער מינוט אודאי: „אין דער היים וואָלטען מיר היינט קיינער ניט געאַרבּייט אין די שעפּער... אין דער היים שטויסט מען יעצט מצה, מען קאַשערט, שייערט, מען פליקט דעם אינדיק, מען גיעסט דעם וויין אין דיא גראַפינעס... מען מעסט אָן דיא נייע קליידער, וואָס דער שניידער האָט גע־בראַכט..."

„יאָ, דאָס, האָט זיך מיר געדאַכט, מוזען זיי אַלע טראַכ־טען, דען איך האָב אַזוי געטראַכט.

„און ווען איך האָב ביי זיך דאָן געפרעגט, וואָס איז מיין עסק צו דיעזע אַלע צערמאָניעס, צו דיעזען יום טוב, צו דיעזען פּסח, — גלויב איך דען אין איהם? „נאַרישקייטען, דומהייטען"... האָט מיר געענטפערט דער פערשטאַנד... „אוי, וויא טרויעריג,

וויא עס דריקט, דריקט!" האָט אין דערזעלבער צייט געקרעכצעט עפּעס א שטימע ערגעץ טיעף אין מיר אינווענייג....

„קינדערייען!" האָט גערעדט דער פערשטאַנד. „וואָס פיר א טיעפער עלענד!" האָט העכער געקרעכצעט דיא נשמה אין מיר....

„ווען ד ע ר וואָלט וויסען, ווען י ע נ ע ר וואָלט עס וויסען, איז מיר דורך אין געדאַנקען, — וויא וואָלטען זיי פון דיר געלאַכט, וואָס פאר א מיינונג וואָלטען זיי געקראָגען איבער דיין זאָגע־נאַנטע אינטעליגענץ און פריינעזאָנענהייט?"

„וועה, וויא עס בענקט זיך, וויא עס איז אונמוטהיג! האָט געענטפערט דיא קרעכצענדיגע שטימע.

„און דיעזע שטימע האָט אריבערגעשריען אַלע און האָט גענומען שטעלען פראַגען:

„וואָלט ניט געווען בעסער, וואָלסטו זיך ניט געפיהלט גליקליכער, ווען דוא וואָלסט געהאַלטען פון פסח?... וואָס האָט דיר דיין פריינעזאָנענהייט געגעבען אנשטאַט דעם? זיינען דיינע עלטערען ניט גליקליכער, ווען זיי ווייסען ניט פון קיינע הויכע אידעען און טהוען דאָס, וואָס זייערע עלטערען האָבען געטהאָן? קענסטו עפּעס פערגלייכען צו זייער תענוג יום טוב?"

„דיא הונגעריגע בהמה פיהלט זיך נאָך גליקליכער, קיי־ענדיג פרישע הייה... א מענש איז אָבער ניט קיין בהמה, מוז האָבען אידעאַלען, וועלכע דארפען זיך ניט אויסדריקען אין א מאָל עסען גוט, אָדער טרינקען וויין, אָדער אָנטאָהן א נייעם בגד" — האָט זיך דערהערט א נייע שטימע פון א נאָהענטען ווינקעלע.

„דער אידעאַל פון עסען גוט און טרינקען גוט איז א גרוי־סער אידעאַל — האָט זיך ארייגעמישט דער פערשטאַנד — דאָס איז דער אידעאַל פון אַלע אידעאַלען... אָבער דוא בענקסט דאָך ניט נאָך דעם גוט עסען און טרינקען: דיא מצה און דעם וויין און דיא קניידלאָך האָסטו דאָ דאָך אויך געקענט קריגען פיר געלד, אפילו ביי דיא מיסעס..."

„אַך, וויא עס איז אונמוטהיג!...“ האָט געשריען דיא קרעכצענדיגע שטימע.

„איך דערצייל עס אייך אין אזא פאָרמע — האָט פאָרטגעזעצט מיין לאַנדסמיידעל — ניט אום צו ווייזען מיין בערעדזאַמקייט, נור ווייל מיר דאַכט זיך, אַז אזוי וועל איך בעסער אויסדריקען דאָס וואָס איך האָב דאַן געפיהלט און געדיינקט...

אהיים בין איך געקומען שפּעט... איך האָב מיט אַ כיון ארומגעשפּאַצירט איבער איסט בראָדוויי, אום וויינינגער צו בלייבען אַליין אין מיין צימער... ביי מיין מיסים האָט מען שוין באַלד געהאַלטען ביים ענדיגען דעם סדר... אין צימער, וואו מען האָט געפּראַוועט דעם סדר איז געווען ליכטיג. דיא מיסים מיט איהר מיסטער, מיט זייערע קינדער זיינען געזעסען ארום אַ טיש, וועלכער איז געווען אויסגעפּוצט יום טוב׳דיג.

„איך בין אריין אין מיין צימער, און ניט אָנצינדענדיג דיא גאַז האָב איך זיך געזעצט ביים פענסטער און האָב ארויסגעקוקט אין דרויסען. דאָרט, אויף יענעם זייט גאַס, אהינטער אַ רויטער טענעמענט הויז, האָט ארויסגעשוואומען אַ ליכטיגע זילבּערנע לבנה. און דאָ האָט זיך מיר ניט ווילענדיג פאָרגעשטעלט דיא לבנה ביי אונז אין דער היים, און דאָס הארץ אין מיין ברוסט האָט גענומען ציהען, ציהען... און עפּעס האָט דאָרט גענומען וויינען און יאָמערען... אָט איז אונזער שמיעדעשע גאַס... אָט איז אונזער הויז... אין דיא פענסטער איז העל און ליכטיג... און אָט שטייט אין אונזער „פּערטעל“ אַ יונגע מיידעל אין אַ ווייסע קלייד מיט אַ לאַנגען שווארצען צאָפּ, איך אַליין... און אָט זיינען דיא קוזשנעס.... איוואַן שטעהט און בלאָזט... אַ בלויליך־רויטער פייער הייבּט זיך און לאָזט זיך אראָפּ... פייערדיגע פונקען פליהען דורך׳ן קוימען... און אָט איז קאָשטיושקעס גאָרטען מיט דיא שווארצע בוימער, וועלכע שטעהען נאָך יעצט נאַקעט, אָהן בלעטער... און איבער דאָס אַלעס הייגגט אראָפּ אונזער בלויער, שיינער, אונזער היימישער הימעל, וויא אַ גרויסע יאַרמאָלקע, און

אין דיעזער יארמאָלקע שווימט אַרום, וויא דורך א זילבערנעם טומאַן, אונזער לבנה...

„איך האָב צוגעמאַכט דיא אויגען.. מיר האָט זיך אזוי געוואָלט דאַן פערגעסען אָן אַלעס, אַלעס, וואָס עס איז נור ניט — דאָרט....

„אָט איז אַ גרויסער ליכטיגער זאַל, אויסגעשטעלט מיט אַ לאַנגען, לאַנגען טיש... אויף איהם זיינען אָנגעשטעלט זילבערנע און בעגאָלדעטע בעכערס מיט וויין... אויבען אָן אויף אַ הויכער היסב־בעט זיצט מיין פאָטער אין אַ ווייסען קיטעל... זיין פנים שטראַהלט מיט גדולה פון אַ'ן אמת'ן קעניג.... פון דער רעכטער האַנד זיצט מיין מוטער, אויך אַ גליקליכע, אויסגעפּוצט יום־טוב'דיג אין איהרע פּעריל, אין דיא בּלישצענדע אויררינגען, אין אַ נייעם צעפּיק מיט אַ רויטען „האָהן“.... אין איהרע אויגען, מיט וועלכע זיא קוקט אויפ'ן פאָטער און אויף אונז אַלעמען, קען מען לעזען: „גאָט זאָל מיך מזכה זיין אויף איבער אַ יאָהר מיט מיין מאַן און קינדערלאַך צו זיצען ביי'ם סדר...“

„אימיצער האָט מיך אָנגעריהרט פאַר'ן פּלייצע. איך האָב זיך דערשראָקען אַ קעהר געטהאָן, ערשט — מיין מיסעס....

— וואָס זיצט איהר עפּעס, אננאַ, אין דער פינסטער? — האָט זיא מיך געפרעגט — איהר פיהלט זיך עפּעס ניט גוט? קומט צום טיש... מיר וועלען אסור דערפאַר אייך עפּעס „טשאַרזענען“.

— איך דאַנק אייך,ביילע; ווען איך וואָלט וועלען גיין צו אייך צום טיש, וואָלט מיך אסור געאַרט דאָס געלד, אדרבה...

— נו, זאָגט אַליין, אננאַ, איז דאָס אַ לעבען? אז פון יום טוב וויים מען ניט, פון שבת וויים מען ניט... איך רייד שוין ניט פון פרומקייט... איך רייד אזוי: צו אַ גוט־שטיקעל אָנגעפילטע פיש צו אַביסעלע וויין, צו דאָרטען אַ קניידעלע, אַ פעטינקע, צו אַ גוט ביסעל וויינענדיגע ראָסעל, צו מאַלע וואָס... וועה, וועה, וויא אזוי קען גאָר אַ מענש זיך אָפּזאָגען פון יום טובים!...

— אַך ביילע, ניט דער וויין און ניט אַלע אייערע גוטע

זאָגען קען מיר געבען דאָס, וואָס מיר פעהלט... עס איז מיר שרעקליך אונמוטהיג...

— פאַר וואָס?

איך האָב דאָס איהר ניט געקענט געבען צו פערשטעהן, און טרערען האָבען מיך גענומען שטיקען.

ניט אמת — האָט געענדיגט מיין לאַנדסמיידעל — דאָס איז דאָך איין מאָדנע זאַך, וואָס דוקא ערב יום טוב פיהל איך אזוי עלענד. פאַר וואָס איז עס אזוי.... מה נשתנה?"....

אַמעריקע ממזר.

עס האָט זיך גאָר ניט געגלויבט דעם אַלטען שוסטער משה בער, אז זיין אלטינקע, חוה, זאָל איהם פּלוצים אָבטהאָן אזא מעשה...

פערלאָזען איהם גאָר אין גאנצען... אין גאנצען אויף דיא עלטערע יאָהרען?!... ניט קענען איהר מעהר זאָגען: „חוה, פיל אָן היינט אַ קישקע צו ווארעמעס, וויא איך האָב ליעב.“ אָדער: „חוה, אוי, מיר ברעכען דיא ביינער... מאַך דיא בעט און רייב מיר אוים דעם רוקען מיט קאַנפער־אויל...“ צו גאָר: אז דיא קליינע אידישע „לויפערס“ פון דעם ארומיגען געגענד וועלען בעפאַלען זיין וואוינונג, דעם קעלער־שטוב אויף לודלאָוו סטריט, בשעת ער לאַטעט דיא שיך, מיט אַ געשריי: „ווהיסקים, זש־ש־ש..“ זאָל ער זיך ניט קענען אַ בייזער טהאָן, וויא געוואוינליך: „חוה, אַ בראָך צו דיר, וואו ביזטו דאָרטען מיט’ן שטעקען? דערלאַנג דאָרטען דיא לויפערס!“... וויא איז עס מעגליך? וויא קען עס זיין?

פופציג יאָהר אָבגעלעבט מיט איהר, וויא דיא טייבעלעך. געהאט מיט איהר קינדערלעך, אויפגעהאָדעוועט זיי, געטאַנצט מיט איהר צו זייערע חתונות, געוויינט מיט איהר צו זייערע לויות... געקומען צוזאמען מיט צוועלף יאָהר צוריק צו זייער טאָכטער קיין „נייאָרק.“ ביידע גלייך ניט געקענט הויזען ניט מיט זייער טאָכטער און ניט מיט זייער איידעם, מחמת זייער ניט־פרומקייט... ביידע גלייך געביינקט נאָך זייער געבורטשטאָדט, סמארגאָן, ביידע גלייך געפיהלט דעם שמערץ, וואָס אין דער היים איז

משה בער געווען משה בער, א שוסטער צו לייטען גלייך, גענייהט פיר דיא שעהנסטע בעלי בתים אי שטיוועל, אי שטיוועלעטען — צאצקעס פון דעם בעסטען לעדער, און דאַ אין „נייאָרק", קומט איהם נעביך אוים נור צו לאַטען לעבער אין אלטע שיך און נאָך אין וואָס פאַר שיך? אין חזיר'שע אמעריקאַנישע, איין דאָלארדיגע, וועלכע האָבען געמעגט פערברענט ווערען אין חמץ — וויא דער אַלטער משה בער פלעגט זאָגען מיט וועהטאָג אין הארצען — נאָך מיט צעהן יאָהר פסח קאַריק, איידער אימיצער האָט גאָר אויסגעטראַכט דיא אַמעריקע, פערברענט זאָל זיא ווערען מיט איהרע פאַפּי־רענע מלאכות!..."

מיט איין וואָרט, וויא איז עס מעגליך, אז דיא זעלבע חוה, מיט וועלכע ער האָט אָבגעלעבט פונפציג יאָהר, וויא איין גוף מיט איין נשמה, ניט טראַכטענדיג גאָר קיין מאָל פון אזא זאַך, זאָל פלוצים, מיט איין מאָל...

וויא? וואָס, ווען? וויא אזוי? דער בויך האָט איהר דריי מעת־לעת וועה געטהאָן!

וועה, וועה, אמעריקע, א קלאָג צו איהר! אין דער היים כאַפּט אויך אָן אמאָל בויכוועהטאָג, טהוט מען דאָס, יענעס, אַלץ היימישע סגולות און עס העלפט טאַקי... דיא דאָקטוירים דאַרף מען דאָרטען אויף כפרות... און דאָ טענה'ן זיי אַלע, ווארום האָט מען גלייך ניט געשיקט נאָך א דאָקטאָר!

א דאָקטאָר צו א געוואוינליכען בויכוועהטאָג, אַלע קלאָגען צו אזא אַמעריקע!

און דאָך איז עס א ביטערער אמת... חוה פערלאָזט איהם טאַקי... און אפשר, אז ער וואָלט טאַקי גערופען גלייך א דאָקטאָר, וואָלט, וואָלט....

* * *

אין דיעזער צייט פאָהרט צו צום קעלער־שטוב א שווארצער וואָגען מיט'ן טויטען קאַסטען.... גלייך דערהערט זיך א הייזעריגער קלאַפּען פון צדקה פושקעס...

דער אַלטער משה בער טהוט זיך א כאַפּ צושראַקען. וויא? שוין?!... אַט דאַ איז זיא געשטאָרבען און אַט זיינען שוין דאַ דיא וויבער. און מע טהוט איהר אָן דיא אייביגע קליידער... און אַט איז שוין דא דיא פוהרל אויך! וואָס איז עס, רבונו של עולם, שטייטש, מע האָט איהר דאָך נאָך ניט בעקלאָגט אפילו וויא געהעריג איז! אפילו קיין ריכטיגען אידישען קרעכץ האָט נאָך קיינער נאָך איהר ניט ארויסגעלאָזען, ניט וואָס עפּיס א רעכטען געוויין... וואָס איז דאָ: א פּגר צו א מת? וואו זיינען דיא טרע־רען, וואו זיינען דיא קרעכצען, וואו איז דער ביטערער, אמת אידישער געוויין?! וואָס שווייגט עפּיס זיין טאָכטער זלאַטע? וואו איז זיא?!

ער קוקט זיך אום, ער זעהט זיא שטעהענדיג צווישען עטליכע אנדערע וויבער, אָנגעטהאָן אין א הוט מיט פעדערען, און דריקענדיג א וויסע טיכעל צו דיא אויגען.

און ער ווערט פערצווייפעלט קוקענדיג אויף איהר...

„אַט אזוי בעוויינט זיא עס איהר אַלטע מאמע — טראַכט ער מיט א וועהטאָג אין הארצען — אָנגעטהאָן וויא א פּריצעטע און וויינט אויך, וויא א פּריצעטע, אין דער וויסער פּאַטשייל־קעלע, אין דער וויסער...“

ער פערקלעמט דיא ציינער פון אויפרעגונג און וועהטאָג... אין דער היים —טראַכט ער — אין סמארגאָן, וואָלט ער איהר פאר אזא מעשה צופלעט דעם קאָפּ מיט א קאָפּיל, דאָ אָבער אין אַמעריקע...

ער געהט צו צו איהר.

— טאָכטער מיינע, רעדט ער ארוים מיט א הייזעריגע אויפגערעגטע שטימע און זיינע ליפּען ציטערען, און זיינע אַלטע, אויסגעלאָשענע אויגען פינטלען, אזוי ווי מען וואָלט זיי גע־שטאָכען מיט נאָדלען: — טאָכטער מיינע, ווייסטו כאָטש, ווער עס איז געשטאָרבען?

ער ווייזט מיט'ן האנד אויפ'ן בר מנן, וואָס ליגט אויפ'ן פּאָל, איבערגעדעקט מיט א שווארצען געוואנד, קוקט אויף זיין

טאַכטער און פון זיינע אויגען קייקלען זיך טרערען, קייקלען זיך און נעצען זיין לאַנגע ווייסע באָרד....

זיין טאָכטער לאָזט ארונטער דעם קאָפּ, בייסט דיא ליפּען, סאָפּעט מיט'ן נאָז און דריקט שטארקער דיא ווייסע טיכעל צו איהרע אויגען...

פלוצים טהוט ער א געשריי אויף איהר מיט א יאמער, אין וועלכען עס פיהלט זיך א טיעפער, טיעפער וועהטאָג:

— זלאטע, אזוי בעקלאָגסטו דיין אייגענע מאמען? דאָס איז גע'מלאכה'ט און ניט געארבייט, א רוח אין דיין טאטען אריין! א קול זשאַלעוועט זיא אויפצוהויבען נאָך איהר טויטע מאמען, א בראָך צו איהר!

און ער צו־וויינט זיך ליידענשאַפטליך אויפ'ן קול.

* * *

עטליכע אידען מיט'ן טויטען־קאסטען לויפען אריין אין קעלער־שטוב פערהאַוועט וויא צו א שרפה, טהוען זיך א וואָרף צום בר מנן און ווארפען אריין דיא טויטע אין קאסטען... ביים ווארפען שלאָגט זיך אָן איהר קאָפּ מיט א דומפּפען קלאַפּ אָן דעם הילצערנעם צוקאָפּענס פון קאסטען...

און אז דער אלטער משה בער דערהערט דיעזען דומפּפען קלאַפּ, טהוט ער זיך א טרייסעל מיט'ן גאַנצען קערפּער און קוקט אָן א ווײַלע דיא אידען, וואָס שטעהען ארום דעם טויטען קאסטען, מיט גרויסע, צושראָקענע, גלעזערנע אויגען. דאַן טהוט ער זיך א וואָרף צו זיי, בלייך וויא לייוואנד, און רעדט ארויס מיט א שטילען, רחמנות'דיגען קול, אקוראט, וויא ער האָט מורא אויפ־צו־וועקען זיין חוה'ן, און עס ווארפט איהם דערביי הענד און פיס:

„גזלנים, וואָס שליידערט איהר זיך אזוי מיט איהר? זיא איז דאָך א אידישע טאָכטער, א קלאָג צו מיר! א עהרליכע אידענע, זעהר א עהרליכע... אזוינע, וויא זיא, זיינען ניט פיעל פערבליעבען אין אמעריקא! א קלאָג צו איהר, א בראָך צו איהר, צו אזא אמעריקע! — האָט ער פלוצים אויסגעשריען מיט א ליי־דענשאַפטליכען יאָמער, האָט א פּאַטש געטהאָן איןביידע הענד,

זיך געוואָרפען אויפ'ן טויטען קאַסטען און גענומען טענה'ן אויפ'ן קול מיט אַ יאָמער:

— אוי, חוה, וואָס זאָל מען טהאָן? מסתמא אזוי באַשערט פון גאָט! אַ גוטע בעטערין זאָלסטו דאָרטען זיין, אין דערהיים וואָלסטו אודאי געהאַט אַ שעהנערע לויה... ווייל דאָרטען האָט מען דיך געקענט, אז דוא ביזט טאַקי אַ צדקניות פון אַן אשה, דערפאַר וואָלט מען דיך אודאי בכבוד גדול מקבר געווען... דאָ איז אָבער, ווער איז מיר, הפקר פּעטרישקע.... אַ מאַמע איז קיין מאַמע ניט, אַ איד איז קיין איד ניט... אַ טרעהר איז טהייער, וויא אַ רענדיל... לאָם איך דיך כאָטש בעוויינען, וויא עס בעדאַרף צו זיין! חוה, פונפציג יאָהר ביזטו געווען מיין חבר'טע, ניט איין מאָל האָסטו פון מיר געקראָגען מיט'ן קאַפּיל... זיי מיר מוחל... און ווארום האָסטו ניט געוואַרט נאָך אַ יאָהר, אפשר וואָלט איך מיט דיר אין איינעם געגאַנגען!...

ביי דיעזע ווערטער האָט זיך אויפגעהויבען אַ יללה פון דיא אָרומיגע ווייבער. זלאַטע, משה בער'ס טאָכטער, האָט אויך גענומען וויינען אויפ'ן קול.

און דיעזע יללה פון דיא ווייבער האָט נאָך מעהר צו־ווארעמט דעם אַלטען משה בער'ן און ער האָט יעצט געוויינט מיט נאָך מעהר ליידענשאַפט:

— חוה, דוא הערסט, האַ? אַט אַצינדער וויינען זיי, אַז מע האַלט דיך ביים ארויסטראָגען, און פריהער, אַז דוא ביזט געלעגען און האָכט געוואַרט אויף אַ טרער, אויף אַ וויינענדיגען קול האָבען זיי געריבען דיא אויגען מיט דיא ווייסע פאַטשייל־קעלעך!...

— גענוג, מיסטער, האָט איהם אונטערבראָכען איינער פון דיא אידען — האַלט אונז ניט אָב. מיר האָבען קיין צייט ניט...

— וואַרט, וואַרט נאָך אַביסעלע — האָט דער אַלטער משה בער געקלאָגט — אידען, איהר זעהט דאָך, אַז אַצינד ערשט איז געקומען דער עיקר; אַז אַצינד ערשט האָט מען זיא ריכטיג גע־נומען בעקלאָגען!

— נעהמט איהם אוועק פון קאסטען! האָט איינער פון דיא אידען א געשריי געטהאָן.

אימעצער האָט איהם מיט געוואלד אָבגעריסען פון טויטען־קאסטען, ער האָט זיך געבאָרעט מיט אלע קרעפטען און האָט געשריען:

— זשוליקעס, קארמאַנשציקעס, האָט רחמנות, זיא איז געווען אַן עהרליכע אידענע... לאָזט זיא בעקלאָגען... זיא איז מיין ווייב... וואו איז דער האמער?

און ער האָט זיך א וואָרף געטהאָן אין ווינקעלע און האָט גענומען זוכען דעם האמער....

דעם האמער האָט ער ניט געפונען און דערווייל האָבען דיא אידען ארויסגעטראָגען דעם קאסטען מיט דער טויטער פון שטוב... דאַן האָט ער זיך צו־וויינט לייזענשאפטליך אויף א דינעם, קינדערשען קול.

— חוה, חוה — האָט ער געוויינט — אזא בושה, אזא חרפה... וויא א נבלה דיך אוועקגעשלעפט!...

און ער איז ארויסגעלאָפען מיט א געוויין אויפ'ן גאס און איז געלאָפען מיט זיינע אלטע וואנקענדיגע פיס נאָך'ן טויטען־וואָגען. . . .

* * *

אין א שעהנעם פארנאכט, אין חודש תמוז, צוויי וואָכען נאָך חוה'ס טויט, איז דער אלטער משה בער געזעסען אויף זיין ארבייטס ביינקעל אין קעלער־שטוב און האָט מיט התמדה בע־טראכט א פאאר אלטע שיך, וואָס א קונד האָט איהם ניט לאַנג אריינגעטראָגען צו פערריכטען...

א גאַנצען טאָג האָט דיא זון שטארק געברענט און יעטצט האָט דיא לופט אין לודלאָוו סטריט געשטיקט און געביסען אין נאָז און אין האלז, וויא צו־ווארעמטע שמעק־טאבאק.... אין קעלער־שטוב ביי דעם אלטען משה בער'ן איז דיא טיר צום גאַס געווען אָפען און פון דרויסען האָט זיך געטראָגען אהין א ווילדער

טומעל פון דיא קינדער, וואָס האָבען זיך געשפּיעלט ניט ווייט דאָרט ארום...

דער אַלטער משה בער האָט געהאַלטען דיא אַלטע שיך אין דיא הענד און האָט זיי בעטראַכט פון אַלע זייטען. און וואָס לענגער ער האָט זיי בעטראַכט, אַלץ מילדער, אַלץ ווייכער איז געוואָרען זיין בליק אונטער דיא ברילען, אַלץ לעבעדיגער, אַלץ פרעהליכער איז געוואָרען זיין פּנים מיט דער לאַנגער ווייסער באָרד.

— אוי, אוי, אוי, היימעשע שיך! — האָט ער געשעפּצעט מיט א צערטליכקייט, שמייכלענדיג גליקלאַך: — ארבייט אַבּי־סעל, לעדער אבּיסעל! אוי, אוי, אַ מחיה צו האַלטען אין האַנד, אַ פּקוח נפש צו קוקען. דיא מלאכה פון אַ ריכטיגען שוסטער... מיין מלאכה, דוכט זיך, וואָלט איך שווערען! אוי, אוי, — האָט ער געשעפּצעט הינגעריסען צוגעשאָקעלט מיט'ן קאָפּ — האָמ־בורגער לעדער... ריכטיגע זאַגאָטאָוועקעס... פּש־פּש־פּש־שו!... חוה, קום אַקאָרשט אהער איך וועל דיר עפּעס ווייזען... דוא געהסט, חוה?....

קיינער האָט איהם ניט געענטפערט. זיין התפעלות'דיגער קול האָט אָפּגעקלונגען אַזוי מאָדנע אין קעלער־שטוב, עפּעס וויא אין אַ וויסטעניס....

— חוה?...

ער האָט פערוואונדערט אויפגעהויבען דעם קאָפּ, האָט ארויפגערוקט דיא ברילען אויפ'ן שטערען און האָט מיט דיא אויגען געגומען זוכען ארום זיך חוה'ן. און אז ער האָט דערזעהען דיא אָנגעוואָרפענע קישענס און קאָלדרעס אויפ'ן בעט, דיא אונאָרדנונג ארום אין שטוב, האָט ער זיך ערשט דערמאָנט, אַז זיין חוה איז שוין מעהר ניטאָ... און אין זיינע אויגען, וואָס זיינען געוואָרען אַלץ גרעסער און גרעסער, האָבען זיך אָפּגעמאָלט פערוואונדערונג, שרעק און וועהטאָג...

* * *

אין דיעזער צייט זיינען עטליכע אידישע באָיעס בעפאַלען

דעם קעלער־שטוב מיט א ווילדען געשריי: „וועהיסקירס, זש־ש!...

איין פרעכער באַי איז אַרונטערגעלאָפען אין קעלער־שטוב, האָט זיך געשטעלט ביים טיר און האָט זיך גענומען רייצען מיט דעם אַלטען משה בער'ן, ארויסשטעלענדיג איהם דעם צונג, לאַכענדיג איהם אין פנים און דרעהענדיג דיא הענד ארום מאָרדע מיט א געשריי: „זש־ש־ש, וועהיסקירס!...“

א ווײלע האָט איהם דער אַלטער משה בער אָנגעקוקט צוטומעלט, אַקוראט וויא ער וואָלט ניט פערשטאַנען, וואָס וויל פון איהם דער באַי. דאַן האָט ער זיך שטיל צולאַכט מיט א היס־טערישען געלעכטער.

— וועהיסקירס, זש־ש־ש! — האָט ער נאָכגעמאַכט דעם באַי, לאַכענדיג מיט גאַל און קוקענדיג אויף איהם מיט האַס: — וועהיס־קירס!... כא, כא, כא... אַמעריקאַ איז א נײַם קאַנטרע, א פײַן קאַנ־טרע, א פוירסט קלעם קאַנטרע, הא, ממזר'ל? אַמעריקע —האָט ער זיך פלוצים א כאַפּ געטהאַן פון ביינקעל מיט א בייזען גע־שריי: — אַמעריקע־ממזר!...

און האָט א שמיץ געטהאַן מיט איינעם פון דיא היימישע שיך נאָך'ן פרעכען באַי...

דזשעני׳ם כל נדרי.

פארנאכט, ערב יום כפור....

זיא זיצט נעבען פענסטער אין א ווייסען ראפער, דעם קאפ ארויסגעשטעלט פון צווישען דיא פאנאנדער גערוקטע פאר־האנגען אין דרויסען. דיא קראמען אין עללען סטריט זיינען צו־געשלאסען. יום כפור: דער עולם האט מורא פיר דער שווארצער חתימה.... שווארצע שאטענס, צושפרייטען זיך ארום און ארום — אין דרויסען ווערט דונקעל, פינסטערלאך.

אנטקעגען איהר פענסטער, אויף דעם אנדערן זייט גאס, שטעהט א גרויסע געמויערטע, גרויע געביידע. דיא געביידע איז א אידישער בית המדרש. אהינצו לויפען איצט אידען, אויס־געפוצט יום־טוב׳דיג, אי עלטערע, אי אינגערע, אי פרויען, אי קינ־דער, בעטען גאט...

זיא קוקט אויף דיא אידען מיט אונמוטהיגע, פערטראכ־טע אויגען. פלוצים האט זיא דערשראקען א כאפ געטהאן דעם קאפ צוריק, האט פארשטעלט דעם פנים מיט׳ן פארהאנג און איז אזוי געבליעבען זיצען א צייט לאנג מיט צוגעמאכטע אויגען.

דער צימער איז געווען בעלויכטען מיט א געז ברענער. אויף א זאפע נעבען וואנד איז געלעגען א דיקע פרוי אין א ראפער, מיט א פעטען פנים, וואס האט געהאט דעם אויסדרוק פון א מאפס, מיט קליינציקע אויגעלאך, פערגאסענע מיט פעטס, און מיט צופלאנטערטע, קורץ געשארענע, שווארצע האאר אויפ׳ן קאפ.

זיא איז געלעגען אויפ'ן רוקען, האט געפיהלט א פויל־קייט אין יעדען אבר און האט זיך געחיות'ט. איין האנד האט זיא געהאלטען פארלייגט אהינטער'ן נאקען, דיא צווייטע אראב־געהאנגען פון זאפע מיט דיא פינגער אראב... זיא האט געזשמו־רעט דיא אויגען, וויא א קאץ, אויף דער פרוי, וואס איז געזעסען ביים פענסטער, און האט געשוויגען.

אין א ווײלע ארום האט דיא פרוי ביים פענסטער זיך א הייב געטהאן, האט מיט א נערוועזער בעוועגונג אבגערוקט דעם פארהאנג, האט ארויסגערוקט דעם קאפ דורך'ן פענסטער און האט א קוק געטהאן אויפ'ן בית המדרש — אלע זיינען שוין געווען אינעווייניג. איהרע אויגען האבען גענומען בלאנדזשען אויף אלע זייטען און זוכען....

דער עלעקטערישער שיין פון דרויסען האט אבגעשלאגען אויף איהר פנים: דיא באקען זיינען געווען בעדעקט מיט פודרע און פארב, דיא ליפען קינסטליך רויט, און פון אונטער דיא גע־פארבטע ברעמען און ווימפערן האבען ארויסגעבלישצעט דונ־קעלע אויגען.

זיא האט דערזעהען א פערבייגעהער, וועלכער האט זיך אבגעשטעלט ניט ווייט פון איהר הויז. איהר פנים האט גלייך אנגענומען א פרעכען אויסדרוק; דיא אויגען האבען זיך גענומען בעוועגען שנעל און שפיעלען, אויף דיא ליפען האט גענומען שפיעלען א געוואוינטער פערפיהרערישער שמייכעל.

—ס—צ! ס—צ!.... האט זיא איהם גערופען.

ער האט זיך אומגעקוקט און איז אוועק...

— דזשעני, דזשעני, האט פלוצים זיך דערהערט פון הינטען א פוילער, הייזעריגער קול פון דער דיקער פרוי, — גייט אימיצער?

— אוועק! האט דזשעני געענטפערט מיט א פערשטיקטען קול.

— דזשעני, דזשעני, האט זיא ווידער גערופען דיא דיקע פרוי.

דזשעני האָט זיך אומגעקוקט אויף איהר מיט אונגעדולד.

— וואָס?

— כי, כי, כי! האָט געגומען לאַכען די דיקע פרוי, שווער סאָפּענדיג, און איהרע אויגלעך זיינען דערביי אין גאַנצען פער־שוואומען מיט פעטס. — כי, כי, כי!... די העכט ציטערן היינט... יום כפור... מען חתמ'ט... כי, כי, כי! באַלד הערען מיר א קאָנ־צערט דאָ פון שוהל... אי, אי, — האָט זיא אויסגעזונגען — בים בים, באַם, באַם... שאָלעמען אייזעק!... אי, טאַטעלע — פּאָטערל, געוואַלד!

די לעצטעווערטער האָט זיא אויסגעזונגען מיט א היי־זעריגען קוויטש און זיא האָט זיך דערביי אזוי צולאַכט, אז איהר האָט גענומען שטיקען א הוסט און זיא האָט זיך געמוזט זעצען.

דזשעני האָט געקוקט אויף איהר מיט אונגעדולד, האָט א קוועטש געטהאָן מיט די פּלייצעס, האָט שווייגענדיג זיך גע־זעצט אויף א שטוהל ביים זייט פון פענסטער מיט'ן רוקען צו איהר חבר'טע און האָט נערוועז גענומען קלאַפּען מיט די פינגער אָן דער ווענטעל פון שטוהל.

— דוא ביזט ניט צופריעדען, דזשעני? האָט גערעדט ווייי־דער די דיקע פרוי, אָפּבאַפּענדיג דעם אָטהעם און אראָפּלאָזענ־דיג די דיקע הענד אויפ'ן שויס. — און איך קעהר ניט... איבער־מאָרגען איז שוין אויס חתמ'נען, שאָלעמען אייזעק וועט זיך שוין מעהר ניט שרעקען... עס קומען אָן פריילינע יום טובים... סוכות, שמחת תורה... זאָג מיר נור, דזשעני, האָסט דאָך א מאָל געהאַט א טאַטע־מאַמע, האָט מען ביי אייך אין דער היים אויך געזונגען שמחת תורה אָט דאָס: ריטאַ־איירא, ריטאַ־טירא!

זיא האָט עס פריילאך אויסגעזונגען, האָט צוגעקלאַפּט מיט'ן פוס צום טאַקט און האָט זיך ווידער פאַנאַנדער געלאַכט.

— שאַראַפּ! האָט דזשעני פּלוצלונג אויסגעשריען מיט אן אויפגערעגטען קול און האָט מיט בלישצענדע אויגען א קוק געטהאָן אויף איהר חבר'טע, — שאַראַפּ! זיי זאָלסטו ניט דער־מאָנען מיט דיין שמוציגען מויל... זיי זיינען ניט דיין גלייכען.

אָרענטליכע מענשען זיינען זיי געווען, אנשטענדיגע, דערמאַן דאָ ניט זייער נאָמען.

דיא דיקע פרוי האָט זיך אַ הייב געטהאָן פון זאָפע, האָט זיך קאָמיש פארנייגט פאר דזשעניין און האָט אַ שאר געטאָהן מיט'ן פוס.

— מיין גרעפינע, האָט זיא ארויסגערעדט מיט אַ איראָניע, שטיקענדיג אין זיך דעם געלעכטער, — מיין גרעפינע, איך האָב גאָר פערגעסען, אז אייער פאָטער איז געווען אַ גראף און ניט קיין שאָלעמען אייזעק... איך מוז אייך זאָגען, אז מיין פאָטער איז אויך ניט געווען אבי ווער. אמת, ניט קיין גראף פאָטאָצקי, אָבער ר' איצעלע חנה בעריל'ס איז ער דאָך געווען. יאָ!...

זיא האָט אַ מאך געטהאָן מיט'ן קאָפּ, האָט אויסגעגלייכט איהרע דיקע פּלייצעס, האָט פאררי‍סען דיא אויגען אויף דזשעניין און האָט געקוקט אויף איהר מיט שטאָלץ. נאָך אַ קליין שווייגען האָט זיא פאָרטגעזעצט:

— ר' איצעלע חנה בערל'ס, פארשטייסטו מיך. דאָס איז ניט קיין קאָטאָוועס — זיא האָט פאררי‍סען דעם צייגעפינגער צום נאָז, אַזוי וויא זיא זאָל מיט דעם וועלען אָנווייזען דיא גרויס־קייט פון דיעזען נאָמען — וואָס ביי איהם איז געלעגען תורה אָט דאָ — זיא האָט אָנגעוויעזען אויפ'ן שטערן — דאָס האָבען ניט אַלע שאָלעמען אייזיקס אין איינעם. ער האָט געקענט פּסק'נען שאלות אויך. יאָ, מיין גרעפינע, דאָס איז דיא ריינע וואהרהייט. פרעג יעדען סלוצקער אידען, וועט מען עס דיר זאָגען....

דזשעני האָט זיא אויסגעהערט, דאן האָט זיא ארויסגע־רעדט לאַנגזאַם, צווישען דיא ציינער:

— ער איז געווען מסתמא אַ פערד גנב....

דיא דיקע פרוי האָט לייכט אַ ציטער געטהאָן, איז געוואָרען רויט, דיא אויגלאָך האָבען אַ בלישצע געטאָהן.

— העי, העי, האָט זיא אויסגעשריען מיט אַ בייזען קוויטש

— האַלט ס'מויל, יו ד—ט, וואָרום קריעגסט באַלד ארינגעפּאָה־רען אין דיין חזיר'שע מאָרדע!...

דזשעני האָט געשוויגען און האָט זיך אומגעקעהרט מיט'ן רוקען צו דער דיקער פרוי.

און דיא דיקע פרוי האָט געקוויטשעט ווייטער:

— מיין פאָטער איז געווען א פערד גנב, דוא פאסקודסטוועז דיין פאָטער מסתמא. אזוי וויא איך וויים ניט! ער איז געווען א גנב, א קישעניק, א מערדער, יעס, מעם... מען קען זעהן נאָך דיר נאָך, וואָס ער איז געווען. דער עפעל פאַלט ניט ווייט פון בוים, יעס מעם!... ער איז געווען, וואָס דוא!...

דזשעני האָט זיך שנעל א קעהר געטהאָן, האָט א קוק געטהאָן מיט ברענענדע אויגען אויף דער דיקער פרוי, און האָט זיך היסטעריש צולאַכט.

— לאַך זיך, לאַך זיך, — האָט דיא דיקע פרוי געלאַסענער געזאָגט, און איך האָב דיך אין דר'ערד, איך וועל נעהמען א ביסעל וויהיסקי און דוא לאַך זיך!...

זיא איז צוגעגאַנגען אין א ווינקעל, וואו עס איז געשטאַנען א גאַלאָן מיט א'ן איבערגעקעהרטע גלעזעל אויף זיין העלזעל, האָט אָנגעגאָסען און האָט אויסגעטרונקען.

— נו, יעצט האָב איך דיך ערגעץ וואו אנדערש. האָט זיא פילאָזאָפיש אויסגערעדט, יעצט אקאָרשט ארוים אין דרויסען.... עס איז קאַלטלעך.... האָ, האָ, באַלד כאַפּ איך א העכט!... און זיא איז מיט שווערע טריט, קאַטשענדיג זיך, וויא א פעטע גאַנז, ארוים פון צימער.

דזשעני איז געבליבען זיצען אויף איהר אָרט. דיעזען אבענד איז איהר געווען ניט גוט צום מוטה, און זיא האָט זיך געפיהלט זעהר נערוועז.

דיא לעצטע דריי יאָהר, זייט זיא פיהרט דיעזען העסליכען לעבען, פלעגט זיא יעדען אידישען יום טוב זיך פיהלען אומגליקליך, איבערהויפּט יום כפּור. אזוי וויא א וואָרים וואָלט געלעגען אין דיא טיעפענעס פון איהר נשמה ערגעץ אין א ווינקעלע און וואָלט זיא געטאָטשעט און געעגבערט....

איז עס געווען א אונבעוואוסטע בייענקעניש נאָך דער היים,

נאָך יענע יום טובים, ווען בײַ איהר איז אויך געווען יום טוב מיט אלעמען צוגלייך? איז עס געווען א אונבעוואוסטער טרויער נאָך יענע ריינע, אונשולדיגע קינדהייטס־יאָהרען, וועלכע זיינען אוועק, אוועק אויף אייביג? אָדער איז אין דעם געווען שולדיג א געפיהל פון אבערגלויבען, וועלכער ליגט אין כאראקטער בײַ דיא מעהר־סטענטהייל פון אזוינע פרויען?

זיא פיהלט זיך אונגליקליך, היינט נאָך מעהר וויא אנאנדערס מאָל. זיא האָט געזעהען, וויא אידען לויפען אהינצו אין בית־המדרש. זיא האָט געלעזען א פרומע ערנסטקייט אויף זייערע פנים׳ער, און פלוצים האָט זיא צווישען דיזע אידען בעמערקט א בעקאַנטע געשטאַלט....

יאָ, יאָ, דער זעלבער וואוקס, דער זעלבער אויסזעהען, דער זעלבער גאנג, פון איהר טאטען! נאָר, ניין, דאָס האָט איהר זיך אויסגעדאכט: יענער איז שוין מיט זעקס יאָהר צוריק געשטאָרבען!....

זיא האָט זיך דאן א כאפּ געטהאָן צוריק פון פענסטער, האָט זיך פאַרשטעלט מיט׳ן פאַרהאַנג און האָט צוגעמאכט דיא אויגען.....

דיא פאַרשטעלונגס קראפט האָט זיך בײַ איהר פאנאנדער געשפּיעלט קעגען איהר אייגענעם ווילען, און זיא האָט זיך געזעהען אין א קליין שטיבעל ערב יום כפור

דער טיש איז בעדעקט מיט א ווייסען טישטוך, און אויף איהם שטעהען געבראָטענע כפרות. דיא מאַמע, א הויכע דאַרע אידענע אין א ווייסער קלייד, דער טאַטע א ברייטער אידעל פון מיטעלען וואוקס, מיט א שפּיציג שווארץ בערדעל, און בײַם עק טיש א יונגע מיידעל פון א יאָהר זיעבענצעהן מיט א ווייסען, קלאָרען, רונדען פנים, מיט דונקעלע אויגען, מיט דונקעלע האאר, וואָס זיינען אהינטען פערפלאָכטען אין א דיקען צאָפּ מיט א רויטער שטיינגע. און ווייטער, קלענערע קינדער, אי מיידלאַך, אי אינגלאַך... אלע עסען שטיל און ערנסט. צייטענווייז הערט זיך, וויא דער טאַטע זיפצט, וויא דיא מאַמע קרעכצעט. דער פאַ־

טער עסט ווייניג, דען ער איז א בעל תפילה, ער דארף היינט זאגען כל נדרי, דער אנשטאפּען זיך קען קאליע מאכען דעם קול. אלע אין הויז וויסען פון דיעזען חזנישען רעגעל. זיי האבען אפּגעגעסען. א טיעפע הייליגע ערנסטקייט פיהלט יעדער אין הויז.. אט האט דער פאטער, וויא זיין שטייגער איז געווען, גענומען בענ־שען די קינדער. צוערשט זיין עלטערע טאכטער. דיא 17 יעהרי־גע זלאטקע....

דזשעני האט א ציטער געטהאן. איהר האט זיך אויסגע־געבען, אז זיא פיהלט נאך יעצט אויפ׳ן קאפּ דיא ווארעמע ציטערענדע הענד פון איהר פאטער, אז זיא הערט זיין מורמלען, וועלכער ווערט איבערגעהאקט פון א שטילען, פערשטיקטען יאמער און וואס ווערט אונטערגעהאלטען פון א טיעפען שלוכ־צען פון איהר מוטער. איהר האט א ברען געטהאן אין קאפּ. זיא האט זיך א כאפּ געטהאן און האט דערשראקען גענומען קוקען ארום זיך....

האט איהר דאס דער פאטער געבענשט? איז זיא עס זלאטקע?

אך, וואו זיינען זיי אלע? ווארום קומט קיינער ניט!?

דער ציניזם פון איהר חבר׳טע האט זיא נאך מעהר אויפ־געדעגט. יעדעס ווארט פון איהר חבר׳טע איז געפאלען, וויא א ביטערער טראפּען אין איהר נשמה און האט זיא געמוטשעט....

אוים זלאטקע, ניטא קיין זלאטקע — דזשעני, דזשעני!...

זיא איז אויפגעשטאנען, איז צוגעגאנגען צום מענטעלפּיעס. דארטען איז געלעגען א קליין, רונד שפּיעגעלע. זיא האט גענומען דאס שפּיעגעלע אין האנד און האט אין איהם גענומען קוקען. זיא האט א גלעט געטהאן מיט׳ן האנד א באק, האט זיך איינ־געקוקט אין איהר. דיא פייכטע, פערשוויצטע פינגער האבען אויף זיך אנגענומען פּודרע און פארב. א פערעכטליכער שמייכעל האט גענומען שפּיעלען אויף איהרע ליפּען. דער פּנים האט זיך פערקרימט, וויא פון עפּעס א וועהטאג. זיא האט זיך איינ־געגעסען מיט בייזע אויגען אין שפּיעגעלע און דאן האט זיא

גענומען שפייען, שפייען אויפ'ן שפיגעלע, האט עס א שלייער געטהאן אן דר'ערד און האט עס פערשליידערט מיט'ן פוס אונטער דער זאפע...

ניט זלאטקע — דזשעני, דזשעני!...

זיא האט זיך צולאכט נערוועז און האט געציטערט מיט'ן גאנצען קערפער.

א ווילדער, טהירישער געפיהל האט דורכגעצוקט איין איהר נשמה: איהר האט געצויגען צו רייסען און בייסען, איהר האט געצויגען עפעס צו טהאן, וואס זאל אפטעמפען דיעזען שארפען טהירישען געפיהל...

ווען אימיצער וואלט כאטש געקומען!...

זיא איז נאך א ווילע געשטאנען אויף איין ארט, האט נערוועז געריבען דעם שטערען. דאן איז זיא צוגעגאנגען צום ווינקעל, וואו עס איז געשטאנען דער גאלאן, האט מיט ציטערנדע הענד זיך אנגעגאסען א גלעזעלע וויהסקי און האט עס אויסגעטרונקען אין איין אטהעם. דאן האט זיא אנגעגאסען א צווייטע און האט ווידער אויסגעטרונקען. דיא אויגען זיינען ביי איהר פערלאפען און האבען גענומען בלישצען, דאן האט זיא אוועקגעשטעלט דעם גאלאן אויף זיין פלאץ אין ווינקעל, האט א שמאצקע געטהאן מיט דיא ליפען, האט א קנאק געטהאן מיט דעם צונג, האט גענומען שמייכלען מיט א מאדנעם שמייכעל, האט א שפרונג געטהאן מיט איין פוס, מיט דער צווייטער, האט ארויסגעלאזען א פרייליכען קוויטש, איז צוגעגאנגען צום זאפע און האט זיך אווארף געטהאן אויפ'ן בויך, מיט דעם רוקען ארויף, איינגראבענדיג דעם פנים אין איהרע ארעמס.

אין קאפ האט געשווינדעלט, אין דיא אויערען האט געקלונגען. זיא האט געפיהלט, וויא א לייכטע ווארימקייט צוגיסט זיך איבער איהר לייב, איבער'ן רוקען און ארום האלז, צוגיסט זיך און שלעפערט איין איהרע אלע גדאנקען און געפיהלען...

ארום איז געווען שטיל, צייטענווייז פלעגט נור דורכלויפען דער עלעווייטער־צוג מיט א קלאפעריי און הוזשעריי, און

דאן פלעגט ווידער שטיל ווערען....

מיט איינמאָל האָט זיך דערהערט א געזאנג פון א כאָר. דער געזאנג האָט זיך געהערט פון שוהל....

פערשיעדענע שטימען, פערשיעדענע טענער האָבען זיך געטראָגען פון שוהל, האָבען געציטערט אין לופטען און האָבען זיך געריסען דורך דיא אָפענע פענסטער אין צימער, וואו דזשעני איז געלעגען.

דיא טענער האָבען געקלונגען אַלץ טיעפער, אַלץ העכער... דזשעני האָט זיך א הויב געטהאָן אויפ'ן זאָפע, האָט זיך געזעצט, האָט גענומען קוקען פאר זיך מיט האַלב שכור'ע, פארוואונדער־טע אויגען, האָט אויסגעשטעלט דיא אויערען און האָט זיך צוגעהערט.

„כל נדרי!“

זיא האָט א ציטער געטהאָן, דאָס זיינען געווען גוט בעקאַנ־טע טענער. זיא האָט זיי פיעל מאָל געהערט פון איהר פאָטער, זיא האָט זיי געקענט אויסוויינינג....

און ניט קוקענדיג, וואָס זיא איז געווען שכור'לאַך און פיעלייכט טאקי דערפאר נאָך מעהר, האָבען דיעזע טענער ארויס־גערופען אזא טרויער אין איהר נשמה, וואָס איז געווען פיעל שארפער וויא דער פריהערדיגער...

זיא האָט פארריסען דעם קאָפּ צום באַלקען, אזוי וויא איהר טאטע פלעגט טהאָן און האָט מיט א האלב הייזעריגען פאַלשען קוויטש אונטערגעכאפּט דיא טענער און נאָכגעזוונגען מיט הארץ....

דיא דיקע פרוי, וואָס איז געשטאַנען דיא גאַנצע צייט אויפ'ן סטופּ, וואַרטענדיג אויף א „העכט“, ווען זיא האָט דער־הערט דזשענים קוויטשעריי האָט זיך אריבערגעבויגען איבער'ן פארענץ פונ'ם סטופּ מיט איהר דיקען גוף, האָט ארייגעשפּארט איהר קאָפּ אין פענסטער און האָט גענומען לאַכען און נאָכמאַכען, אויסזינגענדיג:

— אי, געוואלד, שאַלעמען אייזיק, אי געוואַלד. כי, כי, כי!..

פלוצים האָט זיא בעמערקט, אז איבער דזשעניס באַקען קייקלען זיך טרערען, קייקלען זיך און לאָזען איבער שמוציגע פלעקען אויף איהר געפּאַרבטען פּנים.

— דזשעני, דזשעני, האָט זיא גענומען שרייען — זעה, וואָס איז דאָס מיט דיר?...

דזשעני האָט איהר ניט געהערט; זיא האָט אַלץ געקוויטשעט „כל נדרי,“ האָט געקוויטשעט מיט הארץ, אין גאַנצען אריינגע־טהאָן אין דעם, און האָט ניט געפיהלט, אז פון איהרע אויגען קייקלען זיך טרערען.

דיא דיקע פרוי איז אריינגעלאָפען פערסאָפּעט אין שטוב. זיא האָט אָנגעכאַפּט דזשעני'ן פאר'ן האנד און האָט זיא א שלעפּ געטהאָן צו זיך און האָט גענומען לאַכען.

דזשעני האָט זיך ארויסגעריסען פון איהר, איז אַפּגעלאָפען אויפ'ן מיטען צימער און האָט געיאָמערט אויפ'ן קול.

— דזשעני ,שא, קאַסטימער געהען! דיא דיקע פרוי האָט זיא ארומגעכאַפּט מיט דער לינקער האנד ארום טאַליע, מיט דער רעכטער פערשטאָפּט דעם מויל און אזוי געשלעפּט צום זאָפע.

דזשעני האָט אראָפּגעלאָזען דעם קאָפּ און האָט געשוויגען.
דיא דיקע פרוי האָט זיך געזעצט נעבען איהר, האָט איהר אריינ־געקוקט אין פּנים און האָט גענומען לאַכען:

— וואָס איז דער מעער, דזשעני?... כי, כי, כי!...

דזשעני האָט פאַרדעקט דעם פּנים מיט ביידע הענד און ביטער געכליפּעט.

דיא דיקע פרוי האָט גענומען רייסען דיא הענד פון איהר פּנים און שרייען: דזשעני! דזשעני!

— אוועק! האָט דזשעני מיט א מאָל אויסגעשריען ליידענ־שאפטליך און דיא אויגען האָבען ביי איהר געבלישצעט, און דיא ליפּען האָבען זיך פארקרימט מיט אן עקעל.

— אוועק! איך בין ניט דזשעני, איך בין זלאַטע, דוא הערסט? זלאַטע! איך, איך האס אייך אַלעמען, איך האס אייער

לעבען, איך האָב זיך!... זלאַטע בין איך, זלאַטע, ניט דזשעני!
אָה, וואָס האָט דער מערדער צו מיר געהאַט? פאַר וואָס האָט ער
מיך אַזוי אונגליקליך געמאַכט, דער לומפּ, דער ניעדערטרעכטי־
גער מענש. איך וואָלט איהם געשטאָכען!... איך בין געווען אַ'ן
עהרליכע ארבייטערין, אַן אָרינטע....

זיא האָט זיך פערנאַנדערקלאָגט הויך אויפ'ן קול...

און פון שוהל האָבען זיך אין דיעזער צייט געגאָסען טע־
נער פון אַ'ן אַנדער תפילה...

דיא דיקע פרוי האָט געקוקט מיט שרעק אויף דזשעניז;
דיא קליינינצקע, פערגאָסענע אויגעלאַך האָבען אויסגעקוקט, וויא
בלישצענדע גלעזלאַך.

אויפ'ן סוף האָט זיא ארויסגערעדט:

— נו, ווער האַלט דיך? חרטה איז חרטה, קענסט געהן,
קענסט כאָטש ווערען אַ רביצין. ביי אונז איז דאָ פּלענטי אָהן
דיר....

דזשעני האָט אַ ווײַלע געשוויגען. נאָכדעם האָט זיא
אויסגעשריען דורך טרערען:

— געהן? געהן? יאָ, דו ביזט זעהר אַ קלוגע... זעהסט, זעהסט
אָט דאָס, אָט דאָס — זיא האָט אָנגעוויזען אויף איהר פּנים און
אויף איהרע אויגען. שטעהט דאָ ניט אָנגעשריבען, וואָס איך
בין?.... וועט מען מיך ניט דערקענען!?.... געהן? וואוהין? ווער וועט
עס וועלען שטעהען אין מיינע ד' אמות, ווער? ווער?

— כי, כי, כי! היינט וואָס מאכסטו זיך נאַריש, אז דוא
פערשטעהסט אַ געשעפט? ...

דזשעני האָט ניט געענטפערט און האָט געוויינט...

— גיב מיר אַ ביסעל וויהסקי — האָט זיא ענדליך גע־
זאָגט — איך וויל זיך היינט אָנשכור'ן...

— דוא וואָלסט עס לאַנג געטהאָן, האָט דיא דיקע פרוי
אויסגעשריען, אויפהייבענדיג זיך פון אָרט: — ניט מאַכען זיך
נאַריש... כע, כע, אַ רביצין, שאָלעמען אייזיק!....

זיא האָט פריינדליך אַ שטופּ געטהאָן דזשעני'ן פאַר'ן

פלייצע, האָט זיך צוגאָסען מיט איהר געלעכטער'ל און איז צו־געגאַנגען צום גאַלאַן. זיא האָט אָנגעגאָסען א פריהער א גלעזעלע און האָט אויסגעטרונקען אליין. דאַן האָט זיא מיט א צינישען שמייכעל אויף דיא ליפען זיך געווענדעט צו דזשעני, צוטראָגענ־דיג צו איהר דעם גאַלאָן מיט דער גלעזעלע:

— נא, ווארעם זיך כאָטש אָן פון דעם!...

דזשעני האָט אויסגעטרונקען איין גלעזעל, א צווייטע, א דריטע, ביז וואנען זיא האָט גענומען פיהלען, אז זיא ווינגט זיך, אז דיא פאָדלאָגע דרייט זיך אונטער איהרע פיס. דאַן האָט זיא זיך געוואָרפען אויפ'ן סאָפע מיט'ן פנים ארויף און האָט נאריש גענומען שמייכלען...

דיא אויגען זיינען בא איהר געוועען האלב צוגעמאכט, און זיא האָט געקאָרטשעט מיט דיא ליפען.

און דיא שטימען פון שוהל קלינגען נאָך און הילכען אָפּ אין איהרע אויערען, און באלד ווערען זיי פערטומעלט דורך דעם רוישען און זשוזשען פון דעם בראַנפען אין איהר קאָפּ...

און ער האָט ווידער געשמייכעלט.

א ווינטער אבענד. אין דרויסען פייפט א קאַלטער ווינד, א שנעע פאַלט און דער ווינד שמייסט אִיהם אין קרומע שורות אַן א זייט, אַן דיא סלופּעס פונ'ם טעלעגראַף. דאָס בלויליך־העלע, עלעקטערישע ליכט ציטערט אין דיא לאַנטערנעס: אָט, דאַכט זיך, פערשווינדעט עס אין דעם ווייסען נעבעל פון דעם פאַלענדען שנעע און אָט, דאַכט זיך, טהוט עס פּלוצים א פלאַם און שניידט זיך דורך דורך דעם שנעע נעבעל, גראַדע וויא מאַנכעס מאָל דיא לבנה צווישען שווארצע וואָלקענסאויפ'ן הימעל — ציטענווייז לויפט דורך מיט א קלינגעריי א קאַר. דיא קאַר, דער קאָנדוקטאָר, דער אָנטרייבער און דיא פערד פערשוויג־דען אין דעם שנעענעבעל, נור דיא פייערלאַך פון קאַר בלישצען דונקעל ארוים און זעהן אוים פון ווייטען וויא ברענענדיגע לעמ־פלאַך, וואָס שווימען אין דיא לופטען פון הינטער א ווייסען, דינעם פאָרהאַנג...

ראסקין איז געשטאַנען אין זיין צימער, אויף א דריטען פלאָאר אין איסט בראָדוויי, נעבען א פענסטער, האָט ארויסגע־קוקט אין דרויסען, האָט נערוועז געקלאָפּט מיט דיא פינגער אויף דיא שויבען פון פענסטער און האָט זיך שטיל פאר זיך אונטערגעפייפט...

איין גאַז־ברענער אין מיטען הויז האָט דונקעל געברענט אין צימער.

ראסקין איז א יונגער מאַן פון א יאָהר 26—27, מיט א בלאַסען אינטעליגענטען פּנים, מיט שווארצע, קורצגעשאָרענע האָאר אויפ'ן קאָפּ און מיט שוואַרצינקע דינע וואָנצעס, וואָס זיינען פערדרעהט מיט דיא עקען ארויף. ער איז הויך און שלאַנק און האָט א פּאָאר צאַרטע קליינע הענטלאַך, וויא ביי

א פרוי. אין אמעריקא איז ער שוין זייט 5 יאָהר, האָט געליטען דיא ערסטע צייט הונגער, ביז ער האָט זיך אויסגעלערנט צו מאַכען אויפ'ן מאַשין אַן ארבעל פון א העמד, דאַן האָט ער געקראָגען ארבייט אין דער העמדען־פאַבריק ביי מיסטער יערו־כאַמאָוויטש'ן — אַן אמאָליגען מאָסקווער סוחר, און האָט זיך ארויפגעארבייט אין דער צייט פון צוויי יאָהר „איינטרייען זיך" אויף פיער דאָלאַר א וואָך פערדיענסט... און ווער ווייס וויא ווייט ער וואָלט זיך נאָך ארויפגעארבייט ביי זיינע ארבעל, ווען זיין פאַבריקאַנט יערוכאַמאָוויטש וואָלט ניט געהאַט א טאָכטער, וועלכע איז געווען ראוי לחופה ולמעשים טובים.. יערוכאַמאָוויטש האָט געהאַט א טאָכטער, ראַסקין האָט געלערענט אין א רוסישען גימנאַזיום. יערוכאַמאָוויטש האָט איהם פאָרגעשלאָגען צו שטו־דירען אויף זיין רעכנונג מעדיצין, מיט דעם תנאי, אז זיין טאָכ־טער זאָל זיך נאָכדעם רופען „פרוי דאָקטאָרקע". ראַסקינען האָט בשעת־מעשה א טיאָך געטהאָן אין הארצען: ערשטענס, איז ער דאַן געווען בעוואוסט אין דער ארבייטער־בעוועגונג צווישען דער יודישער מאַסע אַלס א הייסער סאָציאַליסט, און יערוכאַמאָ־וויטש'ס פאָרשלאַג האָט אויף איהם געמאַכט אַן איינדרוק, אזוי וויא מען וואָלט איהם פאָרגעשלאָגען צו פערקויפען זיך; צווייטענס האָט דיזער פאָרשלאַג ארויסגערופען אין זיין געדעכנים א בילד פון א מיידעל. דיעזעס בילד האָט א לאַנגע צייט געקלאַפּט איבער דיא סטרונעס פון זיין הארצען און האָט געוועקט אין זיין געדעכעניס עראינערונגען. דאָס בילד איז געווען פון א צוואַנציג יעהריגע מיידעל מאַשאַ. אין קאָוונע — דיא געבורט־שטאָדט פון איהם און פון מאַשאַ'ן — האָט ער זיך מיט איהר בעקענט, האָט זיך אין איהר פערליעבט... זיא האָט איהם אויך געליעבט. ער איז געווען דאַן אַן אָרימער שילער פון 7טען קלאַס גימנאַזיום; זיא — א פיאַנאָ לעהרערין. זיא האָט זיך געלעבט מיט איהר אַלטינקער מוטער און האָט געטרוימט אָנצוקומען ווען־עס־איז אין קאָנסערוואַטאָריום. ראַסקין פלעגט צו איהר קומען יעדען אָבענד און זיא מיט איהם פלעגען דאַן בויען פער־

שיעדענע פּלענער וועגען זייער צוקונפט. דיזע פּלענער זיינען גע־
וועזען ערהאַבענע, ארויסגערופענע פון דער ריינער יוגענדליכער
פאנטאַזיע, אונטערשטיצט פון דיא הייסע געפיהלען פון צווי ליע־
בענדע הערצער... ער וועט ענדיגען דאָס גימנאַזיום... ער וועט
אוועק שטודירען מעדיצין... זיא וועט אָננעהמען מעהר לעקציאָ־
נען, אום איהם צו שטיצען... ער וועט ענדיגען דיא אוניווערזי־
טעט, וועט ווידמען דאַן זיין גאַנצע טהעטיגקייט דעם „ליידענ־
דען, קלענערען ברודער"... און דאַן וועט מאַשאַ'ס אַלטינקע
מוטער וואוינען מיט איהם, און מאַשאַ וועט אַוועק אין קאָנסער־
וואַטאָריום... אין מיטען דערינען אָבער האָט זיך געטראָפען מיט
איהם אַ „היסטאָריע." אויף זיין בענקעל אין גימנאַזיום האָט
מען געפונען אַ מאָל „מירטאָוו'ס היסטאָרישע בריעף"... דיא
„נאַטשאַלסטוואָ" פון גימנאַזיום האָבען באַלד געמאַכט אַן אונ־
טערזוכונג. דער פועל יוצא פון דיעזער היסטאָריע איז געווען,
אז מען האָט איהם אויסגעשלאָסען פון גימנאַזיום און מען האָט
איהם געשטעלט אונטער דיא אויפזיכט פון דער פּאָליציי...
אַלע ערהאַבענע פּלענער זיינען דאַן ביי איהם און מאַשאַ'ן צור־
פאַלען... ער האָט גענומען טראַכטען וועגען אַמעריקאַ.... און
איינמאָל האָט מאַשאַ פערזעצט איהר גאָלדענעם מעדאַליאָן,
וואָס איז איהר פערבליעבען בירושה פון איהר פאָטער, האָט צור־
נויפגעקליעבען איהרע עטליכע רובעל און האָט איהם געגעבען
אויף רייזע־קאָסטען. זיי האָבען זיך צוקוסט, זיי האָבען זיך צור־
וויינט, זיי האָבען געשוואָרען איינער דעם אנדערען עוויגע ליעבע;
ער האָט זיא פערזיכערט צו נעהמען אין גיכען צו זיך אין אַמע־
ריקאַ—ער וועט זיך אויסלערנען גוט דיא ענגלישע שפּראַכע
אויפ'ן אָרט און דאַן וועט שוין אַלץ זיין גוט... דעם ערסטען יאָהר
האָט ער איהר געשריעבען זעהר אָפט; ער איז גענגען איהר געווען
אָפּען, האָט זיך געקלאָגט פאר איהר. זיא האָט איהם געענטפערט
און איהרע בריעף זינען געווען דורכגעדרונגען מיט אַן אונמוטה,
מיט אַ טיעפען בענקען. שפּעטער, ווען ער האָט זיך היינגעריסען
מיט דער היעזיגער ארבייטער בעוועגונג, פּלעגט ער איהר שריי־

בען זעלטענער. דערפאר אָבער, ווען ער פלעגט שוין יע א מאָל איהר שרייבען, האט זיין בריעף געאָטהעמט לעבעדיגער, פרעה־ליכער; ער פלעגט איהר בעשרייבען דיא ארבייטער־בעוועגונג פון אמעריקא מיט יעדער איינצעלהייט... אויף דיעזע פרעהליכע בריעף פלעגט זיא אויך ענטפערען מיט מעהר צופריעדענהייט... אזוי זיינען פערלאָפען צוויי יאָהר. איינמאָל האָט ער געקראָגען פון איהר א בריעף, אז איהר מוטער איז געשטאָרבען און זיא וואָלט וועלען פאָהרען אין אמעריקא... דאָס איז געווען אין דער זעלבער צייט, ווען יערוכאָמאָוויטש האָט איהם געמאכט זיין פאָרשלאָג. אין זיין נשמה האט זיך דאן אויפגעהויבען א שטאַר־קער קאמפף; פון איין זייט האָט צו איהם געווינקט דאָס שטו־דירען, ניט דארפענדיג זיך קימערען וועגען מאָרגענדיגען טאָג; פון דער צווייטער זייט האָט איהם פערפאָלגט מאשא׳ס בילד. דיעזעס בילד האָט צו איהם געשמייכעלט, האָט צו איהם גע־לאַכט, האָט אויף איהם געקוקט מיט בעטענדיגע אויגען, מיט אויגען פול מיט טהרערען און פאָרווירפע. ער האָט ביי זיך בע־שלאָסען איהר דערוויילע ניט צו ענטפערען, ביז וואנען ער וועט עס זיך גוט איבערלעגען. יערוכאָמאָוויטש׳ען האָט ער דערוויי־לע אויך ניט געגעבען קיין בעשטימטען ענטפער. איינצו־ווילי־גען גלייך אויף זיין פאָרשלאָג האָט איהם אויך אָבגעהאַלטען דער געדאנק; „וואָס וועלען זאָגען דיא בעקאנטע? א סאָציאליסט און פערקויפט זיך!" ביסלאכווייז אָבער האָט דאָס בילד פון מאשא׳ן זיך גענומען פאַרדעקען וויא מיט א דונקעלן שלייער... דונקעלער, דונקעלער... און איז אין גאנצען פערשוואונדען... דער געדאנק, וואָס וועלען זאָגען דיא סאָציאליסטען, האָט איהם אויך אויפגעהערט צו שרעקען, ווייל ער האָט זיך דערמאָהנט אָן איי־ניגע דאָקטוירים מיט „פראָגרעסיווע אידעען," וואָס האָבען אויך געמאכט זייער קאריערע פון שטודירען אויף דיא רעכנונג פון א מיידעל׳ס א טאטען, אָדער אויף דיא רעכנונג פון א מיידעל אָהן א טאטען, נאָר מיט געלד. „דיעזע, האָט ער גערעכענט, זיי־נען דאָך געבליבען שעהנע מענשען, נאָך מעהר, זיי זיינען נאָך

איצטער מעהר פּאָפּולער וויא פריהער״... ווידער האָט ער גע־וואוסט אייניגע פאַקטען וועגען אנדערע דאָקטוירים און לאַיערס, וואָס זיינען גוט בעקאַנט מיט דער טהעאָריע פון קאַרל מאַרקס, אז דאָס קאַפּיטאַל קאָנצענטרירט זיך אין איינצעלנע הענד און וועלכע גיבען זיך דיא גרעסטע מיה, אז דאָס קאַפּיטאַל פון דיא אָרימע ארבייטער זאָל זיך קאָנצענטרירען אין זייערע אייגענע קעשענעס... „און דאָך זיינען דיעזע פּאָפּולער, און דאָך רעכענט מען זיי פיר עהרליכע סאָציאַליסטען!״ צו וואָס זאָל ער זיין אַן איוואַנושקאַ דער נאַר?! ער האָט זיך געזעצט און האָט אָנגע־שריעבען אַ קליין בריעפעלע, נאָר עטליכע ווערטער צו מאַשאַ׳ן און האָט עס אוועקגעשיקט אין רוסלאַנד.

„ווערטהע מאַשאַ״ — האָט ער געשריעבען — „איך בעט ביי אייך טויזענד מאָל אום פערצייהונג; עס האָט עטוואָס גע־טראָפען, וואָס איך האָב ניט געקענט פאָראויסזעהען. איך האָב זיך געטראָפען מיט... קורץ, מאַשאַ, איך קען ניט פערגוואַלדע־ווען מיינע געפיהלען... פערצייהעט מיר, איך בין אייך ניט ווערטה... פערגעסט מיך, איך בעט אייך. איך געדענק אַלעס, וואָס איהר האָט פיר מיר געטהאָן... דאָס געלד, וואָס איך האָב ביי אייך געליעהען, וועל איך, האָפענטליך, אייך באַלד אומקעהרען... איך ווינש אייך גליק, ראַסקין.״

דאַן האָט ער אָנגענומען דעם פאָרשלאַג פון יערוכאָמאָ־וויטש׳ן און איז אוועק שטודירען מעדיצין.

היינט ביי נאַכט ווערט ער פאָרמעל איהר חתן; ביי יערו־כאָמאָוויטש׳ן אין דער היים וועט מען היינט שרייבען זיינע תנאים...

ער איז געוועזן אָנגעטהאָן אין אַ ווייסער זשילעט און אין אַ שוואַרצען קאָסטיום, וואָס יערוכאָמאָוויטש האָט איהם נעכטען געמאַכט אַ מתנה. דער שנעע ווירבעל אין דרויסען האָט איהם געמאַכט נערוועז. וואָס לענגער ער האָט געקוקט דורכ׳ן פענסטער אויף דרויסען, אַלץ שטאַרקער האָט ער זיך אויפגערעגט, אַלץ שווערער איז איהם געוואָרען אויפ׳ן הערצען, אַלץ שטאַרקער

האָט ער געפּייפט און געבאַראַבאַניעט מיט דיא פינגער אין דיא שויבען פון פענסטער...

מיט א פּאָאר מאָנאַטען צוריק האָט ער זיך דערוואוסט דורך א בריעף פון זיינעם א פריינד פון רוסלאַנד, אז מאַשאַ איז אין ניו יאָרק. דאַן האָט ער לכתחילה זיך אי דערשראָקען אי דער־פרעהט. דערשראָקען האָט איהם דער געדאַנק: וואָס וועט זיין, אז זיי וועלען זיך טרעפען?.... דערפרעהט האָט איהם אַן אונבע־וואוסטעס געפיהל, וואָס איז געלעגען אין דער טיעפענים פון זיין נשמה: זעהען מאַשאַ'ן, וועלכע ער האָט א מאָל אַזוי שטאַרק געליעבט... אין פערלויף פון א מאָנאַט האָט ער וויעדער פער־געסען אָן איהר און האָט מעהר וועגען איהר ניט געטראַכט. איינמאָל נאָר, מיט א פּאָאר וואָכען צוריק, געהענדיג איבער גרענד סטריט, האָט ער זיך בעגעגט צופעליג מיט א פרוי, וואָס איז געוועזען עהנליך צו מאַשאַ'ן; ער האָט א ציטער געטהאָן, אין הערצען האָט איהם א קלאַפּ געטהאָן און אין קאָפּ איז איהם וואַרם געוואָרען... דיא פרויי איז פערבייגעגאַנגען, ניט בעמער־קענדיג איהם... ער האָט זיא גענומען בעטראַכטען פון הינטען: ניין, ער האָט געהאַט א־טעות; יענע איז פיעל פולער, נידעריגער; דיא איז דאַר, שמאָל און פיעל העכער... דיא בלאָנדע האָאר נאָר זיינען וויא ביי מאַשאַ'ן... דאָך האָט ער נאָכדעם א פּאָאר טעג נאָכאַנאַנד זיך ניט געקענט בערוהיגען; מאַשאַ'ס בילד האָט איהם וויעדער פערפאָלגט... יעצט, שטעהענדיג ביים פענ־סטער און ארויסקוקענדיג אין דרויסען אויף'ן וועטער, האָט ער זיך דערמאָהנט אָן אַזאַ וועטער, אַן אַזאַ אבענד אין רוסלאַנד... דער ווינד אין דרויסען פייפט, יאָמערט, קלאַפּט אין דיא לאָ־דענס... עס שיעט א שנעע... ער זיצט מיט מאַשאַ'ן אין איהר צימער... עס איז וואַרם אין צימער... עס איז אַזוי גוט, פרעה־ליך, גרינג איהם אויף'ן הארצען... מאַשאַ — א פולינקע בלאָנדינקע מיט בלויע, גרויסע אויגען, מיט קייל־אַכדיגע פּלייצעס, מיט בלאָנדע האָאר, זיצט געגען איהם נעבען פיאַנאָ, שפּיעלט נע־קראַסאָוו'ס „מאָליטוואַ"... אָט האָט זיא געוואָרפען דאָס שפּיע־

לען, איז אויפגעשפרונגען פון אָרט, האָט איהם אָנגעקוקט מיט װאַרמע, בלישטשענדע אויגען, איז איהם ארויפגעפאַלען אויפ'ן האַלז און האָט זיך צולאַכט מיט אַ גוטען הילכענדען געלעכטער...

ראַסקין האָט קאַנוואַלסיוו אַ פּיהר געטאָן מיט'ן האַנד איבער'ן שטערן, אַקוראַט וויא ער וואָלט װעלען פערטרייבען פון זיך דיעזעס בילד; ער איז אָבגעטראָטען פון פענסטער און האָט גענומען געהן איבער'ן צימער. „אַ קאָשמאַר" — האָט ער געטראַכט — „אַ נאַרישקייט, אַ חלום... וואָס עס קריעכט מיר היינט אין קאָפּ!? געוועזן אַ מאָל אַ קינד, יעצט בין איך אַן ערוואַקסענער מאַן... געגלויבט אַ מאָל, אַז מען קען נאָר לעבען מיט איינע אידעאַלען, יעצט וויים איך, אַז אונזער וועלט איז אַ מאַטעריעלע... נאַרישקייטען!" און מאַשאַ'ס געלעכטער האָט אַלץ געקלונגען אין זיינע אויערן און איהר בילד האָט זיך געטראָגען בולט פאַר זיינע אויגען...

ער איז געוואָרען נערוועזער, האָט ארויסגענומען דעם זייגער פון קעשענע פון דער ווייסער זשילעט, האָט אַקוק געטהאָן.

„האַלב נאָך זיבען, אַכט געה איך"...

ער האָט זיך געלעגט אויפ'ן זאָפע, האָט פערלעגט דיא הענד הינטער'ן קאָפּ און האָט געוואָלט טראַכטען וועגען היינטיגען אָבענד, וועגען זיין צוקונפט, וועגען זיין כלה, אָבער אין זיינע אויערן האָט געקלונגען מאַשאַ'ס געלעכטער...

„דומהייטען! וואָס טהוט זיך היינט מיט מיר!?" ער ער איז אויפגעשטאַנען פון זאָפע, איז כמעט צוגעלאָפען צום טישעל, וועלכעס איז געשטאַנען אין אַ ווינקעלע. אויפ'ן טישעל איז געשטאַנען אַ פּרויען־בילד, דאָס בילד פון זיין כלה, איינגעפאַסט אין אַ פּשוט'ען ראַהם. ער האָט עס גענומען אין דיא הענד און האָט עס אויפמערקזאַם גענומען בעטראַכטען....

„אַ נאַרישער פּנים... רויטהע בעקעלאַך, ניט הערומגעהובעלט וויא איהר פּאַפּינקע דער באַלוואַן!" און פאַר זיינע אויגען איז געשטאַנען מאַשאַ... זיא האָט צו איהם געשמייכעלט, זיא האָט צו איהם געלאַכט....

„און מיט דיזער קוקלע וועל איך זיך היינט דארפען פער־בינדען אויף אייביג!?"

ער האט זיך א כאפ געטהאן, האט א צופ געטהאן דעם האר־טען קראגען פון זיין העמד, אקוראט וויא ער וואלט איהם שטי־קען, האט אווארף געטהאן דאס בילד אויפ'ן טישעל.

„וואס פיר א נארישקייטען קריעכען מיר היינט אין קאפ? מען דארף געהן!" ער האט ארויפגעכאפט אויף זיך זיין ראק און הוט, האט אריינגעדרייט דעם גאז און איז מיט שנעלע טריט ארויס פון צימער, פערשליסענדיג דיא טהיר.

* * *

דער האל ביי יערוכאמאוויטש'ן איז געווען העל בעלויכ־טען. איבער דיא ווייכע, מיט קארפעט אויסגעלעגטע טרעפ, זיי־נען געגאנגען יונגע לייט, עלטערע מענער, פרויען און מיידלאך. דיזע אלע זיינען געגאנגען אין איין ריכטונג, אין יערוכאמא־וויטש'עס וואוינונג. דאס זיינען געווען מענשען פון פערשיע־דענע קלאסען: רוסישע אינטעליגענץ, העסטער־סטריטער סוחרים און גלאט בעקאנטע אדער קרובים פון יערוכאמאוויטש'ן. יערו־כאמאוויטש אליין — א הויכער, דיקער איד מיט ברייטע פלייצעס, מיט א קורץ געשארענעם שווארצען בערדעל, אין וועלכען עס האָ־בען געבלישטשעט א פאאר זילבערנע האר, מיט א פריינדליכען, גוט־מוטהיגען פנים — איז געשטאנען פון אויבען אויף דיא טרעפ און האט פריינדליך צוגענומען דיא געסט, ד. ה. דרעהענדיג איינעם פיר אן אויער, דעם צווייטען קלאפענדיג איבער'ן פלייצע; רעדענדיג צו איינעם אין א אידישען רוסיש, צום צווייטען אין א בערדיטשעווער דייטש און צום דריטען אין א העסטער־סטריטער אינגליש לענגווידזש. דער פנים איז ביי איהם געווען פערשוויצט, רויטה און איז אין גאנצען געווען א ברייטער, פולער שמייכעל...

הינטער איהם איז געשטאנען זיין פרוי שרה — א דיקע אידענע פון א יאהר 40, פון מיטעלען וואוקס, מיט א צוויי־גארינדיגער מארדע, מיט שווארצע, פעטע, פוטערדיגע אויגען;

זיא איז געווען אויסגעפּוצט „אין עסיג און אין האָניג,״ אין אַ שוואַרצען זיידענעם קלייד, אין אַ שוואַרצער ווייסט מיט אַ גאָל־דענע קויט אויפ׳ן הויכען בוזים און מיט גאָלדענע רינגען אויף איהרע קורצע, דיקע פינגער. זיא האָט געשמייכעלט און האָט געמאַכט מיט׳ן קאָפּ צו דיא געסט.

איהר ביי דער זייט איז געשטאַנען איהר טאָכטערל, דיא כלה ליזע — אַן 18־יעהריגע מיידעל, אַ פּולינקע, מיט רויטע, געזונדע באַקען און מיט שוואַרצע אויגען, וויא ביי איהר מוטער. זיא איז געווען אָנגעטאָן אין אַ ווייסען קלייד, אָהן שום בעפּוצונג און זיא האָט ניט געטראָגען קיין שום ציערונג.

אין האָל איז אין דיעזער צייט אריינגעקומען אַ הויכע פרוי מיט אַ שוואַרצען שלייער איבער׳ן פּנים. זיא איז געווען אין גאַנצען פערשאָטען מיט שנעע. דיא שפּיץ אויערן, וואָס האָבען ארויסגעסטאַרטשעט פון הינטער דעם שלייער, זיינען געווען רויטה מיט אַ בלויקייט... יערוכאַמאָוויטש האָט זיא דערזעהען און האָט אויסגעשריען:

— „בראַוואָ, בראַוואָ! אָט דאָס הייסט האַלטען וואָרט! יעוי באָהו, באַרישניאַ, איהר זייט אַ מאָלאָדיעץ! איך האָב שוין, יו נאָו, באַרישניאַ, געמיינט, אַז איהר וועט ניט קומען אין אַזאַ וועטער... מאָלאָדיעץ, מאָלאָדיעץ! (ער האָט זיא אָנגעכאַפּט פאַר דיא הענד און האָט זיי שטאַרק געשאָקעלט.) זנאַיעטע, איך בין פשוט ענטציקט פון אייער שפּיעלען... אָדין וואָסטאָרג, יו נאָו! איך פערשטעה, מאַגו סקאַזאַט, אויף מוזיק... אין מאָסקווע נאָך, יו נאָו, האָב איך געהערט אָפּערעס, זנאַמעניטאָסטען, כּע, כּע, כּע... אָבער וואָס האַלט איך אייך? — האָט ער זיך אַ כאַפּ געטהאָן — ליזענקע, האָט ער אַ געשריי געטהאָן צו זיין טאָכטער, וואָס איז געשטאַנען אויף אַ טרעפּ העכער און האָט אַראָבגע־קוקט אויף דיא פרוי, פאַר וועמען איהר פאָטער האָט אויסגע־גאָסען זיינע מוזיקאַלישע געפיהלען — ליזענקע, דאָס איז אונזער פּיאַנאָ־שפּיעלערין, אַ קינסטלערין, יו נאָו, איך האָב דאָך דיר

װעגען איהר דערצעהלט... זיא איז דערפראָרען, מאַי טשאַילד, פיהר זיא אריין אין דרעסינג רום....

דיא פרוי מיט ליזע'ן זיינען ארויף אויף דיא טרעפּ און זיינען פערשװאונדען. עס זיינען געבליעבען אויף דיא טרעפּ יערוכאָמאָװיטש מיט זיין פרוי. „5 דאָללאר בעצאָהל איך אָט דער פיאניסטין, מיין װייבעלע," האָט יערוכאָמאָװיטש זיך גע־װענדעט צו זיין פרוי מיט זיין געװעהנליכען גוט־מיטהיגען טאָן... „5 דאָלאר איז װערטה ליזע, הע, מיין אַלטינקע? גיעב, איך װעל דיר אָנדרעהען פאַר'ן אויער!" (ער האָט זיא געװאָלט אָננעהמען פאַר'ן אויער; זיא האָט איהם מיט א שמייכעל און קאָקעטיש א פּאַטש געטאָהן איבער'ן האַנד.) — גערענקסטו דיין תנאים, אַלטינקע? כע, כע, כע!... ער האָט זיך צולאַכט מיט א געזונדען געלעכטער. ער האָט געלאַכט מיט'ן מויל, מיט דיא פּלייצעס און מיט'ן גאַנצען גוף....

אין דיזער צייט איז אריינגעקומען אין האָל ראַסקין. יערוכאָמאָװיטש האָט איהם לעבהאַפט און קרעפטיג געדריקט דיא הענד. „העלאָ, העלאָ, מיין באָי," האָט גוטמוטהיג גערעדט יערוכאָמאָװיטש, האַלטענדיג איהם פיר'ן האַנד. „מען האָט שוין, יו נאָו, דאָ אויסגעטראַכט, אז דוא ביזט ענטלאָפען אין רוסלאַנד און איך זאָג צו מיין אַלטינקע: נעװער מאַינד, ראַסקין װעט ניט ענטלויפען פון ליזענקען, כע, כע, כע, גיעב איך װעל דיר אָנ־דרעהען פיר'ן אויער, מיין באָי." (ער האָט אָנגענומען ראַסקי־נען פיר'ן אויער.)

„מוזשיק," האָט געטראַכט ראַסקין װעגען יערוכאָמאָװי־טש'ן און האָט געשמייכעלט מיט א געמאַכטער פריינדליכקייט צו יערוכאָמאָװיטש'ן און זיין פרוי, װאָס האָט אויף איהם געקוקט מיט איהרע לאַכעדיגע און פוטערדיגע אויגען.

ראַסקין האָט פּאַװאָלינקע געװאָלט בעפרייען זיין האַנד פון יערוכאָמאָװיטש'עס.

— װאָס איילסטו זיך? עך, מיין באָי, דוא ביזט גאָר װיא יענער פערדעל. ביי מיר, יו נאָו, אין מאָסקװע איז געװען א פער־

דעל, א פּאָאר סאַטניעס, יו נאָו, ווערטה געוועז. דעם גאַנצען וועג, יו נאָו, פלעגט ער זיך שלעפען טריט ביי טריט, כאָטש טרען איהם דיא אָדערן! וויא אָבער ער פלעגט צו קומען צו דער היים, פלעגט ער אַ לאָף טהאָן, אַקוראַט וויא שדים וואָלטען אין איהם געזעסען... אזוי ביסטו אויך סלאָו, נאָר וויא דוא קומסט צו ליזענקען, אזוי איילסטו זיך...

— יערוכאַמאָוויטש, — האָט אויסגעשריען זיין פרוי מיט אַ פאָרוואורף — וואָס איז דאָס פיר אַ משל?

„חיה רעה!" האָט געטראַכט ראסקין און האָט ווידער געשמייכעלט.

— כע, כע, כע, נעווער מאַינד, מיין גוד באָי, קום, קום איך וועל דיך מעהר ניט מוטשען, האָט גערעדט יערוכאַמאָוויטש, קלאַפּענדיג ראסקינ׳ען איבער׳ן פּלייצע: — איך האָב דיך ניט געמיינט צו אָבידען. עס רעדט זיך נור אזוי, יו נאָו.... קום צו דיא געסט....

אין זאַל איז געוועזען ליכטיג. ארום דיא זייטען זיינען געווען אויסגעשטעלט טישען מיט ווייסע סאַלפעטקעס און אויף זיי פערשיעדענע שפייזען און געטרענקע. דיא געסט זייינען געשטאַנען גרופּעס־ווייז און האָבען צווישען זיך גערעדט. אין איין ווינקעל איז געשטאַנען א רעווערענד אין א צילינדער־הוט מיט א דיקען אידעל מיט קורצע פיסלאַך, וויא קלעצלאַך, מיט א קיילעכדיגען, ריין געגאָלטען פּנים מיט א גלאַטען פליכעוואַטען קאָפּ, און ליזע און האָבען גערעדט.

אין א צווייטען ווינקעל, אויף דער אַנדערער זייט זאַל נעבען אַן אָפענעם קלאַוויר, איז געזעסען א פרוי פון א יאָהר 25 אין א שוואַרצען קלייד. איהר פּנים איז געוועזען בלאַס, איהרע בלויע אויגען האָבען געקוקט פיר זיך אונמוטהיג, פער׳חלומ׳ט, איהרע בלאָנדע האָאָר זיינען געוועזען פערפלאָכטען אין א צאָפּ און פערלעגט אַהינטער. זיא איז געזעסען אַביסעל אויסגעבויגען מיט איהר דאַרען קערפּער צום קלאַוויר צו, האָט לייכט געפיהרט

מיט איהרע ווייסע דינע פינגער איבער דיא קלאווישען און האט דאכט זיך גאר ניט ארום זיך בעמערקט...

— נו, אט זיינען מיר אויך דא, — האט געזאגט יערוכאָמאָוויטש, צוגעהענדיג צו זיי — ליזענקע, נו, נו, איז דיין ראסקין א סלאָוער.... כע, כע, ווען ער וועט זיין א דאָקטאָר און ער זאָל זיין אזוי סלאָו, קענען נאך דיא חלאים, ביז ער וועט צו זיי קומען, אוועקשטאַרבען, כע, כע, כע.

דער רעוורענד און דער דיקער אידעל האָבען זיך אויך שטארק צולאכט, הפנים דיא חכמה פון דעם בעל שמחה איז זיי זעהר שטארק געפעלען געוואָרען. ראסקין האָט געגעבען דיא האנד ליזען און צו דיא איבעריגע האט ער א מאך געטהאָן מיט'ן קאָפּ. ליזע האט זיך זעהר שטארק בעליידיגט פון איהר פאָטער'ס חכמה.

— אָבער, פּאפּא, האט זיא ארויסגערעדט מיט א פערבאָרגענעם פערדרוס און רויטה ווערענדיג, — ראסקין האָט דאך ניט געהאט זיך וואָס צו איילען...

— נעווער מאינד, נעווער מאינד, מיין סוויט בייבי — האט יערוכאָמאָוויטש אונטערבראָכען זיין 18-יעהריגע בייבי, לאַכענדיג מיט זיין משונה'דיגען געלעכטער, — נעווער מאינד, ער איז א גוד באָי, דיין ראסקין, כע, כע, א וואָרט ניט זאָגען, א קרומען וואָרט אויף איהם. אָט דאָס הייסט יונגעס בלוט, האָט ער זיך געווענדעט צום דיקען אידען און צום רעוורענד. — איך זאָג אייך, אז היינטיגע קינדער פערשטעהען שוין מעהרער, וויא מיר עלטערע מענשען; אזוי, ראסקין, מיין גוד באָי? כע, כע, גיעב איך וועל דיך אָנדרעהען פיר'ן אויער. ער האָט געוואָלט אָננעהמען ראסקינ'ען פיר'ן אויער. ראסקין האט זיך אָבער דאָס מאָל אויסגעדרעהט פון דער ווייכער האנד פון זיין צוקינפטיגען שוויעגערפאָטער, אָבטרעטענדיג עטליכע טריט אהינטער. „עזעל“ — האָט ער געטראכט וועגען יערוכאָמאָוויטש'ען און האט אלץ געשמייכעלט.

ליזע איז בייז געוואָרען און, צוגעהענדיג צו ראסקינ'ען,

האָט זיא איהם אָבגערופען אָן א זייט. זיי האָבען זיך געשטעלט נעבען א גרופּע פון יונגע מענער און פרויען.

— קום אהער, האַלאַן, האָט איהר נאָכגעשריען יערוכאָמאָ־וויטש — אָט דאָס הייסט יונגע קינדער היינטיגע צייטען! כע, כע, כע, וואָס זאָגסטו, שרה, האָט ער זיך געווענדעט צו זיין פּלונית'־טע, וועלכע איז דיא גאַנצע צייט געשטאַנען און האָט געשעפּט נחת עמער־ווייז, וויא פון איהר מאַן, אזוי אויך פון ליזע'ן און ראסקינ'ען — ציפּליאַטעס לערנען היהנער, כע, כע, קום איך וועל דיר אָנדרעהען פיר'ן אויער, מיין אַלטינקע. און ער האָט מיט צוויי פינגער אָנגענומען זיא פיר א שפּיץ אויער.

אַלע האָבען זיך צולאַכט. דער רעוורענד האָט אויך עפּיס געזאָגט א משונה'דיגע חכמה אין א משונה'דיגען דייטש (ער האָט געשפּראָכען דייטש מיט א פערגנב'טען וויינען קול און זיין דייטש פלעגט קלינגען „טיעק, טיעק") און זיי האָבען זיך נאָך שטאַרקער צולאַכט.

אין א האַלבע שטונדע ארום איז שוין דער עולם געזעסען ארום דיא טישען. ראסקין מיט ליז'ען אויבען־אָן. נעבען זיי זיי־נען געזעסען עטליכע מיידלאַך און יונגע לייט. שרה און יערו־כאָמאָוויטש זיינען ארומגעלאָפען פון איין גאַסט צום צווייטען, זאָגענדיג צו זיי: „העלפּ יורסעלף." איבערהויפּט יערוכאָמאָ־וויטש — דער האָט געהאַלטען אין איין חכמה'ן זיך, אין איין לאַכען. צוויי דיענסטען האָבען דערלאַנגט און צוגענומען פונ'ם טיש. דער דיקער אידעל איז געזעסען נעבען רעווערענד און זיי האָבען איינער דעם אַנדערן מכבד געווען מיט „ביסינקעס." עס האָט זיך דאַרטען געפונען א יונגער מאַן, וועלכער האָט דעקלאַ־מירט א רוסישעס קאָמישעס ליעד מיט א טראַגישען טאָן; א מיידעל, וועלכע האָט מיט הארץ פאַרגעזונגען דאָס ענגלישע ליעד „סוויט מערי." נאָכהער האָט אויך זיך געלאָזט הערען דער רעוורענד מיט א ספּיטש „צור עהרע דער בראוט און ברויטיגאַם, דיא געסטע דיא ווערטהע און דיא הערשאפטען דיא עדעלע." ער האָט זיך אָוועקגעשטעלט, פאַרקאַשערט דיא ארבעל, פעררוקט דעם

צילינדערהוט אויפ'ן פאטילניצע; זיינע קליינינקע, שמייכלענ־דע אויגלאך און זיין נאז, וואס האט געטראגען אויף זיך דיא גאנצע הייליגע יודישקייט, האבען געוויזען, אז זייער איינגענ־טהימער האט א „ביסכען גענאסען" פון דעם ביטערן טראפען.

— מיינע הערען און דאמען! — האט ער אנגעהויבען מיט א הייזעריגליכער שטימע, וואס איז וואס ווייטער געווארען אלץ ווארימער — „דיעזער טאך (איהם איז געוועזן צו ליכטיג אין דיא אויגען און ער האט גערופען דיא נאכט „טאך") וועט־ע אהנע צווייפעל פער־ע־פעראורזאכען איינע עפאכע אין דער גע־שיכטע דער מענשהייט. מיינע הערען און דאמען, איך וויל איין ביסכען פערשטענדליך זיין. דיא מענשהייט אין אלגעמיין איזט איין גראסער קערפער אונד דער מענש אין איינצעלנעם איזט איין גליעד פון דעם גראסען קערפער. דער קערפער זעלבסט בע־לאנגט צו דעם עוויגען שעפפער, וואס אין הימעל איזט. ווען איין מענש שטירבט, שטירבט אויך איין גליעד אים קערפער, ווען איין מענש ווירד געבארען, ווירד אויך געבארען א נייעס גליעד אין דעם קערפער... אלזא, מיינע הערען אונד דאמען, איך מעכטע־ע זיא אויפמערקזאם מאכען אויף פאלגענדעס: ווען דיא ליכטיגע זאננע פעראייניגט זיך דורך איהרע ווארמע שטראהלען מיט איינעם בוים אדער זא איינע פלאנצע, אונד דאס פאסירט נור אים זאממער, ברינגען זיא פריכטע. ווינטער גיעבט דיא פלאנצע קיינע פריכטע, דען עס איזט ווינטער אונד דיא זאננע ווארמט ניכט זא. דיא מענשען, מיינע הערען אונד דאמען, זינד דיא פלאנצע, דער זאמער — דיא יוגענד, דער ווינטער — דאס אלטער און זא קאממט דיא זאננע מיט איהרע שטראהלען — דיא ליעבע אונד ווארעמט דיא פלאנצע — דען ברויטיגאם — אונד זיא ברינגען פריכטע. דיזע פריכטע, מיינע הערען אונד דאמען, זינד דיא צוקינפטיגע גליעדער פאן דעם גראסען קערפער — דיא מענשהייט. יעדעס איינצעלנע גליעד פעראורזאכט אן עפאכע אין דעם גראסען קערפער. אלזא

אים נאָמען דער מענשהייט גראַטולירע איך דיא ווערטהע בראוט אונד ברויטיגאַם!"

דיעזע מערקווירדיגע רעדע האָט ארויסגערופען אפּלאָ־דיסמענטען ביי דיא עלטערע ביזנעס־לייט, ביי דיא יונגע לייט, און צווישען זיי אויך ראַסקינען, האָט עס ארויסגערופען א שמייכעל אויף דיא ליפּען.

— טאַ, טאַ, טאַ, בראַוואָ, מיסטער מיכעלסאָן! (דעם רעוועד־רענ'ס נאָמען) האָט אויסגעשריען דער דיקער אידעל מיט'ן פּליך, אויפהויבענדיג א באָקאַל אין דער הויך, — פיר אייער געזונד, בראַוואָ! ער האָט אויסגעקעהרט דעם באָקאַל אין מויל מיט"ן דעק ארויף און האָט איהם א שמיץ געטהאָן אָן פּאָל.

דער גלעזערנער באָקאַל האָט זיך צובראָכען אויף פּיצלאַך.

— בראַוואָ! בראַוואָ! — האָט מען גענומען שרייען פון אַלע זייטען, און מען האָט גענומען אָנגיעסען דיא באָקאַלען.

א דיענסט איז אריין און האָט גענומען צוזאַמענקלייבען דיא צובראָכענע שטיקלאַך פונ'ם פּאָל.

יערוכאַמאָוויטש איז צוגעלאָפען צו ראַסקינען און ליזען.

— מיין באַי, מיין סוויט בייבי, ליזינקאַ, לאָ'מיך אייך זאָגען לחיים! ער האָט זך צוקוסט מיט ליזע'ן און ראַסקינ'ען און איז האַלב פעררייקט ארומגעלאָפען דיא געסט דריקענדיג דיא הענד, טרינקענדיג מיט זיי לחיים און פיהלענדיג א רויש אין קאָפּ.

שרה האָט זיך אויך צוקוסט מיט ראַסקינ'ען און איהר טאָכטער און האָט אזש פאַר שמחה אָנגעהויבען צו שלוכצען.

דיא געסט האָבען אויך געטרונקען צו ראַסקינ'ען און ליזע'ן, און ראַסקין האָט מיט פיעלע פון זיי געמוזט מיטטרינקען. ער איז געזעסען וויא אויף שפּילקעס. דיא גאַנצע צערעמאָניע האָט איהם געערגערט, דער קוסען זיך מיט יערוכאַמאָוויטש'ען און שרה'ן, איבערהויפּט יערוכאַמאָוויטש'עס האַלטונג האָט איהם געמאַכט בייז, און דער שנאַפּס, וואָס ער האָט אויסגעטרונקען, האָט איהם אויפגערעגט און האָט אריינגעבראַכט א מרה־שחורה

אין זיין נשמה. ער האָט זיך געפיהלט אונצופריעדען מיט זיך, מיט ליזע׳ן און מיט אַלעמען ארום זיך.

דיא געפיהלען, וואָס האָבען מיט עטליכע שטונדען צוריק געמוטשעט זיין נשמה, האָבען ווידער אין איהם ערוואַכט מיט נאָך אַ שטאַרקערער קראַפט... ער האָט פון דער זייט גענומען קוקען אויף ליזע׳ן. זיא איז געזעסען לינקס נעבען איהם און האָט עפּעס גערעדט מיט אַ יונגען מאַן, וואָס איז געזעסען רעכטס נעבען ראַסקינ׳ען. דיא באַקען זיינען ביי איהר געווען רויטה, דיא שווארצע אויגען האָבען געבלישטשעט. זיא האָט אויסגע־קוקט שעהן, יונג און געזונד; איהר שמייכעל איז געווען אַ זאַנפטער, אָבער אין ראַסקינ׳ס אויגען איז זיא געווען מיאוס, זאָגאַר העסליך.

„אַ קוקלע — האָט ער געטראַכט —" אַ שטיק האָלץ. איהר שמייכעל איז וויא ביי איהר טאַטען, דעם מוזשיק. קיין אינטע־ליגענץ אין רעדען און אין האַלטען זיך, אַלעס גראָב, ניט ארומ־געהובלעוועט, וויא איהר טאַטע־מאַמע..."

— ראַסקין! — האָט ליזע פּלוצום איבערגעשלאָגען זיינע געדאַנקען — הערט נאָר, וואָס מיסטער אַבראַש׳ען קען איינפאַ־לען! ער זאָגט, אז אין מאָסקווע זיינען ניטאָ אַזעלכע פּלעצער, וואו צו פערברייגגען, וויא אין ניו יאָרק. כאַ, כאַ, כאַ. זיא האָט געלאַכט מיט אַן אנגענעהמען יונגען געלעכטער.

ראַסקינ׳ען האָט אַ שטאָך געטהאָן אין האַרצען פון דיעזען געלעכטער: איהם האָט ער געקלונגען נאַריש און העסליך.

— איך ווייס ניט, האָט ער אויסגערעדט האַרט. באַלד אָבער האָט ער זיך פעררעכט און האָט אויסגערעדט ווייך:—איך גלויב, ליזינקע, אז אין ניו יאָרק זיינען דאָ שעהנע פּלעצער, אָבער איך ווייס ניט, אויב עס זיינען ניטאָ אויך אַזעלכע אין מאָסקווע.

— יעס, יעס, — האָט געזאָגט ליזע — אין מאָסקווע זיי־נען נאָך דאָ שעהנערע פּלעצער. און זיא האָט פאָרטגעזעצט איהר רעדען מיט׳ן יונגען מאַן.

„לומפּ," האָט געטראַכט ווייטער ראַסקין וועגען

זיך, „דוא האָסט זיא געוואָלט בעליידיגען... איז זיא אין דעם שולדיג? האָט זיא דיך צו דעם געצוואונגען?"

אין איהם האָט זיך פּלוצום ערוועקט אַ רחמנות צו ליזע'ן און ער האָט ווידער גענומען קוקען אויף איהר, סטאַרענדיג זיך צו געפינען זיא פיר שעהן.

„דיא אויגען שווארצע, גרויסע, קלאסישע; דער נאָז, דאָס מויל, דער פּנים, אלעס אין מאָס... אַ ביסעל לעבען האָט נאָך געדארפט זיין... דאָס אָבער קומט מיט דער צייט..."

דאָס האָט ער אָבער געטראַכט מיט'ן קאָפּ, זיין הארץ איז געוועזן אייז קאַלט. דערצו האָט ער נאָך אין זיין געדעכעניס ווידער ארויסגערופען מאַשאַ'ס געשטאַלט... דיא קלאָרע, קיילאַכדיגע באקען, דעם אינטעליגענטען פּנים, דיא גרויסע, בלויע, פערחלום'טע אויגען, דיא לאַנגע בלאָנדע האָאר אויף דיא פולע פּלייצעס, און ניט ווילענדיג, האָט ער צוגעגלייכט מאַשאַ'ן צו ליזע'ן און ליזע'ס געשטאַלט פלעגט פערשווינדען און מאַשאַ'ס פלעגט בלייבען שטעהן פאר איהם אלץ לעבהאַפטער און לעבהאַפטער.

דאָס האָט ווידער אין איהם ארויסגערופען אַ האַס און דעם מאָל ווידער צו ליזע'ן.

„איך בין אַ סחורה, גראַדע וויא דער ארבייטער ביי'ם באָס. ער האָט פיינד דעם באָס, נאָר אום ניט צו הונגערן, מוז ער זיך פערקויפען צו דעם באָס. אמת, ליזע איז ניט שולדיג, דער באָס איז דאָך אָבער אויך ניט שולדיג, ווען ער האָט געלד, דאָך האַסט איהם דער ארבייטער, ווארום? ווייל דער ארבייטער איז געצוואונגען צו פערקויפען זיך צו איהם. איך וואָלט פיעללייכט אויך ליעבען ליזע'ן, ווען איך זאָל זיין דאַ ניט געצוואונגען... „און אפשר" — פאַלט פּלוצלינג איהם אריין אַ געדאנק — „וועל איך נאָך זיא ליעבען. דאָס טרעפט זיך דאָך אויך!..."

און פאר זיינע אויגען שטעהט אלץ מאַשאַ'ס געשטאַלט, שטעהט און קוקט אויף איהם מיט איהרע בלויע אויגען פערחלום'ט....

אין דער צייט איז צוגעלאָפען יערוכאַמאָוויטש צו דער פרוי נעבען פּיאַנאָ מיט דיא ווערטער:

— נו, באַרישניא, שפּיעלט יעצט אַ שטיקעלע, הע? קינ־דער, האָט ער אַ געשריי געטהאָן צו די געסט מיט אַ האַלב שיכורן הייזעריגען קול — מיינע גוד באַיעס, יעצט וועט דיא פריילין שפּיעלען אויפ'ן פּיאַנאָ, זיא איז אַ קינסטלערין פאַירסט קלעס. פריילין, האָט ער זיך געווענדעט צו איהר — עפּעס אַ רוסישעס, אַ מאָסקוער שטיקעלע, כע, כע, כע.

עס האָבען זיך דערהערט אייניגע אַפּלאָדיסמענטען; דער אידעל מיט'ן פליך האָט אויסגעשריען מיט אַלע כוחות „אָרדער" און האָט אַ קלאַפּ געטהאָן מיט'ן פויסט אָן טיש אַזוי, אַז דאָס געשיר האָט געגומען ציטערן; דער רעווערענד האָט אויך עפּעס אויסגעמורמעלט און האָט גענומען קוקען מיט זיינע אויגלאַך אין דער זייט, וואו דיא פּיאַנאָ שפּיעלין איז גע־זעסען.

זיא איז געזעסען דיא גאַנצע צייט נעבען פּיאַנאָ מיט'ן רוקען צו דער געזעלשאַפט. יערוכאַמאָוויטש האָט זיא אייניגע מאָל איינגעלאַדען צום טיש, נור זיא האָט זיך ענטזאַגט אונטער פערשיעדענע תירוצים. נור איינמאָל האָט זיא אומגעקעהרט דעם פּנים צו דיא געסט: דאָס איז געווען ווען דער רעווערענד האָט געהאַלטען זיין מערקווירדיגען ספּיטש. זיא האָט אַ קוק געטהאָן מיט אַן איראָנישען שמייכעל אויף דעם רעווערענד, האָט גענומען בעטראַכטען פון ווייטען דיא געסט, דיא יונגע מיידלאַך, דיא יונגע לייט, דיא כלה און דעם חתן... פּלוצים האָט זיא אַ ציטער געטהאָן מיט איהר דאַרען קערפּער. דער פּנים איז געוואָרען בלאַס וויא קרייד, דיא בלויע אויגען האָבען געקוקט פיר זיך מיט אַנגסט און צומישט... דאַן האָט זיא אַ כאַפּ געטהאָן דעם בלייכען פּנים צוריק צום קלאַוויר צו. באַלד אָבער איז זיא געזעסען ווידער רוהיג, קוקענדיג פיר זיך, און נערוועז איבערקלייבענדיג מיט דיא פינגער אין דער שטיל דיא קלאַווישען...

יעצט נור, ווען יערוכאַמאָוויטש האָט זיא געבעטען שפּיע־
לען, האָט זיא ווידער אַ ציטער געטהאָן און האָט איהם אַנגעקוקט,
אַזוי וויא זיא וואָלט איהם ניט פערשטאַנען.

— אַ שטיקעלע, עפּעס אַ רוסישעס, האָט איהר ווידער
געזאָגט יערוכאַמאָוויטש און האָט זיך צולאַכט צופריעדען מיט
זיין געלעכטער.

— האַ? האָט זיא אויסגעמורמעלט, האָט זיך אויסגעבוי־
גען צום פּיאַנאָ און האָט מיט די פינגער אַ קלאַפּ געטהאָן איבער
דיא קלאַווישען... אַ שטילער קרעכץ האָט געציטערט אין דער
לופטען. נאָך אַ קלאַפּ מיט דיא פינגער, און דאָס פּיאַנאָ זיפצט
און דאָס פּיאַנאָ קלאָגט אַזוי ריהרענד, אַזוי הערצרייסענד, אַזוי
וויא עס וואָלט דערצעהלט פון בעגראָבענע גליקען, פון אַ פּאָר
דער צייט פערוועלקטער יוגענד, פון אייביגען ווינטער אָהן פריה־
לינג, אָהן דער וואַרימער, ליכטיגער זון... זיא האָט געשפּיעלט
דיא „מאָליטוואַ“ (תּפלה) פון דעם גרויסען רוסישען דיכטער
און בירגער נעקראַסאָוו. „וואָס אַ יאָהר ווערען שוואַכער דיא
כוחות“ האָט געקלאָגט דאָס פּיאַנאָ — דער שכל ווערט טעמפּער
און דאָס בלוט קעלטער,“ און דיא אַלע זיפצענדע, קרעכצענדע
טענער האָבען געציטערט און האָבען זיך געפלאָכטען אין האַר־
מאָנישע אַקאָרדען, צופּענדיג און רייסענדיג דעם עולם ביי דער
נשמה....

יערוכאַמאָוויטש איז געשטאַנען אין מיט'ן שטוב מיט אַ
ווייט פערנאַנדערגעעפענטען מויל און מיט ברייט אויסגעגלאָצטע
אויגען און האָט געשאָקעלט מיט'ן קאָפּ; דער אידעל מיט'ן פּליך,
וואָס האָט שוין אריבערגעכאַפּט דאָס מאָס, האָט צוגעשפּאַרט
דעם שטערן צום טיש און האָט געכליפּעט; דער רעוועדענד האָט
אויסגעדריקט זיין בעוואונדערונג דורך קוועטשען מיט דיא פּליי־
צעס, דורך הייבען זיין צילינדערהוט און דורך צופּאַטשען מיט'ן
האַנד צום טאַקט אָן טיש; דיא יונגע לייט האָבען שטאַרק אַפּלאָ־
דירט, שרייענדיג „בים.“

ליזע האָט אויך אַפּלאָדירט. נאָר איין ראַסקין איז געזע־

סען בלאס מיט פעסט צוזאַמענגעדריקטע ליפּען און האָט מיט צומישטע אויגען געקוקט אויף יענער זייט, וואו דיא פּיאַנאָ־שפּיעלערין איז געזעסען: דאָס, וואָס דיא פּיאַנאָ־שפּיעלערין האָט געשפּיעלט, איז איהם געווען בעקאַנט, זעהר בעקאַנט — מאַשאַ פּלעגט עס שפּיעלען אימער, ווען זיי פּלעגען בלייבען אַליין. דיא האָאר און דיא בעוועגונגען האָבען איהם אויך שטאַרק דערמאָהנט אָן מאַשאַ׳ן.... אַ שרעקליכער געדאַנק איז דורכגעפלויגען זיין מוח: „איז עס מאַשאַ?“ עס האָט איהם אַ שוידער געטהאָן, איהם איז מורא׳דיג געוואָרען... ער האָט שטאַרקער גענומען קוקען אין יענער זייט, וואו דיא פּיאַנאָ־שפּיעלערין איז געזעסען — פון וויטען האָבען איהרע שמאָלע פּלייצעס און איהר דאַרער קערפּער אויסגעוויזען, וויא פון אַ קינד...

„ניין, מאַשאַ׳ס קערפּער איז עס געווים ניט.“ און איהם האָט זיך פאָרגעשטעלט יענע מאַשאַ, יענע בליהענדע שעהנהייט, מיט איהר הויכען בוזים און מיט איהרע פולע, קיילאַכדיגע פּליצעס....

„ביס, ביס!“ האָבען גענומען שרייען דיא געסט, פּאַטשענדיג אין דיא הענד.

דאָס פּיאַנאָ האָט ווידער גענומען שפּילען. דיזעס מאָל זיינען געווען די טענער ווייך, ווייך און צערטליך. אָט האָט אַ ברום געטהאָן אַ גראָבער טאָן, איהם האָט געענטפערט אַ דינער, ווייכער טאָן; און אָט האָט אַ ציטער געטאָן אַ ווייכער, לאַסטשענדער טאָן און איהם האָבען געענטפערט פיעלע טענער — אי גראָבע אי דינע. און אָט האָבען זיך מיט אַ מאָל גענומען גיעסען שטימען צאַרטע, וויא דיא ליעבע, ריהרענדע, וויא דיא טהרערען פון אַן אונשולדיגער שעהנהייט, ציטערענדע, וויא דיא שטימע פונ׳ם פּראָלעטאַריאַט...

ראַסקין האָט אַ ציטער געטהאָן. דיא טענער זיינען איהם אויך געווען בעקאַנט... ניט איין מאָל האָט מאַשאַ געשפּיעלט פאַר איהם דיא מערקווירדיגע מעלאָדיע, וואָס אַ שווייצאַרישער סטודענט האָט זיא אַ מאָל אויסגעלערנט... איהם האָט גענומען האַ־

מערען אין דיא שלייפען; דער קאָפּ האָט איהם געשווינדעלט — און פאר דיא אויגען האָבען זיך געטראָגען שווארצע פּאסען...

„עס איז ניט מעגליך, דאָס איז אַ שוואכעס קינד, ניט מאשאַ.“

פּלוצים האָט איהם גענומען ציהען צו־צוגעהען נעהענטער צו דער פּיאנאָ־שפּיעלערין, בלויז פון נאָהענטען אַ קוק טהאָן אויף איהר, פון הינטען.

„מאשאַ איז עס געווים ניט... עס איז אונמעגליך. נאָר דעם חלום צו פערטרייבען.... ער מוטשעט אזוי...“

ער איז אויפגעשטאַנען פונ'ם טיש, האָט זיך ענטשולדיגט פאר דער כלה און פאר דיא אַרומיגע געסט און האָט גענומען געהן צו דער פּיאנאָ־שפּיעלערין.

און דאָס פּיאנאָ שפּיעלט, און דיא בעקאַנטע טענער קלינ־גען איהם אין דיא אויערן, בערוישען איהם דעם מוח... נעבען דעם פּיאנאָ שטעהט יערוכאַמאָוויטש מיט אַ ברייטען שמייכעל און מאכט מיט'ן קאָפּ צום טאקט.

ראסקין איז צוגעגאַנגען נעהנטער צו דער פּיאנאָ־שפּיע־לערין און איהם איז גרינגער געוואָרען אויפ'ן הארצען. ער האָט דערזעהען פון הינטען איהר דינעם, בלאַסען האלז און איהר איינ־איינגעשרומפּטען קערפּער און איהם איז ליכטיג געוואָרען אין דיא אויגען.

„געווים ניט מאשאַ, נאָר איהרע האָאר...“ ער איז צוגע־גאַנגען צו איהר נאָך נעהנטער.

אין דער צייט האָט דיא פּיאנאָ־שפּיעלערין אַ קעהר גע־טהאָן דעם פּנים אהינטער, האָט זיך אָבער באַלד אַ כאַפּ געטהאָן צוריק. דאָס פּיאנאָ האָט ארויסגעלאָזען אַ קרעכץ און איז אויף איין קליינעם מאָמענט שטיל געבליעבען. באַלד אָבער האָבען זיך דערהערט שטארקע, פערצווייפעלטע טענער — דיא פּיאנאָ־שפּיעלערין האָט גענומען שפּיעלען מיט דער גאַנצער קראַפט און עפּעס, וויא מיט אַ פערצווייפלונג...

ראסקין איז צוגעגאַנגען נאָהענט צום פּיאנאָ, האָט זיך

געשטעלט געגען יערוכאָמאָוויטש׳ן און האָט אַ קוק געטהאָן אויף די שפּיעלערין... ער האָט זיך אַ ,טרייסעל געטהאָן מיט׳ן גאַנצען קערפּער, דער פּנים איז ביי איהם געוואָרען בלייך, ער האָט גענומען קוקען צומישט אַרום זיך, איז אָבגעטראָטען עטליכע טריט צוריק און האָט זיך אָנגעכאַפּט פיר׳ן קאָפּ... יערוכאָמאָוויטש האָט עס בעמערקט און איז צוגעלאָפען צו איהם.

— וואָס איז דיר, מיין באָי? האָט ער אויסגעשריען, אָנכאַפּענדיג איהם פיר די פּלייצע.

און דאָס פּיאַנאָ שפּיעלט און די טענער גיעסען זיך...

— סטאָפּ! האָט יערוכאָמאָוויטש אַ געשריי געטהאָן צו דער פּיאַנאָ־שפּיעלערין. דאָס פּיאַנאָ איז שטיל געבליעבען. די שפּיעלערין האָט זיך אַ כאַפּ געטהאָן איז אויפגעשפּרונגען פון׳ם אָרט, האָט מיט האַס און פעראַכטונג געקוקט אויף יערוכאָמאָוויטש׳ען און אויף ראַסקינ׳ען, די ליפּען האָבען ביי איהר געציטערט און זיא איז דאַן מיט שנעלע, פעסטע טריט אַרויס פונ׳ם זאַאַל.

ראַסקין האָט אַ קרעכץ געטהאָן און האָט זיך אַ ריס געטהאָן פון יערוכאָמאָוויטש׳עס הענד.

— וואוהין, מיין באָי? וואָס איז מיט דיר?

— לאָזט מיך, לאָזט מיך, מאַכט ניט קיין לאַרם, איך פיהל מיך ניט גוט, איך וועל נאָר אַרויס אין קאָרידאָר, כאַפּען אַ ביסעל פרישע לופט... גערט ניט, איך וויל אליין...

— געה, געה, מיין באָי, וויא דו קוקסט אויס?...

ראַסקין איז שאָקלענדיג זיך אַרויס אין קאָרידאָר. דאָס הארץ האָט זיך געריסען ביי איהם אין שטיקער. „דאָס איז זיא, דאָס איז מאשא! זיא איז קראַנק, זיא איז שווינדזיכטיג!“... און אין זיין נשמה האָט זיך איצטער פּלוצים ערוועקט צו איהר אַזאַ ים פון גוטע געפיהלען... ניין, ער האָט אליין ניט געוואוסט, וויא טיעף ער ליעבט זיא, יעצט נאָר האָט ער זיך עס דערוואוסט!...

„מערדער, דו ביזט איהר מערדער!“ האָט אַ געהיימער קול אין איהם אינעווייניג געשריען. ער וועט פאַלען צו איהרע פיס, ער

וועט זיא בעטען, ער וועט איהר געבען צו פערשטעהן, אז אזוי האָט געמוזט זיין.... ניין, אזוי האָט ניט געטאָרט זיין; ער וועט איהר נאָר זאָגען, אז ער איז א פערברעכער געגען איהר, אז ער וויל עס איצטער גוט מאכען.... ער ליעבט ניט זיין כלה, ער ליעבט נאָר זיא, מאשא'ן....

אין דיזע צייט איז ארוים פון דרעסינג־רום אין האָל דיא פיאנאָ־שפיעלערין מיט א פערשלייערטען פנים.

ראסקין האָט אונבעוואוסט זיך א וואָרף געטהאָן צו איהר און האָט זיא אָנגעכאפט פיר א האנד.

— מאשא! האָט ער אויסגעשריען מיט א ציטערענדען קול.

זיא האָט זיך א ריס געטהאָן פון זיינע הענד און ניט ארויס־רעדענדיג קיין וואָרט, האָט זיא מיט פעסטע און שנעלע טריט גענומען געהן פון דיא טרעפּ.

— מאשא! האָט ראסקין זיא גערופען מיט א קול, א פער־שטיקטען פון טרעהרען.

קיין ענטפער.

—מאשא! האָט ראסקין נאָך א מאָל גערופען.

קיין ענטפער, עס הערט זיך נאָר דאָס סקריפּען פון איהרע טריט איבער דער פערפּראָרענער פּאָדלאָגע פון האָל; באלד האָט דאָס זיך שוין אויך מעהר ניט געהערט.

ראסקינען איז פינסטער געוואָרען אין דיא אויגען; אין קאָפּ האָט איהם געדרעהט; ער איז צוגעפאלען מיט'ן שטערן צום וואנד און האָט זיך פערנאנדערגעוויינט וויא א קינד....

* * *

אין א ווייל‏ע ארום, ווען יערוכאָמאָוויטש איז ארוים אין קאָ־רידאָר, האָט ער געטראָפען ראסקינען, שטעהענדיג מיט א צוגע־שפּאַרטען שטערן צום וואנד.

— נו, מיין באָי, וויא פיהלסטו דיך יעצט?

ראסקין האָט אויפגעהויבען דעם קאָפּ און געזאָגט: „עס איז

שוין אַל ראיט, פאַראיבער.... דיא מוזיק האָט מיך זעהר אויפגע־רעגט, א נאַרישקייט".

— זיא איז שוין, מיין באָי, אוועק; זיא האָט געזאָגט דער דיענסט, אז זיא מוז געהן אהיים. שפּיעלט פאַירסט קלעס, הע, מיין באָי?

— יע, יע, קומט אָבער אין זאַל צוריק.

זיי זיינען אריין אין זאַל. ראסקין האָט ווידער פערנומען זיין פּלאַץ נעבען ליזע'ן און ער האָט ווידער געשמייכעלט.....

דער אמת.

דער זייגער איז פיער נאָך האלבען טאָג. אין דרויסען איז הייס, אין שטוב שטיקט.....

פענני זיצט ביי אָן אָפענעם פענסטער אין פראָנט רום, האלט אויפ'ן שויס א קינדערשע קליידעל און זיימט. זיא איז אַ ליעבליכע קליינע קיילעכדיגע ברונעטקע פון א יאָהר 24, מיט גרויסע, שווארצע, בלישטשענדע אויגען, מיט א קליין מיילכעל און מיט א פאררייסען נעזעל. שווארצע, וויא פעך, האָאר פאלען ביי איהר פון פאָרענט אויפ'ן שמאָלען, גלאטען און גלאַנציגען שטערן. זיא האלט דעם קאָפּ אביסעל צוגעבויגען צו דיא קינדערשע קליידעל, זינגט פארטראכט עפּעס א מעלאָדיע אונטער'ן נאָז און זיימט.

איהר קליינער פיער יאָהריגער מאקסי—איהר איין איינציג קינד — אַ ווייסער, קלאָרער, צאַרטער אינגעלע מיט רויטע האָאר, וויא ביי זיין פאָטער, האלט א שטעקען פון א ברום צווישען דיא פיס, לויפט ארום איבער'ן שטוב פון פראָנט־רום אין קיך, פון קיך אין שלאָפצימער, פון שלאָף־צימער צוריק אין פראָנט־רום — לויפט און שרייט: „געראפּ, האָרזי, געראפּ!....

דיא טיר פון דער קיך האָט זיך געעפענט, און אין שטוב איז אַריינגעקומען פענני'ס מאן, מאָררים.

ער איז א הויכער, שמאָלער יונגערמאן פון אַ יאָהר 28, מיט א לאנגען געללען פּנים, פול מיט זומער־שפּרינקלאך, און מיט רויטע האָאר.... ער איז אריינגעקומען ברוגז, אָנגעבלאָזען.

—פּאפּא! פּאפּא! האָט זיך א וואָרף געטהאָן צו איהם מאַקסי, רייטענדיג אויף זיין שטעקען, — פּאפּעלע, וואו איז מיין קענדי?

— קום, מאקסי, לאז דיך דיא מאמע אנטהאן, איך וועל דיך מיטנעהמען אין פארק און וועל דיר קויפען קענדי....

פענני קוקט אן איהר מאן מיט גרויסע, פערוואונדערטע אויגען; זיא פארשטעהט ניט, ווארום מארים איז אזוי פריה גע־קומען פון'ם שאפ. דאך פרעגט זיא איהם גאר ניט, לאזט ווידער ארונטער דיא אויגען אויף איהר ארבייט און זיימט, און זיימט....

מאקסי טהוט א ווארף דעם שטעקען אן א זייט, כאפט ארום מיט זיינע קינדערשע ארעמס דעם פאטער'ס קניע, טוליעט צו זיין קעפעלע און שרייט מיט התפעלות: א יא, פאפא, וועסט מיר קויפען טשאקאלאד? און עפעל און פינאנעס אויך? דו ביזט א גוד פאפא, איך ליעב דיך, און אנקעל סעם ליעב איך אויך. ער וועט מיר בריינגען א פערדעלע, איא, פאפא, א גוד אנקעל, אנ־קעל סעם?....

— אלרריט, אלרייט, מיין קינד, לאז דיא מאמע דיך אנטאן.

ווילסטו טאקי מיט איהם געהן? (זיא האט געוואלט פרע־גען: „ווארום ביזטו היינט אזוי פריה פון דער ארבייט?" און זייער פערהאלטען זיך איינער צום אנדערן, אין זייערע בליקען, אין זיי־ערע קורצע פראגען און ענטפערס האט זיך געפיהלט א געוויסע קאלטקייט און נעצוואונגענהייט).

— יא, יא, איך מעג דאך אויך האבען א ביסעל פערגניגען, האט ער געזאגט מיט אזא טאן, וויא ער וואלט זיא וועלען א שטאך טהאן, און האט צוגעלייגט: א'ן אונשולדיגען פערגניגען.....

ער האט זיך געזעצט אויף'ן זאפע און האט מיט פארשענדע אויגען זיך איינגעגעסען אין זיין פרוי'ס פנים.

— וואוהין ווילסטו מיט איהם געהן? האט זיא געפרעגט.

— אין פארק, אין דזשעקסאן סטריט פארק. ווארום? דיר איז עס אפשר אונאנגענעהם?

— אך! האט זיא ארויסגערעדט און האט א דריק געטהאן מיט'ן פלייצע, אקוראט וויא זיא וואלט וועלען זאגען: פון מיינט־וועגען, מיין ליעבענקער, קענסטו געהן, וואוהין דו ווילסט......

זיא איז אויפגעשטאנען מיט א פוילקייט אין איהר גאנצער פיגור, האט גענומען זוכען דעם קינד'ס קליידער.....

— מאמא! האט געשריען מאקסי — גיב מיר מיין נייס העמ....

זיא האט איהם אוועקגעזעצט אויף'ן זאפע נעבען פאטער און גענומען אנטאן. באלד איז ער געזעסען אין איין העמדעל, געמאכט מיט דיא פיסעלאך, האט זיך אויסגעצויגען אויף'ן זאפע און האט גענומען שפילען מיט'ן פאטער ביז וואנען דיא מוטער האט אין אלמער געזוכט זיינע שיך. דער פאטער האט איהם געקיצעלט, מאקסי האט געלאכט, זיך ארומגעווארפען איבער'ן זאפע פון בויך אויפ'ן רוקען און פון רוקען אויפ'ן בויך, און האט געדריגעוועט מיט דיא פיסלאך. דער פאטער האט אויך געלאכט, אבער זיין געלעכטער איז געווען א נערוועזער, א פערשטיקטער....

דיא מוטער האט אנגעטהאן מאקס'ין, האט פארשפי־ליעט דיא שיך, און איז מיט איהם ארויס אין קיטשען וואשען און פערקאמען איהם.....

מארים האט זיי בעגלייטעט מיט דיא אויגען. ער האט גע־קוקט מיט זיינע אויגען פון הינטען אויף דיא שלאנקע טאליע פון זיין פרוי, אקוראט, וויא ער וואלט זוכען דארט שפורען פון אי־מעצענס הענד, האט טרויעריג א מאך געטהאן מיט'ן קאפ, אקו־ראט, וויא ער וואלט דארט טאקי דערזעהען, ארום דער טאליע דיא שרעקליכע שפורען, און ער האט א זיפץ געטהאן....

אך, ווען ער זאל עס וויסען אויף געוויס, וואלט עס איהם, דאכט זיך, אזוי ניט געמוטשעט! עס וואלט גענומען א סוף, אן ענדע דאן.....

אבער זיא קען זיך אזוי גוט פארמאסקירען. אין זיין אנ־וועזענהייט רעדט זיא, דאכט זיך, גאר מיט „איהם" ניט.... און „ער" איז דאן אויך אזוי שטיל, אזוי אנשטענדיג.....

דער „ער" איז א יונגער־מאן — איהרער א לאנדסמאן, וואס וואינט ביי זיי.

מיט צוויי יאָהר צוריק איז ער געקומען אין אמעריקא; פון דער צייט אָן וואָינט ער ביי מאָרים'ען, צאָהלט זיי פאר באָרד. פון דער זייט האָט מאָרים ניט לאנג געהערט, אז זיין פענני האָט מיידעלוויין געפיהרט א „ליעבע" מיט דעם זעלבען יונגענמאן, און פון דער צייט אָן קען ער ניט רוהען. אין זיין נשמה האָט זיך ער־וועקט א שווערער חשד אויף זיין פרוי. ער זוכט און פאָרשט פון דער זייט, ביי איהם כאַפּט ניט קיין מוטה ארויסצוטרעטען אָפען.... ער האָט וויא עפּעס מורא צו זאָגען זיין ווייב, אז יענער זאָל פערלאָזען זיין הויז. ער האָט מורא, טאָמער וועט דיא ווייב דאן איהם ארויסזאָגען דעם אמת... אָה וועה, אז דאָס זאָל זיין דער אמת!....

דער אמת? !.... ניין, דאָס וואָלט געווען צו־שרעקליך. ער ליעבט דאָך איהר אזוי..... שוין־זשע איז פענני אזא פאלשע פרוי? !....

נעכטען ביי נאַכט איז פענני מיט סעם'ען און דאָס קינד אוועק שפּאַציערען. זיא האָט געזאָגט מאָרים'ן, אז זיא קומט צו־ריק אין א שעה ארום און געקומען איז זיא אהיים נאָך 12 ביי־נאַכט.... פון אכט ביז12 — פיער שעה !!!! און קומענדיג אהיים, איז זיא געווען אויפגערעגט און ארום איהרע אויגען זיינען גע־ווען רויטע פאסען, אזוי וויא זאָל האָבען געוויינט....

א גאנצע נאַכט האָט ער ניט געקענט שלאָפען... עס האָט איהם געמוטשעט שרעקליכע אייפערזוכט און נאָך גרעסערע ליי־דענשאפט.... און פיהלענדיג זיא נעבען זיך, האָט זיך איהם גע־וואָלט ארייגעסען זיך מיט זיינע נעגעל און מיט זיינע ציינער אין איהר לייב און בייסען זיא ביז'ן בלוט און שרייען: פענני, פענני, גזלן, פאר וואָס מוטשעסטו מיך?!" אָבער אָנ־שטאָט דעם האָט ער זיא גענומען גלעטען און קושען, און ריידען צו איהר גוטע, צערטליכע ווערטער....

היינט א גאנצען טאָג אין שאָפּ האָט ער ניט געקענט אר־בייטען. ער מוז דערגעהן, וואו ער האלט אין דער וועלט!.... ער האָט זיך מישב געווען צו דערגעהן עס פון זיין מאקסי'ן....

ער קוקט אין קיך אויף דער מוטער און קינד. זיא שטעהט מיט'ן רוקען צו איהם און מיט'ן פּנים צו מאַקסי'ן, וועלכען זיא פערשטעלט. דער ווייסער ראַפּער כאַפּט שטייף ארום איהר שלאַנ־קען קערפּער, זיא בויגט זיך צו גראַציעז צום קינד און ווישט איהם מיט א האַנדטוך זיין קלאָרען פּנים'ל.

מאַקסי שטעהט אונגעדולדיג, דרעהט זיך און קעהרט זיך און שרייט: „דאַטס אָלל, דאַטס אָלל!"

זיא בויגט זיך צו צו זיין אויער, זאָגט איהם עפּעס. א גליק־ליכע פריידע צוגיסט זיך איבער זיין פּנים'ל, שפּיעגעלט זיך אָב אין זיינע גרויסע בלויע אויגען.

— א שעהנעם פערדעלע, מאַמאַ, איאָ? איך וועל שרייען: געראַפּ, האָרזי, געראַפּ! און פּאַפּאַ וועט מיר אויך קויפען א האָרזי, וויא אָנקעל סעם, איאָ, מאַמאַ?

דאָס קינד שפּרינגט אונטער מיט דיא פּיסעלאַך פון שמחה.

— איז ער שוין פאַרטיג? פרעגט מאַרים אונגעדולדיג און געהט אריין אין קיך.

פעננני גלייכט זיך אויס. דער פּנים איז ביי איהר צוטראָ־גען, דיא אויגען אונרוהיג. זיא ענטפערט ניט און הויבט אָן זו־כען דעם קינד'ס העט. זיא זוכט אין פראָנט־רום, אין שלאָף־צימ־מער און אין קיך. דעם קינד'ס שטרויענע העטקע הייגנט אין קיך פון אויבען אויף א צוואָק.

מאַקסי דערזעהט זיא.

— מאַמאַ, מאַמאַ! אָט איז מיין נייער העט! שרייט ער.

מאַרים נעהמט אראָפּ דיא העט און טהוט אָן אויף מאַקסי'ן, זיא געהט צו און פאַרריכט איהר אויף זיין קעפּעל, קרויזט אָן מיט איהרע ווייכע צאַרטע פינגער זיינע לאָקען פוןביידע זייטען נעבען דיא אויערן..... נאָכדעם גיט זיא א קוק אויף מאַריסען פון דער זייט און זאָגט:

— ווען דו וואָלסט איצטער ניט געגאַנגען, וואָלטען מיר פאַרנאַכט געגאַנגען צוזאַמען....

— הם, מאכט מאַרים אונטער'ן נאָז און ווענדעט זיך גלייך צום קינד: מאַקסי, זאָג דער מאַמע: „גוד ביי" און קום!

— גוד ביי, מאַמאַ! — שרייט אויס מאַקסי, פאַררייסט זיין קעפּעל און שטעלט אָן זיינע ליפּעלאך: — א קוש, מאַמאַ, א קוש!

זיא טהוט איהם א קוש....

מאַרים מיט'ן קינד זיינען ארויס. זיא איז איינינע מינוט געשטאַנען נעבען טיר פערטראַכט מיט אָן אראָבגעלאָזענעם קאָפּ, אזוי וויא זיא זאָל זיך צו עפּעס צוהערען; נאכדעם איז זיא ארייננעלאָפען אין פראָנט־רום, האָט ארויסגעקוקט דורך דיא אָפּע־נע פענסטער אין דרויסען. מאַרים מיט מאַקסי זיינען געגאַנגען אויף'ן טראָטואר. באַלד זיינען זיי פערשוואונדען. זיא האָט זיך געזעצט. א שווערער זיפץ האָט זיך ארויסגעריסען פון איהר ברוסט און איהרע טיפע שווארצע אויגען האָבען גענומען קוקען פאר זיך מיט אנגסט.

פון מאַריסעס וואָינונג ביז דזשעקסאָן סטריט פּארק איז גע־וועזן ניט ווייט, נור עטליכע גאַסען. דער קליינער מאַקסי, אין זיינע העלע קורצע הויזלאך, מיט א ווייסער ווייסטעל פון אויבען, מיט זיין שטרויענע העטקע, וואָס איז געווען ביי איהם פאררוקט אויף'ן פאַטילניצע, מיט א פריילאכען פּנים'ל, איז געלאָפען אין פאָראויס פאר מאַריסען, האָט אונטערגעטאַנצט מיט דיא פיס־לאך, האָט געמאַכט מיט דיא הענטעלאך.

מאַררים איז געגאַנגען פון הינטען מיט אָן אראָפּגעלאָזענעם קאָפּ, פול מיט פינסטערע געדאַנקען.

וויא אזוי דערגעהט מען דעם אמת דורך מאַקסי? וואָס וועט זיין, אז דער שרעקליכער חשד, וואָס טאָטשעט, וויא א וואָ־רעם, זיין ברוסט, וועט זיך אויסלאָזען, איז אמת..... אָה, ניין, ניין, דאָס איז אונמעגליך, עס קען ניט זיין!..... שטייטש, פאר וואָס? וואָס האָט זיא צו איהם?? איז ער דען געווען אמאָל שלעכט צו איהר? דאכט זיך, ער ארבייט, ער פּראַצעוועט נור פון איהרטוועג־גען.... דיא נשמה זיינע, דאכט זיך, וואָלט ער איהר אָפּגעבען....

מאַרים האָט זיך געזעצט אויף אַ ביינקעל; מאקס האָט זיך געשטעלט צווישען זיינע קניע.

אין פּארק איז געווען ווייניג מענשען; אייניגע פרויען האָבען ארומגעפיהרט קינדער אין קעריעדזשעס. פון ווייטען האָט געבלישצעט דער ריווער.... ביי דיא ברעגעס פון דעם בלישצענדען ריווער, אין מיטען, פון אלע זייטען, און אין אלע זייטען זיינען געגאנגען דאמפף־שיפען ,רויטע, בלויע, ווייסע, און פון ווייטען האָבען זיי אויסגעזעהען, וויא גרויסע הייזער, וואָס שווימען אויפ'ן וואסער.

מאַרים האָט א קוק געטהאָן אויף זיין קינד מיט אונמוטהיגע אויגען.

— מאקסי, האָט ער ארויסגערעדט מיט אַן אויפגערעגטען קול — מאקסי, דו האָסט מיך ליעב?

מאקסי האָט פארריסען זיינע אויגעלאך אויף זיין פאָטער, האָט זיך אַנגעלענגט מיט זיינע ביידע עלענבויגענס אויף מאַרים קניע און האָט געענטפערט מיט א קינדערשער לעבהאפטיגקייט:

— שור, פאפא, איך האָב דיך ליעב. וועסט מיר קויפען א פערדעלע?

מאַרים האָט א מאך געטהאָן מיט'ן קאָפּ: — און דיא מאמא האָסטו ליעב, מאקסי?

— דער אָנקעל סעם וועט מיר אויך קויפען א פערדעלע. און דו א פערדעלע, וועט זיין צוויי פערדעלאך, איך וועל שרייען: גערא‌פּ, האָרזי, געראפּ!....

— האָסטו ליעב דיא מאמא? האָט ווידער געפרעגט מאָרים.

— איך ליעב דיא מאמא, איך ליעב דיך און איך ליעב אָנקעל סעם, האָט אין איין אָטהעם ארויסגערעדט מאקסי מיט א גרויסער ערנסטקייט.

— און וועמען, מאקסי, האָסטו מעהר ליעב, מיך אָדער דיא מאמען?....

און מאַקסי האָט געענטפערט מיט דעם זעלבען טאָן, וויא פריהער:

— איך ליעב דיך און דיא מאַמע און אָנקעל סעם.

— פאַר־וואָס האָסטו ליעב אָנקעל סעם, מאַקסי?

— אָנקעל סעם וועט מיר קויפען א פערדעלע, און מאַקסי האָט צוגעלייגט: און דו א פערדעלע, איך האָב דיך אויך ליעב.

מאָרים איז אויף א ווײלע אנשוויגען געוואָרען און האָט ארונטערגעלאָזען דעם קאָפּ.

— מאַקסי, האָט ער ארויסגערעדט מיט א הייזעריגליך קול, אַקוראַט וויא אין האלז וואָלט איהם ברענען: — מאַקסי, האָט דער.... דער אָנקעל סעם. — ער האָט מיט מאַטערנים ארויסגערעדט איצטער זיין נאָמען — דיר געקויפט נעכטען קענדי?

— טשאָקאָלאַד, האָט געענטפערט מאַקסי.

— האָט ער געגעבען דער מאַמע אויך טשאָקאָלאַד?

— אפולע טשאָקאָלאַד האָט ער געגעבען דער מאַמע און מיר האָט ער אויך געגעבען א פולע טשאָקאָלאַד, א גוד אָנקעל, איאָ, פּאַפּאַ?

— וואו זייט איהר געזעסען, מאַקסי?

מאַקסי האָט זיך א כאַפּ געטהאָן, האָט אריינגעשפּאַרט א פינגעריל אין מויל; זיינע טיעפע בלויע אויגען האָבען גענומען קוקען שעלמיש און ער האָט א דרעה געטהאָן מיט דיא פּלייצקעס.

— וואָס שווייגסטו, מאַקסי?

מאָריסען האָט א קלאַפּ געטהאָן אין הארצען.

— איך וועל ניט זאָגען, — האָט מאַקסי ארויסגערעדט שטיל, ארויסנעהמענדיג דעם פינגער פון מויל און אראָפּלאָזענדיג דיא אויגען.

— וואָס וועסטו ניט זאָגען? האָט דער פּאָטער געפרעגט מיט א ציטערענדיגען קול.

— איך וועל ניט זאָגען; אָנקעל סעם וועט מיר ניט קויפען קיין פערדעלע....

מאַריסען האָט א ברען געטהאָן אין מח; ער האָט א כאַפּ געטהאָן מאַקסי פאר א האנד.

— מאַקסי, האָט ער געזאָגט, און דיא ווינקלען פון זיינע ליפּען האָבען זיך אויסגעקרימט, וויא פון א שרעקליכען וועה־טאָג: — מאַקסי, מיין קינד, איך וועל דיר קויפען אפולע פּערדע־לאַך, אפולע! זאָג, דו טאָרסט ניט לייגען דיין פּאפּא!

— וועסט מיר קויפען צוויי פּערדעלאַך, פּאפּא?....

— יא, מיין קינד, יא, יא, נאָר זאָג.... האָט ער אויסגעשריען הייזעריג און אין דער זעלבער צייט האָט אין זיין הארצען געצי־טערט און געקרעכצט א געהיימע שטיממע: נור ניט דאָס, מאַקסי, זאָג!.... נור ניט, אז דיין מאַמע האָט עפּעס געהאט צו טהאָן מיט יענעם.... מאַך ניט אונגליקליך דיין פּאפּא!....

— איך וועל דיר זאָגען, א יאָ, פּאפּא, מען טאָר ניט ליי־גען א פּאפּא? איך וועל זיין א גוד באָי.... דו וועסט מיר קויפען אפולע פּערדעלאַך?.... האָט געזאָגט מאַקסי, לאַסצענדיג זיך צו זיין פאָטער.

— נו, זאָג־זשע, מאַקסי!....

— איך וועל זאָגען.

— וואו זייט איהר נעכטען געוועזען? אָט דאָ?

— יא, אָט דאָ, פּאפּא.

— וואָס האָט געטהאָן דיא מאַמע?

מאַקסי האָט זיך א כאַפּ געטהאָן מיט א לעבהאַפטיגקייט.

— דיא מאַמע האָט געוויינט און איך האָב געוויינט.

— געוויינט! ?....

— יא, און אַנקעל סעם האָט איהר געווישט דיא אויגען מיט א הענקעווטשע און האָט זיא געקושט, א גוטער אַנקעל, א יאָ, פּאפּא?

אין דיעזער מינוט האָט א שיף א ברומגעטהאָן. מאַריסען האָט זיך אויסגעוויזען, אז דיזער שרעקליכער געשריי האָט זיך עס ארויסגעריסען פון זיין נשמה.... אין דיא אויערן האָבען ביי איהם געקלונגען, פאר דיא אויגען האָבען געטאַנצט שווארצע פּאַסען;

ער האָט א כאפּ געטהאָן מאַקסי'ן צו זיך, האָט איהם צוגעדריקט צום הארצען און האָט צוגעשפּארט זיין הייסען שטערן צו מאַקסי'ס פּנים'ל, און מאַקסי האָט געפיהלט, וויא אויף זיין פּנים'ל פאלען הייסע זודיגע טראָפּענס און קייקלען זיך און קייקלען זיך....

רחל׳ע דיא שטומע.

איהר נאָמען איז געווען רחל׳ע. דיעזן נאָמען אָבער האָט זיא אליין קיינמאָל ניט געהערט. זיא איז פון געבורט־אָן גע־וועזען א שטומע.

איהרע עלטערן זיינען געווען גוט אָפּ, האָבען געהאַלטען א סאַלאָן אין האָבאַקען, האָבען געוואָהנט איבער איהם אויפ׳ן צווייטען פלאָר.

רחל׳ען האָבען זיי ליעב געהאַט, געליינט אויף איהר גרוי׳ס רחמנות, וועלכער איז געוואַקסען וואָס א יאָהר אלץ שטאַרקער און שטאַרקער. איינמאָל — זיא איז דאַן אַלט געווען 9 יאָהר — האָט מען דיא עלטערן געראַטהען אָבצוגעבען איהר אין אַן אַנ־שטאַלט פיר שטומע. זיי האָבען זיך אָבגעזאָגט עס צו טהאָן: „געגנוג צער איז שוין אויף איהר אַזוי אויך; אָפּרייסען נאָך איהר פון דיא עלטערן!“

און זיא איז געוואַקסען אין איהר עלטערנס הויז, וויא א יונגע בוימעלע אויף פרוכטבאַרע ערד. זיא איז געוועזען א שעהן קינד, מיט בלאָנדע האָאָר, מיט בלויע אויגען און מיט א ווייסען לעבהאַפטען פנים׳ל. ווען זיא פלעגט שטעהן מיט איהרע חבר׳טעס אין דרויסען, איז שווער געווען נאָך איהר צו דערקענען, אַז זיא איז א שטומע. א גוטע אויג נור האָט געקענט כאַפּען אויף איהר פנים א בעזונדערען אויסדרוק, וועלכען מען האָט ניט געקענט זעהען ביי איהרע חבר׳טעס, א מין ווילדען האַלב־טהירישען אויס־דרוק. זיא האָט גערעדט מיט דיא פינגער, מיט דעם פנים, מיט דיא אויגען און מיט׳ן גאַנצען קערפּער. ווען זיא פלעגט אויסדריקען א

שמחה, פלעגט זיא קוויטשען, וויא א יונג הינטעלע, אויף דער אויבערשטער אָקטאווע, האָט געמאכט מיט דיא הענד און מיט דיא פלייצקעס, פלעגט אונטערשפרינגען אויף דיא פיסלאך. איהרע אויגען און איהר גאנצער פנים פלעגען דאן שטראהלען פון פרייד. ווען זיא פלעגט אויסדריקען אן אונצופרידענהייט, פלעגט זיא נעהמען שרייען מיט א שניידענדיגער שטימע, וועלכע פלעגט קלינגען מיט אונאנגענעהמע טענער! ע־עדא! ע־ע־ע־דא! אויף איהר שטערן, נעהנטער צום נאָז, פלעגען זיך אוועקלייגען צוויי קנייטשען, איהרע ברעמען פלעגען זיך אויפהויבען ארויף און אין איהרע בלויע אויגען און אויפ׳ן גאנצען פנים פלעגט שארפער ארויסטרעטען דער ווילדער האלב־טהירישער אויסדרוק.

אין איהרע קינדהייטס־יאָהרען איז זיא זעלטען אָבער ווען געווען אונצופריעדען. דיא חבר׳טעס האָבען איהר נאָכגעגעבען, ווייל זיי האָבען געוואוסט פון זייערע עלטערן, אז רחל׳ע איז נעבעך אַן אונגליקליכע.... קינדער, ריינע הערצער, האָבען, ערשטענס, מיטלייד מיט דיא אונגליקליכע... ווידער האָבען דיא קינדער איהר נאָכגעגעבען אוים מורא: ווען זיא פלעגט נעהמען שרייען פון בעס און ווען אויף איהר פנים פלעגט שארף ארויסטרעטען דער טהירישער אויסדרוק, פלעגען זיי זיך דערשרעקען און צולויפען.

אין דער היים האָט איהר נישט געפעהלט. עסען און טרינ־קען איז געווען גענוג. קליידען האָט מען זיא אויך געקליידט צו־גלייך מיט דיא איבעריגע קינדער, און קיין אנדערע פאָרדערונגען האָט זיא נאָך ניט געהאט.

איינמאָל נור האָט זיך אין איהר נשמה ערוועקט א מין קנאה צו איהרע חבר׳טעס, וועלכע זיינען געגאנגען אין שוהל.

זיא איז צוגעגאנגען צו איהר פאָטער מיט א בוך, האָט איהם אויפגעעפענט און, טייטלענדיג מיט׳ן פינגער אויף דיא שווארצע שורות, האָט זיא געוויזען מיט א האנד אויף דרויסען, צום פלאַטץ פון דער קינדער־שולע.

דער פאָטער איהרער, א קורצער, דיקער איד מיט שווארצע באקענבארדען און מיט א בלויער געגאָלטער מאָרדע, איז געשטאַ־

נען הינטער'ן סטאָיקע אָנגעשפּאַרט מיטן רוקען אָן וואנד, צווישען דיא פעסלאך ברענדי און וויסקי, און האָט געקוקט אין דרויסען. זיין פרוי, א הויכע, דארע אידענע, מיט בלאָנדע האָאר, איז געזעסען ניט ווייט פון איהם אויף א שטוהל און האָט געלאטעט א העמד.

— וואָס, רחל'ע? האָט געפרעגט דער פּאָטער.

—באַ־באַ־באַ! האָט זיא געקלאַפּט שטאַרק מיט'ן פינגער אויף דיא שווארצע שורות, קוקענדיג אויף'ן פאָטער מיט בעטענדיגע אויגען.

דער פּאָטער האָט איהר נישט פערשטאַנען.

— וואָס וויל זיא, חנה? האָט ער געפרעגט זיין פרוי.

דיא מוטער האָט א קוק געטהאָן אויף רחל'ען, האָט צו איהר א ווינק געטהאָן מיט דעם קאָפּ: וואָס ווילסטו?

— באַ־באַ־באַ! האָט רחל'ע גענומען קוויטשען אויף דער העכסטער אָקטאַווע, האָט א מאך געטהאָן מיט'ן האנד צום דרויסען צו, האָט צוגעלייגט דיא האנד צום הארצען, און כאַפּענדיג דאָס בוך איז זיא צוגעלאָפען צו דער מוטער און קלאַפּענדיג מיט'ן פינגער אויף דיא שורות, האָט זיא געקוויטשעט: עה־ע־ע־דאַ! ע־ע־ע־דאַ!....

— זיא איז שוין אין כעס! האָט דער פּאָטער געזאָגט, וואָס וויל זיא?

— הא! האָט זיך דיא מוטער געכאַפּט, דאָס וויל זיא הפּנים צייגען, וויא אזוי זיא קען גוט לעזען.

— אויף אונזער שכן סאליוואַן געזאָגט געוואָרען, זאָל ער דאָס לייזען אין זיין סאלאָן, וואָס זיא קען נעבאך דאָרט לעזען! האָט דער פּאָטער געזאָגט און האָט זיך געווענדעט צו רחל'ען, האָט איהר צערטליך א גלעט געטהאָן איבער דיא האָר און האָט ארויסגערעדט, מאכענדיג צו איהר מיט'ן קאָפּ און מיט'ן האנד: גוט, גוט, מיין קינד.

זיא האָט זיך א ביסעל בערוהיגט און פיהרענדיג מיט דיא פינגער איבער דיא שווארצע בוכשטאבען, האָט זיא רוהיגער, כלומרשט געלעזען: באַ־באַ־באַ....

פלוצים האָט זיא זיך אָפּגעשטעלט, האָט אָנגעקוקט דעם פאָטער מיט איהרע בלויע אויגען, און צוגעלייגט דעם פינגער צום מויל, דערביי האָט זיא ארויסגעשטעלט איהר צינגעל, האָט ארויסגעלאָזען א טאָן — ע־ע־! און האָט מיט בעדויערן גענומען מאכען מיט'ן קאָפּ, וויא איינער זאָגט: „איך וועל שוין קיינמאָל ניט קענען" און איז ארויסגעלאָפען אין דרויסען.

דער פאָטער האָט א זיפץ געטהאָן, דיא מוטער האָט א קרעכץ געטהאָן.

רחל'ע האָט שוין מעהר ניט גענומען קיין בוך אין האנד, האָט זיך שוין מעהר ניט געסטארעוועט צו לעזען....

* * *

רחל'ע האָט ליעב געהאט צו טאנצען. וויא זיא פלעגט נור דערזעהען, אז א מאָן דרעהט א שארמאנקע, פלעגט זי זיך גלייך נעהמען דרייען, שפּרינגען, טאנצען.... קיין מעלאָדיע, קיין טענער האָט זיא ניט געהערט — פיר איהר איז דער גרעסטער גערויש פון א בייטאָג געווען פיעל שטילער, וויא פיר אונז דער אָטהעם פון דער שטילסטער נאכט.... זיא האָט נור נאָכגעטאָן איהרע חבר'־טעס אין דעם. יענע פלעגען אויך נעהמען שפּרינגען, וויא נור א מאָן פלעגט זיך אוועקשטעלען אזוי דרעהען „אזא זאך".

דער ווינטער פלעגט קומען, דיא פרעסט, דער שנעע.... פון ווייטען פלעגען דיא בערג אויסקוקען וויים, וויים, דיא בוימער נאַקעט, אָהן בלעטער, מיט ווייסינקע קופּקעלאך אויף דיא צוויי־גען, וויא גרויסע שטיקלאך צוקער... דער הימעל רויט, וויא פייער.... דאָרט, וואו דיא עלעקטריק־קאר לויפט, איז דער שנעע אָפּגעראמט.... ביי דיא זייטען, אויף דיא טראָטוארס, ליגט שנעע.... און פון'ם פראָסט פינקעלט ער און בליסצעט, וויא אויסגעשאָטענע בריליאנטען.... רחל'ע פליהט איבער'ן טראָטואר מיט עטליכע

חבר'טעס, אלע אויף שטאָלענע פּאָדרעזען. זיא סטאַרעוועט זיך זיי אָלעמען אריבעריאָגען.

זיא טהוט זיך א גליטש מיט דער רעכטער פוס, טהוט זיך א וואָרף מיט דער רעכטער פּלייצע, כאַפּט אונטער מיט דער לינ־קער פוס און פּלייצע און ווארפט זיך רעכטס — לינקס — רעכטס — לינקס און פליהט, פליהט.... דיא בעקעלעך ברענען, דיא אויגען בליסטשען, זיא קוויטשעט מיט אזא פערגניגען און לאכט, לאכט... דיזען פערגנינגען בעגרייפט רחל'ע פּונקט אזוי, וויא איהרע חבר'טעס....

דער זומער פלעגט קומען.... רחל'ע האָט פון איהם אויך פערגניגען געהאט. עס איז געווען הייס און מען פלעגט עסען אייז־קרים. זיא האָט עס אזוי ליעב געהאט. דערצו האָט זיא זיך גע־קענט שפּיעלען מיט דיא חבר'טעס אין פּארק אונטער דיא בוי־מער, האָט זיך געקענט שעהנער אויספּוצען, און ווען עס פלעגט זיך נאָך א מאָל טרעפען, אז זיא מיט איהר פאמיליע פלעגען אוועקפאָהרען אויף א טאָג ערגעץ ווייט, ווייט, וואו עס זיינען דאָ פיעל בוימער, וואו דיא גראָז איז הויך און מען קען זיך פריי איבער איהר קייקלען, דאן איז זיא געווען איבער גליקליך.....

זיא האָט נאָך ליעב געהאט דעם זומער דערפאר, ווייל דאן פלעגען איבער דיא גאסען ארומגעהן פיעלע קאָמפּאניעס פון וואנדערנדע מוזיקאנטען.

דיא מוזיקאנטען פלעגען זיך אָבשטעלען נעבען א הויז אָדער א סאלאָן, ארום זיי פלעגען זיך ארומקלייבען א חברה יונג־ווארג, מעהרסטענס מיידלאך. רחל'ע פלעגט זעהען, וויא דיא מו־זיקאנטען בלאָזען מיט דיא ליפּען אויף דיא טרובעס, גלאָצען מיט דיא אויגען, בלאָזען אויף דיא באקען, ווערען רויט, רויט...... איינער, וועלכער האלט א פּלייטע נעבען דיא ליפּען, פיהרט אי־בער דיא פּלייטע מיט דיא פינגער, דאָ אויבען, דאָ אונטען..... איי־נער שטעהט מיט א פידעל אונטער'ן האלז, פיהרט מיט א שטע־קעלע איבער דיא סטרונעס און טופּעט צו מיט'ן פוס.....

רחל'ען פלעגט דיעזע גרופּפּע אויסווייזען מאָדנע קאָמיש. זיא פלעגט ארויסלאָזען א פרייליכען קוויטש און פלעגט אונטער־שפּרינגען. פלוצים האָבען זיך די מיידלאך גענומען דאָרט דרעהען און טאַנצען, רחל'ע הויבט אויך אָן צו טאַנצען און אום ארויסצו־ווייזען איהר ענטציקונג, לייגט זיא צו איהר קולאק צו דיא ליי־פּען, בלאָזט אויף איהם מיט אַלע קרעפטען און טאַנצט.

אזוי איז רחל'ע געוואקסען, געוואָרען עלטער און מיט יע־דען יאָהר שעהנער. צו צוואנציג יאָהר איז זיא געווען א שעהנע שלאַנקע בלאָנדינקע, א געזונטע, בלוט און מילך....

פון איהרע חבר'טעס איז קיינער ביי איהר שוין לאנג ניט פערבליבען. יעדע פון זיי איז שוין לאנג געווען פערנומען מיט איהר ארבייט, מיט איהר „פעלאָ", מיט איהר ליעבע. און וואָס פאַר אַן אינטערעס האָבען זיי געקענט האָבען אין דער שטומער רחל'ע?

רחל'ע האָט עס געפיהלט, און ווען זיא פלעגט באַגעגענען איהרע א'ן אמאָליגע חבר'טע, פלעגט זיא איהר אָנקוקען מיט טרויעריגע אויגען, אזוי וויא מיט א פאָרוואורף.

איבערהויפּט האָט זיך רחל'ע געפיהלט אונגליקליך אין דער געזעלשאַפט פון יונגע לייט. ווען איהר פלעגט אויסקומען צו זיצען ערגעץ וואו אין א געזעלשאפט ביי איהר פאָטער'ס פריינד און דאָרטען זיינען אויך געווען יונגע לייט, פלעגט זיא זיך פיהלען אונגליקליך. דיא יונגע לייט פלעגען אויף איהר קוקען מיט ניי־געריגקייט, אָבער נור קוקען, און איהר האָט זיך אזוי געוואָלט, אימיצער פון זיי זאָל זיך זעצען נעבען איהר נעהנטער, אזוי וויא נעבען א נאַנדער מיידעל און זאָל ריידען צו איהר...

מאַנכעס מאָל פלעגט זיך איהר טרעפען צו זיין אין א געזעלשאַפט, וואו עס זיינען אויך געווען מיידלעך. דאַן האָט זיא געפיהלט איהר אונגליקליכע לאַגע פיעל שארפער. א סך מאָל, פלעגט זיך טרעפען, פלעגט איהר נעהמען שטיקען א משוגענער כעס אויף דיא מיידלעך, אויף דיא יונגע לייט.... זיא פלעגט זיך אויפהויבען און אוועק א היים. דאָרט פלעגט זי ארויסווייזען איהר

כעס, און דערווילדער האַלב־טהירישער אויסדרוק פלעגט דער־
ביי ארויסטרעטען זעהר שארף אין איהרע אויגען און אויף איהר
פנים.

אין איהר האַט געגומען ריידען דיא אונבעפריעדיגטע פרוי,
וואָס פיהלט איהרע אייגענע ערנידערונגען אין דיא ערפאָלגען
פון אנדערע פרויען... אין אַזעלכע מינוטען האָט מען זיא געקענט
פערגלייכען צו אַ פייגעלע, וואָס זיצט פערשפּאַרט זומערצייט אין
אַ שטייגעל נעבען אן אָפענעם פענסטער, וועלכע גייט ארויס צו
אַ שיינעם גאָרטען צו. דיא גאָלדענע זונן גיעסט איהרע ווארימע
שטראהלען ארום, דיא בוימער בליהען, פויגעלאך טשריקען פריי־
לאך, שפּרינגען פון איין צווייגעל אויפ'ן אנדערן, יאָגען זיך איינער
נאָכ'ן אנדערען, פּיקען זיך אין דיא קעפּעלאך...

דיא פערשפּאַרטע פייגעלע, נעבאך, רייסט זיך אויף צו
דער ליכטיגער זונן, איהר ווילט זיך אויך וויגען אויף אַ גרינעם
צווייגעלע, איהר ווילט זיך אויך אַ שטיף טהאָן מיט אַ פייגעלע,
אַ פּיק טהאָן איהר אין קעפּעלע, און ווי נור זיא טהוט אַ הויב איה־
רע פליגעלאך, אזוי באלד פיהלט זיא איהר תפיסה, אז זיא איז
פערשפּאַרט, פערשפּאַרט, פערשפּאַרט....

* * *

איין מאָל איז רחל'ע געקומען מיט'ן פאָטער אויף אַ חתונה
פון זייערען אַ פריינד. דער זאַל איז געוועזען העל בעלויכטען, מוזיק
האָט געשפּילט, פּאָרלאך האָבען זיך געדרעהט, געטאַנצט.

רחל'ע איז אריין אין זאַל אָנגעטאָן אין אַ ווייסער קלייד,
בעפּוצט מיט פרישע בלומען. דיא בלאָנדע האָאר זיינען געוועזען
שעהן פערלייגט אהינטער. דיא בלויע אויגען האָבען געשטראהלט
פון פערגניגען. איהר פּנים און איהר גאנצע שלאנקע פיגור האָט
געאָטהעמט מיט פרישע, יוגענדליכע שעהנהייט.

זיא האָט זיך אָפּגעשטעלט קוקען אויף דעם טאַנצענדען
עולם. מיט איינמאָל איז צו איהר צוגעלאָפען אַ יונגער מאַן, אַ'ן
עלעגאַנט אויסגעפּראַנטעוועטער, מיט שווארצינקע, פּאַרדרייהטע
וואָנצעס. ער האָט זיך העפליך, מעשה טאַנץ־קלאַס־העלד, פערנייגט

פאר איהר, האָט איהר דערלאַנגט דיא האַנד. זיא איז אַוועק מיט איהם טאַנצען...

און זיא האָט זיך געפיהלט אַזוי גליקליך, טאַנצענדיג מיט אַזאַ שעהנעם יונגען מאַן!...

זיא איז איהם געווען אַזוי דאַנקבאַר, אַז זיא וואָלט איהם אַלעס אַוועקגעגעבען פיר דיעזער גליקליכער מינוט. זיא האָט געפיהלט אַרום טאַליע זיין האַנד, און אַ זיסער שוידער האָט דורכגענומען איהר לייב, און זיא האָט זיך פעסטער צו איהם צוגעדריקט....

און פּלוצים האָט זיא דערפיהלט אויף איהרע באַקען זיין הייסען אָטהעם. זיא האָט אויף איהם אויפגעהויבען איהרע אויגען און האָט דערזעהען זיינע ליפּען, וויא זיי מאַכען צו איהר, מאַכען... זיא האָט אַ קוק געטהאַן איהם אין דיא אויגען. ער האָט געלאַכט, און זיינע ליפּען האָבען געמאַכט דערווייליע צו איהר עפּעס... פּיעלייכט האָט ער איהר געזאָגט, וויא שעהן זיא איז, וויא זיא איז איהם געפעלען.... פּיעלייכט האָט ער געפרעגט ביי איהר, וואו זיא וואוינט, אום צו קענען זיך מיט איהר זעהען ווידער אַ מאָל, פּיעלייכט, פּיעלייכט... אין איהרע אויגען האָט זיך אויסגעמאָלט אַ צער, אַ געבעט צו איהם. אַ רויטער פאַרב האָט זיך צוגאָסען איבער איהר פּנים; זיא האָט זיך אַליין פערשעהמט מיט איהר אונגליק...

דער יונגער מאַן האָט פערוואונדערט זיא אָנגעקוקט, האָט צוגעלייגט דעם פינגער צום מויל, האָט אַ קוק געטהאַן אויף איהר מיט פראַגענדע אויגען און האָט אַ שאָקעל געטהאַן מיט'ן קאָפּ.

זיא האָט געענטפערט מיט אַ שאָקעל מיט'ן קאָפּ.

דאַן האָט דער יונגער מאַן, וויא אַן איבערגעשראָקענער, זיא אין דער גיך אָפּגעפיהרט אויף אַן אָרט און איז פערשוואונדען, ניט זעגענדיג זיך אפילו מיט איהר. זיא האָט געזעהען, וויא ער האָט אַ כאַפּ געטהאַן אַ מיידעל און איז אַוועק מיט יענער טאַנצען. זיא האָט גענומען ציטערן מיט'ן גאַנצען קערפּער און האָט פערדעקט דעם פּנים מיט דיא הענד. זיא האָט געפיהלט, אַז אינוויינ

ווערגט זיא עפּעס, און שטיקט און דריקט, און איהר ווילט זיך שרייען....

זיא איז ארייננעלאָפען אין דרעסינג־רום, האָט אין דער גיך אָנגעטאָן איהר הוט און מאַנטעל, צוריק ארויסגעלאָפען אין טאַנץ זאַלל, האָט גענומען זוכען איהר פאָטער. זיא האָט איהם דערזעהען אין א ווינקעל ריידענדיג מיט אימיצען און האָט איהם מיט א נער־וועזער בעוועגונג אָנגעכאַפּט פאר'ן האנד און גענומען שלעפּען אהיים, בלישצענדיג בייז מיט די אויגען און קוויטשענדיג: עדאָ! עדאָ!...

ווען רחל'ע איז געקומען אהיים, האָט זיא מיט כעס אראָב־געוואָרפען פון זיך דיא הוט און דעם מאַנטעל און האָט גענומען לויפען איבער'ן שטוב הין און צוריק, ברעכענדיג מיט דיא הענד און קלאַגענדיג פיר־זיך מיט א קול, וועלכער איז געווען עהנליך צו דעם וואויען פון א קליין הינטעל.

דער פאָטער און מוטער האָבען זיא געוואָלט בערוהיגען. דאָס האָט זיא נאָך מעהר אויפגערעגט.

— רחל'ע, טאָכטערקע! איז צו איהר צוגעגאַנגען דיא מוטער און האָט איהר א גלעט געטהאָן איבער דיא שעהנע האָאר.

— עדאָ! עדאָ!... האָט זיא א געשריי געטהאָן, אָפּשטויסענדיג פון זיך דיא מוטער און טאָפּטשענדיג מיט דיא פיס: — עדאָ!...

פּלוצים האָט זיא ארויסגעכאַפּט דיא בלומען פון איהר קלייד, האָט זיי א שליידער געטהאָן פון זיך, האָט זיך אָנגעכאַפּט פאר דיא האָאר, האָט זיי גענומען רייסען מיט א געשריי לויפענדיג איבער'ן שטוב. דער פאָטער איז צו איהר צוגעלאָפען, דיא מוטער האָט זיא אָנגעכאַפּט פאר'ן אָרעם. זיא האָט זיך געריסען פון זייערע הענד און געשריען: עדאָ! עדאָ! מיט ווילדע קולות.

מען האָט זיא קוים בערוהיגט. ווען זיא האָט זיך בערוהיגט א ביסעל, האָט זיא גענומען אויסגיסען פאר דער מוטער איהר הארץ. זיא האָט זיך אוועקגעשטעלט אין מיטען שטוב, האָט זיך אויסגעגלייכט מיט'ן גאַנצען קערפּער, וועלענדיג ווייזען, וויא

שלאנק דער יונגער מאַן איז געווען, האָט א דרעה געטהאָן מיט'ן האַנד ארום דיא ליפּען — אַ סימן, אז ער האָט געהאַט שעהנע וואָנצעס. האָט זיך א קעהר געטהאָן מיט'ן רעכטען האַלבען פּנים און פּלייצע, ד. ה. זיי האָבען גענומען טאַנצען. האָט זיך אַ גלעט געטהאָן מיט'ן האַנד איבער'ן ברוסט, ד. ה. עס איז איהר געווען אַ מחיה. האָט גענומען מאַכען מיט דיא ליפּען: באַ, באַ, באַ, ד. ה. ער האָט צו איהר גענומען ריידען. האָט צוגעלייגט דעם פינגער צום מויל און צום שטערן, ד. ה. ער האָט דאָן פערשטאַנען, אַז זיא איז שטום, איז צוגעגאַנגען צו דער מוטער און איהר אַ שטויס געטהאָן פון זיך מיט ביידע הענד, ד. ה. ער האָט זיא פון זיך אָפּגע־שטויסען.... און צייגענדיג עס דער מוטער, האָט זיא זיך געטריי־סעלט מיט'ן גאנצען קערפּער. דאַן האָט זיא זיך א וואָרף געטהאָן מיט'ן פּנים צו דער מוטער אויפ'ן ברוסט און האָט גענומען וויינען מיט פערשטיקטע, רחמנות'דיגע טרערען...

מען האָט זיא קוים בערוהיגט, געבענדיג איהר צו פער־שטעהן, אז מען וועט פיר איהר קריעגען א שעהנעם חתן....

* * *

און א חתן האָט זיך ווירקליך באַלד געמאַכט.

איין מאָל איז צו זיי געקומען פון ניו־יאָרק אַ לאַנדסמאַן און האָט דערצעהלט, אז אין נוי־יאָרק פּלאַגט זיך ארום א פּיינער בחור'ל, נאָך א גרינער, פון זייער אייגענע שטאָדט. דער בחור'על איז ערשט זעקס מאָנאַטען אין לאַנד, האָט געארבייט אין א פּיינט פּעקטאָרי, און איז קראַנק געוואָרען. אַצינד פּלאַגט ער זיך נעבעך ארום אָהן א פּעני ביי דער נשמה. פיר רחל'ען וואָלט דער בחור'ל געווען א גרייליכער שידוך.

רחל'ס פאָטער איז אוועקגעפאָהרען אין נויאָרק, האָט גע־זעהען דעם בחור'ל, און ער איז איהם שטארק געפעלען געוואָרען. ער האָט איהם מיט זיך געבראַכט א היים. דער בחור'ל איז אויך געפעלען געווען רחל'ען און איהר מוטער.

דאָס איז געווען אַ שלאַנקער יונגער מאַן פון א יאָהר 22, מיט א בלייכען פּנים, מיט גרויסע בליסטשענדיגע אויגען, מיט

א הויכען, ווייסען שטערן אונטער געדיכטע, שווארצע, וויא סאַמעט, האָאר. ער איז געוועזן אויסגעמאַטערט, שוואַך, האָט געהוסט, האָלטענדיג זיך פאר'ן ברוסט. ער איז געוועזן קראַנק, דאָס האָבען אויך געזעהען אי רחל'ס עלטערן אי רחל'ע אליין.

רחל'עס עלטערן אָבער האָבען געהאָפט, אז ער וועט זיך אויסרוהען, ווען מען וועט איהם גוט צוזעהען, אַנן ער וועט געזונד ווערען. רחל'ע האָט איהם א קראַנקען נאָך מעהר ליעב געהאַט, ווייל זיא האָט אויף איהם רחמנות געהאַט....

זיא האָט זיך גיך צו איהם צוגעבונדען. דעם יונגען מאַן האָט זיך דער שידוך געדאַכט פשוט א גליק: ער האָט זיך אזוי פיעל אָנגעפלאָגט, אָנגעמוטשעט, ער איז געוועזן דאָ אזוי עלענד, קראנק, דערצו נאָך האָט ער געהאַט א ווארעמע נשמה, וואָס נויטיגט זיך אין ליעבע, אין לאַסקעס כאָטש פון וועמען עס איז...

אָפזייענדיג א מאַנאַט מיט רחל'ען אין איין הויז און פיהלענדיג איהרע לאַסקעס, איז ער געוועזן איהר זעהר דאנקבאַר און דיא דאנקבארקייט אין אזוינע פעלע איז שוין האַלב ליעבע.

און זיא האָט זיך מיט איהם געפיהלט גליקליך, האָט געקוקט איהם אין דיא אויגען, וויא א הונד צו זיין בעל הבית, האָט איהם צוגעזעהען מיט עסען און מיט טרינקען. ווען ער פלעגט זיך פאַנאַנדערהוסטען און ווען זיא פלעגט דערזעהען, וויא זיין פנים צוקאָרטשעט זיך פון וועהטאָג און וויא ער דריקט דיא ברוסט מיט ביידע הענד, פלעגט זיא צו איהם צולויפען מיט א קרעכץ, פלעגט נעהמען איהם גלעטען מיט איהרע גלאַטע, ווארעמע הענד איבער דיא האָאר, איבער'ן שטערן, איבער דיא באַקען, פלעגט איהם ווישען מיט איהר טיכעל דיא ליפען, פלעגט איהם דערלאַנגען א גלאָז מילך, נעהמען איהם בעטען מיט רחמנות'דיגע טענער, ער זאָל טרינקען. און ווען ער פלעגט טרינקען האָבען איהרע אויגען געקוקט אויף איהם מיט גליק און מיט פרייד...

יעדען טאָג האָט ער געלעזען א אידישע צייטונג און ווען ער פלעגט לעזען, פלעגט זיא זיך זעצען אויף דער ערד נעבען זיינע פיס, פלעגט אָוועקלייגען איהר קאָפ אויף זיינע קניע און פלעגט

צומאכען דיא אויגען. אויף דיא ליפען פלעגט ביי איהר דאן שפיע־לען א שמייכעל פון גליקזעליגקייט. פיעל מאל פלעגט זיא אין מיטען־דעראינען אויפשפרינגען אויף דיא פיס, פלעגט א ריס טהאן פון זיינע הענד די צייטונג און פלעגט זיך מיט ביידע ארעמס ארומכאפען ארום זיין האלז, פלעגט זיך דריקען צו איהם מיט'ן ברוסט און מיט'ן גאנצען קערפער און פלעגט איהם נעהמען קושען. דאן פלעגט זיא אבשפרינגען פון איהם אין מיטען שטוב, פלעגט זיך נעהמען דרייהען, שפרינגען און טאנצען, לאכענדיג מיט איהר אייגענארטיגען געלעכטער. א מאל פלעגט זיא אויך צולויפען צו איהם, מעשה קאקעטקע, פלעגט איהם אויסשטעלען א באק, פלעגט כיטרע ווינקען צו איהם מיט דיא אויגען: א קוש, א קוש.... ער פלעגט איהר א קוש טהאן, און צו איהר גליק איז דאן ניט געווען קיין גרענעץ....

ווען זיא פלעגט ארוים געארמט מיט איהם שפאצירען אין פארק, דאן ערשט האט זיא געפיהלט דאס גליק אין פולען מאס. זיא האט געטראטען שטאלץ, פלעגט איהם ארייגקוקען אין דיא אויגען מיט ליעבע און זיא האט שטארק געוואלט, אז דיא גאנצע וועלט זאל זיא אזוי זעהען מיט איהם, וויא זיי געהען געארמט, וויא זיי ליעבען איינער דעם אנדערען....

אין צוויי מאנאטען ארום איז ביי זיי געווען תנאים.

דער חתן האט זיך ניט געפיהלט בעסער, ער האט אלץ געהוסט מיט א טרוקענעם הוסט.

עס איז געקומען דער הערבסט מיט זיינע וואלקענס, מיט זיין רעגען און מיט זיין יאמערדיגען ווינד. דער חתן האט געפיהלט אלץ ערגער, ער האט זיך אוועקגעלייגט אין בעט. דער דאקטאר, וועלכער האט איהם בעזוכט יעדען טאג, האט ניט געזאגט וועגען זיין קראנקהייט, פלעגט פערשרייבען דעם רעצעפט און אוועק־גייען. רחל'ע האט ניט אפגעטראטען פון דעם קראנקען'ס בעט ניט אויף איין מינוט. ביי זיינע פיס איז זיא געזעסען טאג און נאכט, דארט האט זיא אויך געשלאפען. פיעלע מאל, אין מיטען נאכט,

פלעגט זיא צופאַלען מיט'ן פּנים צו זיינע פיס און פלעגט קרעכ־צען, קרעכצען...

* * *

איינמאָל בייננאַכט איז זיא געזעסען נעבען קראַנקען אויפ'ן בעט, איהר פאָטער איז געזעסען אויף אַ שטוהל אין מיטען שטוב און האָט געכראָפּעט. דער קראַנקער האָט זיך געפיהלט זעהר שלעכט. איבער דיא פענסטער פון דרויסען האָט געקלאַפּט אַ רעגען, וויא אַ האָגעל, אַ ווינד האָט געיאָמערט.

רחל'ע האָט געקוקט אויף איהר חתן, וועלכער האָט שווער געאָטהעמט, האָט איהם מיט אַ טיכעל געווישט דעם שוויים פון שטערן. מיט איינמאָל האָט דער קראַנקער זיא אָנגענומען מיט אַ קאַלטער, פייכטער האַנד און האָט אויסגערעדט, שווער אָטהע־מענדיג:

רחל'ע, איך שטאַרב! דוא האָסט מיך ליעב... מיין מאַמע האָט מיך אויך ליעב... זיא איז ניטאָ... זיא איז אין דער היים... וואַרט אויף מיין בריעף.... רחל'ע, איך האָב אייך ביידע ליעב.... איך שטאַרב....

רחל'ע האָט איהם פערשטאַנען, האָט גענומען איהם גלעט־טען דיא האָאר, דאַן איז זיא צוגעפאַלען צו זיין ברוסט און האָט גענומען קלאָגען... פּלוצים האָט זיא דערפיהלט, וויא דער קראַנקער האָט זיך אונטער איהר אַ צאַפּעל געטהאָן, זיא האָט אויף איהם אַ קוק געטהאָן: ער האָט געקוקט אויף איהר מיט גרויסע, אויסגע־גלאָצטע, גלעזערנע אויגען און מיט אַ'ן אָפענעם מויל מיט אויס־געשצירעטע ווייסע ציינער....

זיא האָט איהם נעכאַפּט טרייסלען און שרייען מיט אַלע קרעפטען: עדאַ! עדאַ!... און אין דיזען שטומען געשריי האָט געקלונגען פערצווייפלונג, האָט זיך געהערט טרערען. דער פאָטער איז אויפגעשפּרונגען, האָט גענומען ברעכען מיט דיא הענד — דער חתן איז געשטאָרבען....

רחל'ע האָט זיך אַ וואָרף געטהאָן אויפ'ן טויטען, האָט איהם גענומען קושען און איז אַזוי געבליעבען ליעגען אַ ווײַלע, וויא אַ

פערגליווערטע. דאַן איז זיא אויפגעשטאַנען, האָט נאָך אַ מאָל אַ קוק געטהאָן אויפן טויטען און איז מיט פעסטע טריט צוגעגאַנגען צום פענסטער און האָט אַ קוק געטהאָן אין דרויסען פון דעם הויכען צווייטען פלאָאָר.

אין דרויסען האָט געיאָמערט דער ווינד, דער רעגען האָט געקלאַפט... זיא האָט אַן עפען געטהאָן דאָס פענסטער און איידער איהר פאָטער האָט עס בעמערקט, האָט זיא אַ שפּרונג געטהאָן....

עס האָט זיך דערהערט אַ יאָמער, צו פון איהר פאָטער, צו פון ווינד?....

ברוך׳קע.

ברוך׳קע... מיט איהם זיינען פערבונדען דיא בעסטע יאָה־רען פון מיין קינדהייט, דיא בליהענדע בלומען פון מיין לע־בענס פריהלינג...

ברוך׳קע!... מיין הארץ ציטערט, אזוי וויא עס וואָלט זיך וועלען ארויסרייסען פון ברוסט, און אין מיין געדעכנים לעבען אָב בילדער, בילדער, אוי, וואָס פיר א בילדער!... שווארצע, גע־דיכטע וועלדער, ברייטע פעלדער מיט גאָלדענע זאנגען... קלאָרע, מורמלענדיגע טייכעלאך... טרעל׳ן פון נאכטיגאלען... הייסע קושען פון מיין ליעבער, גוטער, אלטער מאמען... גליקליך־מאַכענדע הבטחות פון מיין טאטען... אָה, מיין קינדהייט, אָה, מיין פריהלינג, דו צויבער בלום, געוועבט פון דיא שטראהלען פון דער ליכטי־גער זונן!...

ברוך׳קע! מיר דאכט זיך, וויא דאָס וואָלט געוועזן נעכטען. א פינסטערע, פעררויכערטער חדר. דער קראנקער רבי מיט זיין געלען, דארען פּנים, מיט זיין שפּיציג געלבער בערדעל, מיט דער „צוכראסקעטער“, אָפּענער, האָריגער ברוסט און מיט דער רויטער, שמוציגער פאטשיילקע ארום גראָבען פינגער, זיצט נעבען דעם לאַנגען דעמבאָווען טיש און, שאָקעלענדיג זיך מיט דעם אויי־בערשטען האלבען קערפּער הין און צוריק און דרייהענדיג דעם גראָבען פינגער מיט דער פאטשיילקע אין אלע פיער זייטען, לערנט ער מיט אונז מיט א געשמאַקען ניגון דיא גמרא...

מיר, איינגלאך, זיינען זאַלבע זעקס. מיר זיצען צו פּאָאר־וויז ביי א גמרא. נעבען מיר זיצט ברוך׳קע — א איינגעלע, א

יאָהר צעהן, מיט א בלייכען פּנים, מיט א בלאָנדען געקרויזטען קאָפּ האָאר אונטער א סאמעטענער היטעלע, מיט גרויסע בלויע אויגען.

ער קוקט ניט, וויא געוועהנליך, אין דער גמרא, נאָר אויף דעם צווייטען זייט צימער, צום טהיר־צו, וואו דעם רבי'ס ווייסע ציעג, מיט א פּאָאר קליינע ציעגעלאך, איינע אַ ראַבינקע, דיא אַנדערע — א ווייסענקע, דרעהען זיך ארום דער רבי'צין, וואָס זיצט נעבען טהיר און שיילט קארטאָפּעל. דיא רבי'צין לעגט ארויף א שטיקעל שאָלעכץ אויפ'ן לאָדאָן און וויל געבען דער ווייסער ציעגעלע. דיא ראַבינקע איז אָבער פלינקער, זיא לויפט צו צו דער רבי'צין און טהוט א כאפּ דיא שאָלעכץ מיט'ן מויל.

— נארשקע! — שרייט אויף איהר דיא רבי'צין און טהוט א מאַך צו איהר מיט'ן מעסער — נארוש, זולל וסובא דוא, פּראַנ־צען זאָלען דיך עסען, איהר איז גאָר ניט געגונג!...

אָבער דיא ראבינקע ציגעלע איז שוין אויפ'ן אַנדערען זייט צימער און הערט דיא רבי'צין וויא אין טראָק.

ברוך'קען איז עס זעהר געפעלען; ער צולאכט זיך הויך אויפ'ן קול און הויבט אָן צו מאַניען צו זיך דיא ציעגעלע.

—דזשיק־דזשיק־דזשיק!... — רופט ער אויפ'ן קול.

מיר קינדער, לאַכען זיך פונאנדער.

דער רבי קוקט איהם אָן מיט שטרענגע אויגען און הויבט זיך אָן צו רוקען ארום טיש נעהנטער צו איהם, צו ברוך'קען. אז ער איז שוין א האנד ווייט פון איהם, פרעגט ער, דער רבי, איהם פריהער מיט א שטילען איינגעהאלטענעם קול:

— שקאָץ, וואו האלט מען?

ברוך'קע ווערט פון אנפאנג א ביסעלע צומישט, הויבט אָן צו זוכען מיט דיא אויגען אין דער גמרא, פּרובירט טרעפען מיט דיא פינגער דעם אָרט, שטעלט זיך אָב מיט א פינגער אויף א שורה, אויף א צווייטע און בלייבט שטעהן אויפ'ן סוף מיט'ן פינגער אויף איין שורה און רעדט אויס ברגז'דיג.

— אַט דאָ!

— יורקע, בוצקע, כריטאַן, באַד־יונג, וואו האָלט מען, פרעג איך דיר? — שרייט דער רבי מיט אַ פּאָאר טענער העכער.

ברוך׳קע טהוט אַ רוק דעם פינגער אויף אַ פּאָאר שורות ווייטער און זאָגט שטיל:

— אַט דאָ, ביי דער פרה אדומה...

— ביי דער פרה אדומה — שרייט שוין דער רבי אויף דער העכסטער אָקטאַווע און שצירעט מיט דיא ציין וויא אַ צורייצטער אויסגעהונגערטער וואָלף. — כריטאַן, אין כף הקלע זאָלסטו געהן! וואָס האָסטו צו מיר, רצוח דוא, משומד להכעיס דוא, דוא וועסט דאָך מיר אין ד׳רערד אריינטרייבען! ביי דער פרה אדומה! אָך ממזר, וואו דיין קאָפּ ליעגט!... זאָג — כריפעט ער ארויס, צור־רוקענדיג זיך צו איהם נעהנטער מיט אַ סטראַשענדיגע מינע: — זאָג, וואו האָלט מען? ווארום איך מאַך דיך אַט באַלד פאר אַ בר מינן!

— מעע!כאַפּען אונטער דיא קליינע ציעגעלאַך, פעררייסען דיא ווייידלאַך און הויבען אָן צו שפּרינגען איבער׳ן שטוב מיט ציעגענער התפעלות....

ברוך׳קע קען זיך ניט איינהאַלטען און צולאַכט זיך.

דער רבי געהט ארויס פון דיא כלים.

— זעה, זעה, כריפעט ער מיט אויסגעשצירעטע ציין — זעה, דעם משומד! דער רבי רעדט צו איהם, איז וויא אַ הונד בילט! זעה, איך וועל דיר דיא קבורה מאַכען! טהוט ער זיך אַ הויב און אַ געשריי: נאַ, נאַ!!...

און ברוך׳קע כאַפּט אַ פּאָאר הילכעדיגע פּעטש פון דעם רבי׳ס דאַרע, ביינערדיגע האַנד.

ער וויינט ניט, וויא אַנדערע קינדער, ער טהוט זיך נור אַ טרייסעל, לאָזט ארויס אַן אי און קערט אָפּ מיט כעס דעם קאָפּ.

נור שפּעטער אַ ביסעל, אַז דער רבי זעצט זיך ווידער אויף זיין פּלאַטץ, טהוט ברוך׳קע אַ קוק אויף איהם מיט אַ צו להכעיס־דיגער מינע און שרייט אויס „מע“, וויא דיא ראַבינקע ציעגעלע...

* * *

א פרעהליכער חבר איז געווען ברוך'קע אין חדר, זעהר א לעבעדיגער אינגעלע. זיינע עלטערן זיינען געווען פרומע בעלי בתים און האָבען, וויא דער שטייגער ביי אידען, געוואָלט פון איהם מאַכען א רב. ער האָט אפילו געהאָט גוטע פעהיגקייטען, אָבער ניט צו דער גמרא. איהם האָט מעהר אינטערעסירט דיא לעבעדיגע, ראבינקע ציעגעלע מיט איהרע תם'עוואַטע אויגען, וויא דיא פרה אדומה אין דער גמרא. ווער שמועסט נאָך, אז ער האָט זיך נאָך געקענט אַנהענגען אַהינטער א וואָגען און אונטערפּאָהרען א ביסעל, אָדער בעזוכען ווינטער־צייט דיא „בויען" אויף דער דווינע און צוקוקען, וויא מע רייסט זיך דיא זייטען, אָדער, ריכטיגער: זעהען דעם געלאָף פון מענשען, הערען זייערע געשרייען, דעם רעש, דעם טומעל; בעמערקען, וויא איינער, לויפענדיג איבער'ן אייז, טהוט א פאַל אויפ'ן רוקען און איבער איהם פיעלע אַנדערע; אָדר געהן זומער־צייט הינטערן שטאָדט אין וואַלד, אויפ'ן פעלד, וואו אַלעס לעבט, בליהט, וואו דיא טייכעלע מורמעלט איין א סוד דער בלום, וואָס וואַקסט אויף איהרע ברעגען; וואו דער קיהלענדער ווינטעלע קושט און לאַסצעט דיא גאָלדענע קעפּעלאַך ביי דיא זאַנגען אין פעלד; וואו דיא אַלטע בוימער אין וואַלד שאָקלען מיט זייערע צווייגען און שושקען זיך איינע מיט דער אַנדערער — דאַן פלעגט זיך ברוך'קע פערגעסען אויף אַלעס, אַלעס — אויף דעם רבי'ן, אויף דעם חדר און פיעל מאָל אויף זיך אַליין אויך...

* * *

אז ברוך'קע איז אַלט געוואָרען דרייצעהן יאָהר, האָט ער מסתמא ניט געקענט האַלטען קיין דרשה, וויא לייטישע בחורים־לאַך. זיינע עלטערן האָבען דערזעהען, אז קיין תכלית וועט פון איהם ניט זיין, ד. ה., אז ער וועט ניט זיין קיין רב, האָבען זיי איהם ארויסגענומען פון חדר — „דער שכר לימוד איז ארויסגעוואָרפען" —און האָבען איהם געוואָלט מאַכען פאַר א סוחר, א געשעפטסמאַן... דאָס וואָלט גראַד געפּאַסט פיר זיין לעבעדיגען

כאראקטער, ווען ניט דיא צייט... „נייע צייטען, נייע פייגעל, נייע פייגעל, נייע ליעדער.“

* * *

דיא צייט איז געווען אין אנפאנג פון דיא אכציגער יאה־רען. דיא רעאקציאן, וואס האט אויסגעבראכען נאך דער הינריכ־טונג פון אלעקסאנדער דעם צווייטען אין דיא גרויסע שטעדט פון רוסלאנד, האט נאך אונזער פראווינץ ניט אנגעריהרט. דאן זיי־נען געווען אין אונזער שטאדט געבילדעטע יונגע לייט און יונגע פרויען, גימנאזיסטען און גימנאזיסטקעס, וואס האבען גועפענט געהיימע שוהלען און האבען געלערנט דיא „יונגוואַרג“ און זיי פערזארגט מיט גוטע ביכער צום לעזען.

דער גייסט פון לערנען און פון „ענטוויקלען זיך“ האט דאן געטראגען אן עפידעמישען האראקטער. מיידלאך, קרעמערקעס, ישיבה־בחורים, בעלי בתי'שע פוסט און פאסטינקעס האבען זיך א נעהם געטהאן צום לערנען זיך און צום לעזען ניצליכע ביכער. און דאן האט זיך אין אונזער שטאדט איבערגע'חזר'ט נאך אמאל דיא געשיכטע, וואס אין דיא הויפט־שטעדט פון רוסלאנד האבען דיא יונגע לייט נאך מיט צעהן יאהר צוריק דורכגעמאכט.

דיא יונגע לייט האבען געלעזען פיסארעוו'ן און האבען דע־באטירט „צו איז גרעסער שעקספיר צו א פּאָאר שטיוועל“. פיע־לע האבען בעגראבען און בעשאטען פושקינען צוזאמען מיט דער קונסט אין איין טיעפען קבר... פיעלע האבען זיך געסטארעט צו „שפּיעלען זיך“ אין באזאראווס, האבען געטראגען לאנגע שטי־וועל מיט הויכע כאליוועס, העמדלאך איבער דיא הויזען און האָ־בען זיך אויפגעפיהרט „ניהיליסטיש“. אין דעם איז אהן צווייפעל געווען פיעל, זעהר פיעל קאמישעס, אבער נאך מעהר ערנסטעס און הייליגעס....

פון דיזער בעוועגונג זיינען שפּעטער ארויסגעוואקסען ניט ווייניג דאקטוירים, אדוואקאטען, פראקטישע מענשען, אבער אויך

רוסישע רעוואָלוציאָנערען, וואָס האָבען געקעמפפט פאר א בע־פרייטען כלל ביז קאטארגע....

דיזע בעוועגונג, וויא אלע אנדערע בעוועגונגען אין אללע צייטען און אין אלע לענדער, האט אפילו בעשאפען קאָמישע טי־פען פון מיידלאך און יונגע לייט, וואָס האָבען מעשה פּאַפּוגאַי געשפּיעלט זיך אין „ענטוויקעלטע", דעבאטירענדיג מיט א וואזשנער מינע איבער הויכע זאכען, פון וועלכע זיי האָבען קיין בעגריף ניט געהאט און ריידענדיג מיט אזעלכע פראזען, אויף וועלכע מי האט זיך געקענט דיא ציינער אויסברעכען; אָבער דיא זעלבע בעוועגונג האט בעשאפען אמת־ענטוויקעלטע מענער און פרויען מיט א טיעפען און ברייטען בליק אויף זאכען.... מיט איין וואָרט, דיא בעוועגונג איז געווען א שטארקע און איהר שטראָם האט אויך מיט זיך היינגעריסען ברוך׳קען.

לכתחילה האט אויף איהם געווירקט דיא קנאה צו זיינע אמאָליגע חדר־איינגלאך, וועלכע דער „שטראָם" האט שוין גע־האט הינגעריסען פריהער.

הערענדיג וויא זיי ריידען צווישען זיך רוסיש, זעהענדיג זיי ארומגעהן מיט די ביכער אונטער די פּאַכוועס; בעמערקענדיג, וויא זיי נעהמען ארונטער דיא היטלען איינער פאר דעם צוויי־טען, מעשה געבילדעטע; טרעפענדיג זיי זומער־צייט הינטערן שטאָט שפּאַצירענדיג מיט מיידלאך, וואָס בילדען זיך אויך, און אייניגע זאָגאר געארעמט — דאָס אללעס האט אין איהם ער־וועקט א קנאה צו זיינע פריהערדיגע חברים און איהם האט זיך אויך פערגלוסט צו זיין איינער פון זיי.

ער איז אריינגעטראָטען אלס שילער אין א געהיימער שוהל און האט זיך א נעהם געטהאָן צום לערנען מיט א ברען. זיין טאטע איז מיט דעם גאָר ניט צופרידען געווען און האט אלע מעגליכקייטען אָנגעווענדעט ארויסצורייסען איהם, ברוך׳קען, פון דער „פינסטערער קליפּה". אָבער ברוך׳קע׳ס טאטע, נעבעך! ער האט הפנים פערגעסען, אז אויף ברענענדיגען אויל גיסט מען ניט קיין וואסער.... דיא שטערונגען פון זיין טאטען האָבען נאָך מעהר

צוברענט אין איהם דעם חשק צו לערנען זיך און איהם איז אויך דערביי געפעלען געווען צו פיהלען זיך אלס א שטיקעל מארטי־רער פיר דער „וויסענשאפט“.

אין שוהל האט ער פיעל מאל געהערט פון דיא לעהרערס און לעהרערקעס, וויא אזוי מענשען האבען זיך מקריב געווען פיר דיא וויסענשאפט, וויא זיי האבען זיך געלאזען בראטען און ברענען פיר זייערע איבערצייגונגען. נו, איז ער, ברוך'קע, דען זיך ניט מקריב פיר דיא וויסענשאפט? שטעהט ער ניט אוים קיין געבראטענע צרות פון זיין טאטען?

און ער האט זיך געלערענט און ער האט זיך געוואהנט צו ליידען. אבער זיין לעבעדיגער, אונגעדולדיגער כאראקטער האט זיך ניט געקענט צופרידען שטעלען מיט א ראליע פון א קליין מארטירעריל און ער האט ניט געקענט פערשוויגען זיין טאטען. ער האט געקעמפפט געגען איהם און מאנכעס מאל אויף א גראבען אופן....

* * *

וויא יעצט, געדענק איך יענעם ווינטער־אבענד, ווען איך האב בייגעוואוינט א טרויעריגע סצענע צווישען איהם און זיין פאטער.

מיט א פאר וואכען צוריק האט ברוך'קע געליהען ביי מיר א בוך, און אין דיזען אבענד בין איך געקומען איהם אפנעהמען.

נאך'ן אויסזעהן פון ברוך'קען און זיין טאטען האב איך באלד פערשטאנען, אז צווישען זיי איז נור וואס פארגעקומען א סצענע. ברוך'קע איז געזעסען אנגערוקט און האט געשריבען. זיין טאטע האט מיט כעס עפעס גערעדט צו דער מאמען.

ווען איך בין אריין, האט ר' משה א קוק געטהאן אויף מיר בייז און האט אויסגערעדט:

„אט איז ער אויך דא! נאך א תנא ברא! נישקשה, זיין טאטע קען אויך האבען פון איהם נחת... אוי, וועה געשריען, אי־דען וואקסען עס, אידען, פרומע אידען, א בהלה אויף זיי!... נו, וואס דארפסטו דא? — האט ער זיך פלוצים א קעהר געטהאן צו

מיר מיט כעס — ברוך׳קען דארפסטו? ברוך׳קען, וואס? ווייניג קליפה איז נאך אין דיר, ווילסטו זיך אננעהמען נאך א ביסעלע? אוי, בעגראבען האט מען אייך געמעגט ביידען אויף איין בית־חיים!....

ברוך׳קע האט זיך שנעל אויפגעהויבען פון ארט און האט מיר פריינדליך דערלאנגט דיא האנד.

דאס האט ר׳ משה׳ן נאך מעהר אויפגערעגט און ער האט אויסגעשריען מיט נאך מעהר הארץ:

„שלום עליכם, א איד, פון וואנען קומט איהר עפעס?....."

און דערביי האט ער צוגעשאקעלט מיט דעם קאפ מיט א טרויעריגער איראניע — פון בית המדרש קומט איהר, הא? גע־לערנט אוואדאי א בלאט גמרא, אדער געזאגט א קאפיטעל תהילים? שלום גיט ער איהם, שלום! האסטו געזעהן, ער גיט איהם שלום! טפוי, ממזרים, א מגפה אויף אייך, האסטו געזעהן אויף דיין לעבען, ער גיט איהם שלום!...."

—משה, געוואלד! האט זיך אריינגעמישט עטעל, ברוך׳־קעס מאמע, — וואס האסטו זיך צורעדט, וואס ארט דיר, וואס זיי גיבען איינער דעם אנדערן דיא הענד, וואס בינדסטו זיך?

— איך בינד זיך, עטעל, א? איך בינד זך?... דו ביסט שוין דא?.... א, נור דיר צו פערדאנקען, דיר, נור דיר — האט ער גערעדט — ווען ניט דו, אהא, איך וואלט שוין ארויסגעשלא־גען פון איהם דיא קליפה.... איך בינד זיך!.... איך, יע, אט דא איז דא ביי מיר א בינדעניש, אט דא, אט דא — ער האט זיך גע־קלאפט מיט׳ן פינגער אין זיין ברייטער ברוסט — איך פרעג דיך, וואס איז ער אהערגעקומען? וואס דארף ער אזוי נויטיג זעהען ברוך׳קען, הא ?....

— ער געהט צו מיר! האט איהם אונטערגעבראכען ברוך׳קע מיט רוגזה — ניט צו דיר.

— שא! האט דיא מאמע אנגעשריען אויף ברוך׳קען, — שא, ער קען זיך גאר ניט איינהאלטען!

איך האָב זיך אויך געפּיהלט ניט גאָר יום־טוב'דיג און איך האָב שנעל געבעטען ביי איהם דעם בוך.

ר' משה האָט אַ שפּרונג געטהאָן און גענומען זיך רוקען צו ברוך'קען, שרייענדיג:

— צו דיר געהט ער, ממזר, צו דיר? וואָס זאָגסטו, האַ?.....

ברוך'קע איז ארוים אין צווייטען צימער.

— וואָס זאָגסטו אויף דעם עוכר ישראל — האָט געשריען ר' משה, קוקענדיג דאָ אויף דער ווייב און דאָ אויפ'ן טהיר, דורך וועלכע ברוך'קע איז ארוים — „צו מיר געהט ער!“ וואָס זאָגסטו, האַ? אימיצער וואָלט מיינען, אז ער איז דאָ דער בעל הבית און איך... אַ וואָס?... כוויי, אַ כלב מן הסתם!... אַך, ניט דערלעבען וועט ער, איך וועל איהם ממית'ן... „צו מיר געהט ער!“.... אַך, אפּיקורס, איינגעבראָכען זאָלסטו ווערען!.... דער־לעבט נחת, אַ?.... כדאי געווען אויסצוהאָדעווען אזא מין סורר ומורה! עטעל — האָט ער אויסגעשריען לײדענשאַפטליך און מיט וועהטאָג — עטעל, האָסטו אויך אזוי געזאָגט דיין טאַטען? איך, ניט! ריידען געגען אַ טאַטען?! שטייטש געגען אַ טאַטען?! און אז ער וואָלט רייסען מיין פלייש אברים ווייז און אז ער וואָלט מיט ברענענדיגע ריטער געשניטען מיין הויט! שטייטש! ריידען אַ וואָרט געגען אַ טאַטען! סקילה קומט דערפאר, עטעל, פערשטיינען דארף מען אזא בן נאָכ'ן דין, פערשטיינען!....

איך בין געשטאַנען וויא אויף גליהענדע קוילען...

— נו, וואָס וואַרטסטו דאָ? האָט ר' משה זיך פּלוצים אַ קעהר געטהאָן צו מיר.

— מיין ביכעל... האָב איך אַרויסגעשטאָמעלט צושראָקען.

אין יענער צייט בין איך אויך אפילו געווען פון דיא „קעמ־פּפער,“ דאָך האָבען מיר הענד און פיס געציטערט, ערוואַרטענ־דיג, אז אָט—אָט וועל איך פּיהלען דיא שטאַרקע האַנד פון ברוך'קעס טאַטען אויף מיין באַק, און דעם אמת געזאָגט, וואָלט איך לאַנג געמאַכט אַ ויברח פון דער שטוב, ווען איך וואָלט זיך ניט געשעהמט פאר ברוך'קען.

צו מיין ערשטוינגען, האָט ר׳ משה מיר ניט געגעבען פיה־לען זיין האַנד, נור, פערקעהרט, ער האָט זיך געווענדעט צו מיר מיט א וויינען, בעטענדיגען קול:

— אָט זאָג דוא, אדרבה, אָט דוא ביזט דאָך זיין חבר, אָ? רעדסטו אויך אזוי קעגען דיין טאַטען, א קלאָג צו איהך, האָ?...

און זיין קול האָט געקלונגען מיט אזא וועהטאָג, אז עטעל האָט איהם גענומען בערוהיגען.

— אוי, משה, דוא ביזט א נאַר, ער איז עפעס בעסער פון אונזער ברוך׳קען, וואָס?... עס איז שוין אזא וועלט (אזא צייט וואָלט זיא בעסער געזאָגט) מע קען זיך ניט העלפען: וויא דער כלי זמר שפּיעלט, אזוי מוז מען טאַנצען... איבערשטעלען א וועלט קען מען ניט. אומעטום איז צרות מיט דיא קינדער, ניט ביי דיר נור אליין.

אָבער דאָס איז געוועזען זעהר א קליינער טרייסט פאר ר׳ משה׳ן.

— עטעל! — האָט ער אויסגעשריען מיט גאַל — עטעל, בין איך א טאַטע, אָ? איז ער מיין קינד, אָ?... עטעל, קען איך איהם זאָגען א דעה, אז דאָס טהו און דאָס טהו ניט? מוז ער מיך פאָלגען!... אז ניט געה כאַטש אין כף הקלע פון מיינעטוועגען!...

אין דיעזער צייט איז אריין ברוך׳קע מיט׳ן בוך. איך האָב א כאַפּ געטהאָן ברוך׳קעס האַנד און בין ארויס.

הינטערן טהיר האָב איך געהערט ר משה׳ס געשריי: „ממזר!“ א שטאַרקען פאַל פון א שטוהל אן פּאָדלאָגע, ווידער ר׳ משה׳ס געשריי און נאָכדעם עטעל׳ס קול: „משוגענער!“

אזוי האָט געקעמפּפט ברוךקע ביז ער איז אַלט געוואָרען אכטצעהן יאָהר. אין דיעזער צייט האָט ער שוין געהאַט אויס־געלערנט דיא רוסישע שפּראַך, האָט זיך אַנגעלעזען ביכער, האָט געקראָגען אייניגע שטונדען, האָט זיך איבערגעקליעבען פון זיינע עלטערן אויף אַן אייגענע קוואַרטיר צו א קריסטין און האָט זיך גענומען פּיהלען און פיהרען פריי...

פיר זיין טאטע־מאמע, וואס זיינען נאך דערצו געווען פעררעכענט פיר גרויסע אידישע מיוחסים, איז דאס, וואס זייער זוהן האט זיך איבערגעקליבען בפרהסיה צו א „גויה" און האט מסתמא געגעסען תריפות און אפשר נאך חזיר אויך — איז עס געווען א שטארקער קלאפ, פיעל ערגער, וויא ברוך'קע וואלט געשטארבען....

* * *

און ברוךקע — ניין, יעצט האט ער זיך גערופען באריס מאאיסעיעוויטש — האט זיך געטהאן זיינס: געלעזען ביכער, געלערנט זיך, געלערנט אנדערע און האט זיך ניט שטארק גע־קימערט, אויב זיין בעל הבית'טע מאריא איוואנאווא האט איהם געגעבען צו עסען קאראבקע פלייש, אדער חס ושלום ניט; אויב דיא פלייש איז רינדענע, קעלבערנע אדער פון אנאנדער פיער־פיסיגע חיה....

ער האט זיך געקויפט א פאר לאנגע שטיוועל מיט הויכע כאליוועס, א פליין־רוסישע העמדעל מיט בלויע שטרייפען ארום דיא ברעגען, האט זיא אנגעטאן איבער דיא הויזען מיט א ריי־מענעם פאס ארום איהר, און אויפ'ן קאפ האט ער אנגעטהאן א ברייטע „דעמקע" מיט אן אפענער לעצעל. אזוי פלעגט ער געהן אין גאס, אויף זיינע שטונדען און צו זיינע פריינד.

ער האט דאן געלעזען פיסארעוו'ן און אפילו ער איז אין גאנצען מיט איהם ניט געווען איינפערשטאנדען, דאך וואלט ער מעהר צופריעדען געווען, ווען שעקספיר אדער געטהע וואלטען אנשטאט צו שרייבען פאעזיע, געווען פשוט'ע וואלוועלע בוכ־בינדער און וואלטען איהם איינגעבונדען פיר ווייניג געלד עטליכע ביכלאך „סאווראמעניק," וואס האבען זיך געוואלגערט ביי איהם. אין אלגעמיין איז ער געווען דער מיינונג, אז א זאך האט רעכט צו עקזיסטירען נאר דאן, ווען זיא ברייננט נוצען דער געזעל־שאפט. ליטעראטור מעג יע עקזיסטירען, אבער נאר דיא ערענ־סטע, וואס פערנעהמט זיך מיט וויסענשאפט... בעלעטריסטיק און פאעזיע מוזען אבגעשאפט ווערען.... ווארום וואס איז א בעלע־

טריסט? א מענש מיט א ליגנערשער פאנטאזיע. ער זעצט זיך אוועק און טראכט אויס פון קאפ פערשיעדענע מעשות, וואס האבען קיין נוצען און קיין ווערטה פיר דער געזעלשאפט. און פאעטען זיינען פשוט משוגעים, ווארום אנשטאדט דעם, זיי זאלען שרייבען גלייך, וואס זיי ווילען, שרייבען זיי אין פערזען און דאס קומט אוים אקוראט וויא א מענש זאל אנשטאט געהן מיט דיא פים געהן אויפ'ן קאפ...

און ווען מען פלעגט איהם זאגען: סטייטש, בארים מאאיסעאיוויטש, ווען דו אליין לעזט א זאלא, אדער א טורגעניעוו אדער א טאלסטאי — גיסטו דאך אליין צו, אז אין זייערע ווערקע שפיעגעלט זיך אפ דאס לעבען, היינט וויא אזוי קענסטו זאגען, אז גוטע בעלעטריסטיק איז ליעגען!?

— דוא פערשטעהסט מיך ניט — פלעגט ער ענטפערן — איך רייד ניט וועגען דעם אינהאלט פון דיא ווערקע, נור וועגען זייער פארמע. דיא פארמע, זאג איך, פון בעלעטריסטיק איז א ליגנערישע. ווארום ערנסט גערייגקט, צו וואס דארף למשל א טאלסטאי אנשרייבען א'ן אננא קארעגינא אין אזוי פיעל בענדער? ממה נפשך, עקזיסטירט אננא אין לעבען און פערליעבט זיך אין וואלכאווסקאי, שרייבט מען אן, אז אזא און אזא זאך האט פאסירט אדער קען פאסירען אין לעבען און דאן פארנעהמט דיא גאנצע מעשה צוויי בלעטלאך אין גאנצען, און עס שפארט איין פיעל ארבייט אי דעם שרייבער אי דעם זעצער! וואס דען, וועט איהר זאגען, אז דארטען איז פסיכאלאגיע און דארום מוז פארנעהמען אזוי פיעל פלאץ דיא האנדלונג — נו, אויב אזוי אפילו, קען מען עס מאכען גאנץ קורץ, שרייבענדיג פשוט, אז א מאן אדער א פרוי ביי אזעלכע און אזעלכע אומשטענדען, מאכט אזא האוואיע אדער קען קלערען אזוי. למשל, ווען א מיידעל איז נערוועז און שטעכט זיך איין א פינגער מיט א נאדעל, זאל זיא זיך דערמאנען אן דעם טוידט.....

און מערקווירדיג! דערזעלבער בארים מאאיסעיעוויטש אדער ברוך'קע, האבענדיג אזא מיינונג איבער דיא שעהנע ליטע־

ראטור, האָט אין דער אמת'ן אין הארצען שטארק ליעב געהאט אי א גוטע ערצעהלונג, אי א גוטע געדיכט. און ווען עס פלעגט זיך איהם טרעפען צו לעזען א גוטע ערצעהלונג אָדער געדיכט, פלעגט ער אפילו כלומר'שט יא אָנהייבען צו פּלוידערען זיין פילאָזאָפיע איבער דער ליגנערשער פאָרמע פון דיא ערציילונגען און דער משוגענער פאָרמע פון געדיכטע, אָבער אין דערזעלבער צייט האָט מען געקענט בעמערקען נאָך זיינע אויגען, נאָך זיין שטימע, אפילו נאָך דיא ארט און ווייזע וויא ער פלעגט אָנפאַלען אויף דיא ליטעראַטור, אז דיא ערציילונג אָדער געדיכט, וואָס ער האָט נור וואָס געלעזען, איז איהם זעהר שטארק געפעלען און האָט געמאַכט אויף איהם א'ן איינדרוק...

אין אַזא צייט האָט מען איהם געקענט צוגלייכען צו יענעם אסקעט (פּרוש), וואָס האָט זיך גענעבען א נדר ניט הנאה צו האָבען פון דעם לעבען און צו מאַטערען זיך אין גלות. דער אסקעט שלאָפט אויף א שטיין צוקאָפּענס, עסט ניט קיין פלייש, טרינקט ניט קיין וויין, טהוט זיך אָן פערשיעדענע יסורים; ווען ער דערהערט א פרייליכע שטימע, לויפט ער אוועק און ווען מען זאָגט איהם, אז דאָס לעבען קען זיין זיס, שמייכעלט ער ביטער איראָניש. פּלוצים פערבלאָנדזשעט דער אסקעט אין א שעהנעם גאָרטען. דאָס לעבען שטראָמט דאָ וויא פון א קוואַל. דיא בוימער בליהען; דיא בלומען דופטען געשמאַק, מחיה'דיג; א שעהנער פאָנטאַן שלאָגט מיט א רעגען ארויף און דער רעגען פינקעלט און בליסצעט אָפּ אין דיא גאָלדענע שטראַהלען פון דער ווארעמער זונן; דיא פייגעלאך שוויסטשערין.... דער אסקעט בלייבט שטעהן מיט אָן אָפענעם מויל, ערשטוינט פון דער שעהנער נאַטור. „מען טאָר ניט הנאה האָבען פון לעבען", מורמעלט ער נעבעך, און אין דער זעלבער צייט אָטהעמט ער אין זיך אריין דיא מחיה'דיגע לופט פון גאָרטען און זיינע אלע אברים פיהלען אַזא חיות... „אנטלויף!" טראַכט ער, און אנשטאָדט צו אַנטלויפען, געהט ער אַלץ ווייטער און טיעפער אין גאָרטען, ביז וואַנען ער פערגעסט זיך אין גאַנצען, אז ער איז א'ן אסקעט...

אזוי פלעגט ברוך'קע אויך מאנכעם מאָל פערגעסען אַז זיין טהעאַריע וועגען ליטעראטור און פלעגט שטארק הנאה האָבען פון א גוטע ערצעהלונג אָדער געדיכט.

אין אַלגעמיין איז ברוך'קע געוועזן א מענש מיט צוויי נאַטורען — איינע א'ן איינגעבאָרענע און דיא צווייטע אַן אויסגעארבייטע, און דיא צוויי נאַטורען האָבען אין איהם אימער געקעמפפט. ווען, למשל, פון דער אויסגעארבייטער נאַטור איז ברוך'קע געוועזן אינטערנאַציאָנאַל, איז ער געוועזן פון דער איינגעבאָרענער נאַטור א נאַציאָנאַליסט. ווען דיא קרעכצען פון דעם רוסישער בויער האָבען געשטאָכען איהם אין הארצען, האָט דער פערשטיקטער שלוכצען פון דעם רוסישען אידען געריסען א סך טיעפער זיין נשמה. ווען דיא אויסגעארבייטע נאַטור זיינע האָט איהם געזאָגט, אַז מענשען זיינען אַלע גלייך און זיי דארפען בעלאַנגען צו איין גרויסע משפחה, וואו עס זאָל ניט זיין קיין מיין און דיין, אָהן אונטערשיעד פון ראַסע און רעליגיאָן — האָט אין דער זעלבער צייט דיא צווייטע נאַטור, וואָס איז געזעסען טיעף ביי איהם אין הארצען, זיך געפרייט מיט א אידישע, נאַציאָנאַלע בעוועגונג, וואָס איז דאַן שטארק אָנגעגאַנגען אין אונזער שטאָדט וועגען א'ן אידישע מלוכה פאר זיך.... און דיא צוויי נאַטורען האָבען אין איהם אימער געקעמפפט, אָבער דיא אויסגעארבייטע נאַטור פלעגט אַלע מאָל ארויס דיא זיגערין.

איין מאָל בין איך אין א זומער אָבענד אוועק צו ברוך'קען אויפ'ן קוואַטיר. מאריא איוואַנאָוונאַ — א פרוי פון א יאָהר פערציג מיט נאָך א גאַנץ יונגען, פרישען פנים און מיט שווארצע, גוטע אויגען, אין א שווארצע קלייד און ווייסען פארטוך — איז געשטאַנען אין פאַרהויז מיט איהר אַכצעהן־יעהריגע טאָכטער קאַטיא — א שעהנע, שלאַנקע בלאָנדינקע, מיט בלויע אויגען, מיט א לאַנגען העל־בלאָנדען צאָפּ ביז דער טאַליע און אין א ווייסער קלייד — און האָבען גערעדט מיט איין אונבעקאַנטען יונגען מאַן.

— באָרים מאַאיסעיעוויטש איז יעצט אין זיין צימער. זיין מוטער איז ביי איהם, האָט מיר געזאָגט מאַריא איוואַנאָוונאַ מיט אַ פריינדליכען שמייכעל.

ער איז געזעסען אויף אַ זאָפאַ, דיא פיס פעררייסען אויף אַ שטוהל, אָנגעטאָהן אין זיין קליין רוסישער העמדעל און אָהן אַ היטעל אויפ׳ן קאָפּ. זיין מוטער איז געזעסען נעבען איהם, האָט איהם נעקוקט גלייך אין דיא אויגען, אזוי וויא זיא וואָלט זיך בעטען ביי איהם עפּעס.

— בּראַוואָ! — האָט ער אויסגעשריען, ווען ער האָט מיך דערזעהען — גוט, וואָס דו ביזט געקומען, איך האָב נאָר וואָס געוואָלט געהען צו דיר...

איך האָב איהם געגעבען דיא האנד און האָב זיך געזעצט אויף אַ שטוהל נעבען טיש.

— ברוך׳קע, האָט ארויסגערעדט זיין מוטער מיט אַ ציטערענדיגע שטימע, קוקענדיג איהם אַלץ גלייך אין דיא אויגען.— זוהנעלע, קינדושע, האָב רחמנות, פאָלג דיין מאַמען.

ברוך׳קע האָט אַ שאָקעל געטהאָן מיט׳ן קאָפּ.

— אונמעגליך, מאַמינקע, אונמעגליך.

—וואָס איז, זוהנעלע, איז דיר דאָ בעסער? וועט דיר פעהלען עפּעס ביי מיר? אַלעס, מיין קינד, וועסטו קענען טהאָן אין דער היים, מיר וועלען דיר ניט שטערען; לאָזען נור לייט ניט ריידען....

— אַך, מאַמינקע, לייט... וואָס אַרט דיך פיר לייט? איך שפּיי אויף דיא דומקעפּ, און באַסטאַ!

— דוא שפּייסט, אָבער וויא איז דיין טאַטען און מאַמען? ברוך׳קע, קינד מיינער — זיא האָט גענומען כליפּען — האָב דאָך רחמנות אויף דיין מאַמען... איך האָב דאָך דיר קיין שלעכטס ניט געטהאָן. ניין, ברוך׳קע? זיא האָט אַ קוק געטהאָן אויף איהם מיט אויגען, פערצויגען מיט טרעהרען — נו, דו ביזט אַ קלוגער, אַ געבילדעטער, אַ געראָטענער קינד, זיי־זשע אויך אַ גוטער און האָב רחמנות אויף דיינע עלטערן.

ברוך׳קען האָבען דיא מוטער׳ס טרעהרען גריסען פאַר׳ן הארצען; ער איז אויפגעשפרונגען פון אָרט, האָט גענומען געהן איבער׳ן צימער הין און צוריק, מאַכענדיג מיט דיא הענד פער־צווייפעלטע בעוועגונגען און רייבענדיג זיך דעם שטערן.

— אז איך קען ניט, אז איך קען ניט — האָט ער ארויס־גערעדט פערשטיקט — איך וועל ניט קענען הויזען מיט׳ן טאַטען און דערצו מוז איך וואוינען אויף מיין אייגענער קוואַטיר, יעצט אודאי ניט, יעצט טאָר איך ניט פשוט וואוינען מיט אייך.... מאַ־מינקע — ער איז צוגעגאַנגען צו זיין מוטער, וואָס האָט געוויינט און האָט איהר ארומגענומען. — מאַמינקע, דוא ווייסט דאָך, אז איך האָב דיך ליעב... וויין ניט... דיא שטימע האָט ביי איהם א ציטער געטהאָן און ער האָט זיינע ליפען צוגעפרעסט צו איהרע. — זיי רוהיג, איך וועל קומען נאָך צו אייך, נור עס מוז געדויערען, האָט ער גערעדט שטיל, פערשטיקט, דריקענדיג זיין פנים צו דער מוטערס.

ווען זיין מוטער איז אוועק, איז ברוך׳קע געווען שטאַרק אויפגערעגט, איז ארומגעגאַנגען איבער׳׳ן צימער פערטראַכט און האָט זיך געריבען דעם שטערן, וועהרענד איך האָב זיך גע־נומען צו בלעטערען א נומער „וואָסכאָד“.

— און מיר ווילען זיין העלדען! — האָט ער זיך פּלוצים אָפּגעשטעלט און האָט ארויסגערעדט מיט הארץ. — און מיר ווילען א וועלט איבערמאַכען, ווען דיא טרעהרען פון א פרוי קען מאַכען פון דיר א שמאַטע!... נאַרישקייטען! האָט ער וויא פאַר זיך אויסגערעדט — מען דאַרף ניט זיין קיין באַבע... ווייסטו — האָט ער זיך פּלוצים געווענדעט צו מיר — אז איך לייד שטאַרק, ווען זיא הויבט מיך אָן צו בעטען.... שטאַרק, יע, זעהר שטאַרק און מאַנכעס מאָל... עה, לאָז זיין גענוג... קינדערש, דאָס איז קינדערש און באַסטאַ! וואָס לעזטו דאַרטען?—ער איז צוגעגאַנגען און האָט א קוק געטהאָן — אָה, א ליעדעל... פרוג׳ס א ליעדעל.... אי, נאַרישע, קעלבערנע נשמה דיינע, גוט אַ? דוא וועסט עס שוין באַלד אָנהויבען צו ליבען. נאַרישער מענש, קיין אַנדערע וויב־

טיגערע זאך קענסטו שוין ניט קריגען, וויא נור צו לעזען „וואס־כאד" און דיא משוגענע קלאג־מוטער.

— שא! האב איך איהם אונטערבראכען — ער האט זיך שוין פאנאנדער גערעדט; לעז איבער און נאכהער וועסטו רייז־דען. דוא ווייסט דאך, אז דיא רוסישע קריטיק האט געמאכט פרוג'ן א פארוואורף, ווארום ער בעקלאגט נור ציון. אט דא ענטפערט ער אויף דעם מיט א געדיכט. לעז אדרבה.

— וואס זאל איך דארטען לעזען? דוא ווייסט דאך מיין מיינונג איבער פאעזיע אין אלגעמיין.

— אדרבה לעז איבער דעם געדיכט „ניע אופרעקאי מעניא."

ער האט גענומען לעזען. ווען ער האט געענדיגט, האט ער געזאגט: — נו, וואס איז דארטען? א קרעכץ, א זיפץ; א איד איז ער.... דערפאר בעוויינט ער.. ווארט, וויא איז דארטען?... „אין דער פאמיליע פון שקלאפען, ביי א שטיפמוטער" — עס איז גוט געשריעבען, אבער וואס איז דארטען? האט ער גערעדט, און אין דער זעלבער צייט האט מען געקענט זעהן, אז דיא ליעדעל האט אויף איהם געמאכט איין איינדרוק.

— ווייסטו וואס? — האט ער פלוצים זיך געווענדעט צו מיר — איך דארף מיט דיר ריידען וועגען א וויכטיגער זאך — ער האט אנגעהויבען צו ריידען שטילער. — איך האב דיר איי־ניגע מאל דערציילט פון איוואנאוו'ן. היינט איז ער ביי מיר געוועזן. ער וויל, איך זאל מיט איהם א פאהר טהאן אין דארף..... דיא בויערן זיינען אין איהם שוין איינגעגלויבט און מען וועט קענען עפעס אויפטאן. הא, באטיושקא, דאס איז א וויכטיגע ארבייט? נור אט וואס: דוא וועסט דערווייל געהן אויף מיינע שטונדען; מען קען זיי ניט פערליערען, ביזטו צו־פריעדען

— יע.

— איך וואלט געבעטען קאטיא'ן, נור ווען זיא וואלט געגאנ־גען אויף מיינע שטונדען, וואלט געווארען א ריידעריי און דאן איז א רחמנות אויף מיין אלטינקע, ניט אמת, א?

— געווים.

אין דער צייט איז אריין קאטיא אין צימער.

ברוך׳קע איז צו איהר צוגעלאפען, האט זיא א כאפּ געטהאן ארום טאליע און האט זיך מיט איהר גענומען דרייהען, שרייענדיג: „צו דער ארבייט, קאטיא, מארגען צו דער ארבייט!

קאטיא האט קוים אבגעכאפּט דעם אטהעם, איז געווארען רויט און האט געשריען: „בארים מאאיסעייעוויטש, משוגענער, כא, כא, לאזט מיך, כא, כא!“

ווען ער האט זיא אפּגעלאזען, האט זיא צורעכט געמאכט דיא שעהנע האר, וואס האבען זיך צושאטען ביי איהר איבער׳ן שטערן און איבער דיא אויגען, האט זיך געזעצט אויפ׳ן זאפע און האט א קוק געטהאן פאר׳גנב׳עט אויף ברוך׳קען, וואס איז שוין געשטאנען אויף דעם אנדערען זייט צימער, איינפּאקענדיג אין א טשעמאדאן פערשיעדענע ביכער.

— בארים מאאיסעיעוויטש — האט זיא א פרעג געטהאן מיט א ווייכער שטימע, וואס האט געקלונגען אזוי וויא טרויעריג. — איהר פאהרט טאקע מארגען?

— געווים.

זיא האט געשוויגען און האט אראפּגעלאזען דיא אויגען.

— און איהר האט גאר קיין מורא ניט? — האט זיא געפרעגט אין א ווייל׳ע ארום.

— ווען איך וואלט מורא האבען, וואלט איך ניט געפאהרען. קאטיא, האלט איהר מיך פאר אזא פּייגלינג, קאטיא?

— אח ניין, בעהיטע גאט.... אבער.... בארים מאאיסעיעוויטש, האט זיא פלוצים ארויסגערעדט, ווארום פאטאגראפירט איהר זיך ניט? איך וואלט וועלען האבען אייער קארטע.

ביי דער פראגע איז קאטיא צומישט געווארען. זיא איז געווארען רויט, האט א קוק געטהאן אויף מיר, ארום זיך, האט ארונטערגעלאזען דיא אויגען און האט עפּעס אויסגעמורמעלט: נאכהער האט זיא זיך געווענדעט צו ברוך׳קען:

— באָרים מאַאיסעיעוויטש, וועט איהר טרינקען טהעע?
— יע, קאַטיא.
— וועל איך געהן ברייננגען.

ווען זיא איז ארויס, האָט ברוך׳קע צו מיר געזאָגט: „אַ וואוילע מיידעל, אַה? מיט איהר איז מיר אימער פריילאַך.“

— מיר דאַכט זיך, אז זיא איז צו דיר אויך ניט גלייכגילטיג, האָב איך איהם בעמערקט.

— הום, הום... האָט ער ארויסגעשטאַמעלט — נאַרעשקייטען!...

פלוצים האָט ער מיך אָנגעכאַפּט פאר׳ן אַקסעל און האָט אויסגעשריען מיט וועהטאָג און מיט טרעהרען אין דער שטימע:

— יאַ, יאַ, זיא ליעבט מיך און איך ליעב זיא אויך... און דאָך... ווען איך זאָל מיט איהר הייראַטהען, וואָלט איך געוואָרען אַ מערדער... מיין פאטער וואָלט איך ערמאָרדעט, מיין אַלטע מוטער... אַך, דאָס לעבען איז אַזאַ גרויסער פּאַדליעץ!...

ער האָט אָפּגעקעהרט דעם קאָפּ, אום צו פערבאָרגען דיא טרעהרען....

* * *

אויפ׳ן דריטען טאָג, גייענדיג אויף ברוך׳קעס אַ׳ן אוראָק, האָב איך פּלוצים בעמערקט אַ געלאָף אין גאַס. מענער, פרויען און קינדער זיינען געלאָפען אין איין זייט, צום שאָסע־צו. איך האָב אויך גענומען לויפען אין יענע זייט, פון וואַנען עס איז געפאָהרען אַ בויערישער וועגעל, געשפּאַנט מיט צוויי פערד. איך האָב אַ קוק געטהאָן און מיר איז פינסטער געוואָרען אין דיא אויגען: אין וועגעל זיינען געלעגען געבונדען ברוך׳קע און זיין חבר איוואַנאָוו. פון פאָרענט זיינען געזעסען צוויי אוראַדניקעס, פון הינטען— דריי בויערען. דער וואָגען האָט זיך געטרייסעלט אויף דיא הארטע שטיינער, ברוך׳קעס קאָפּ האָט זיך געקלאַפּט אָן וואָגען. אַ ברעג פון זיין קליין־רוסישער העמדעל, וואָס האָט זיך ארויסגעזעהען פון אַ שפּאַלט פון וואָגען, איז געווען פערפלעקט אין בלוט... איך בין געלאָפען אויף זיין קווארטיר — דאָר־

טען האָט מען שוין פון דעם געוואוסט, און מאַריא איוואַנאָוונאַ האָט געראַמט דיא פּאַפּירען פון זיין צימער. קאַטיא איז געלעגען אין זיין צימער מיט'ן פּנים איינגעגראָבען אין זאָפע און האָט גע־שוויגען. ווען מאַריא איוואַנאָוונאַ האָט מיך דערזעהען, האָט זיא מיך שנעל ארויסגעשטופּט: „איהר טאָרט דאָ ניט זיין", האָט זיא ארויסגעשעפּצעט.

ווען איך בין אָבגעגאַנגען עטליכע טריט פון שטוב, האָב איך פון וויטען דערזעהען לויפענדיג עטלען, ברוך'קעס מוטער, מיט פערבראָכענע הענד אויפ'ן קאָפּ. נאָך איהר איז געלאָפען ר' משה אליין. זיי זיינען געלאָפען צו ברוך'קען אויפ'ן קווארטיר....

קארל מארקס.

(אויס דער ארבייטער בעוועגונג צווישען אידען אין ניו יארק).

דזשעק דער קלאוקמאכער, אדער „קארל מארקס“, וויא ער איז מעהר בעקאנט צווישען זיינע בעקאנטע ארבייטער פאר זיין איבערגעבענהייט צו דער סאציאליסטישער בעוועגונג — איז פערצווייפעלט. א קאטאוועס, עס איז מעגליך, אז דער סטרייק זאל פערלארען געהן.... אכט וואכען געסטרייקט, אכט וואכען געקעמפפט פארן „יוניאן פרינציפ“ און יעצט זאלען קנור און דיא איבעריגע „סקעבישע נשמות“ זיין דיא זיעגער, דיא חכמים?!... און וואס וועט נאך יענער, זיין ברודער דער פאבריקאנט, מיסטער כליעבנעצקי, ביי וועמען מע סטרייקט, יעצט זאגען?!.. .

ער דערמאנט זיך אן דיא סצענקע, וואס איז פארגעקומען צווישען איהם און זיין ברודער מיסטער כליעבניצקי, ווען ער, דזשעק, מיט נאך עטליכע „הענד“ פונ׳ם שאפ זיינען ארונטערגעגאנגען צו מיסטער כליעבניצקי׳ן אין אפיס און האבען געפאדערט, אז דער לעצטער זאל אנערקענען דיא יוניאן....

„דזשעק — האט איהם דאן מיסטער כליעבניצקי געזאגט — „דזשעק, דוא פערדיענסט, מע זאל דיך ארונטערווארפען פון אלע טרעפ... נור ווייל דוא ביזט מיין לייבליכער ברודער, יו נאו, ראטה איך דיר, וויא א ברודער: ווארף אוועק אט דיא אלע נארישע ביזנעס... גענוג געוועזען א משוגענער קארל מארקס... יונען — שמונען!... משוגענער, דוא האסט דאך א ווייב מיט קינדער... האב בעסער אין זינען זיי אנשטאט דעם „יונען“... אז ניט וועסטו ליגען אין דר׳ערד מיט דער יונען צוזאמען!“...

— רייד צו מיר ניט, וויא צו דיינעם א ברודער — האט איהם דזשעק דאן געענטפערט, רייד צו מיר, וויא צו דיינער א „האנד“... ווילסטו אנערקענען דיא „האנד“ אלס „יוניאן־האנד“ צו זיין?

— ניין, ניין, ניין!

— דאן סטרייקען מיר — האט ערקלערט דזשעק אינ׳ם נאמען פון דיא איבעריגע „הענד,“ וואס זיינען דערביי אנוועזענד געווען אלס קאמיטע צו מיסטער כליעבניצקי.

— געזונדערהייט — האט מיסטער כליעבניצקי גענומען שרייען אויפגערעגט — „געזונדערהייט! דוא וועסט אבער פגר׳ן פון הונגער, דזשעק, וויא א הונד וועסטו פגר׳ן!... פאר דיר הארט מיך ניט... אבער פאר דיין ווייב און קינדער — דוא ווייסט גאנץ גוט, אז מע קען דיך אין אלע שעפער, משוגענער דוא!... אז דיר איז שווער צו קריעגען א דזשאב... נור פאר דיין ווייב און קינדער הארט מיך.... א רחמנות אויף זיי!. ..

— איך וויים, אז דוא האסט א ווייך, גוט הארץ — האט איהם דזשעק דאן געענטפערט מיט ביטערניש אין קול: „אז נור אוים רחמנות צו מיין ווייב און קינדער ווילסטו ניט וועלען, מע זאל ביי דיר סטרייקען!... נו, און וואס איז עפעס מכח דיא ווייבער און קינדער פון דיא איבעריגע „הענד“ אין דיין שאפ? זיי קענען דאך אויך הונגערען? הא, זיי זיינען דיר פרעמדע, און דוא האסט נור רחמנות אויף דיין ברודערס ווייב, אויף דיין ברודערס קינדער! וויא גליקליך איך דארף זיין, אז איך האב אזא ברודער מיט אזוי פיעל רחמנות צו מיין ווייב און קינדער!...

— ווער האט עס אייך אויפגעטהאן צו מאכען מיין שאפ פאר א יוניאן־שאפ, הא? האט זיך מיסטער כליעבניצקי דאן געוועגדעט מיט כעס צו דיא איבעריגע „הענד“ פון קאמיטעט.

— איך! האט געענטפערט דזשעק.

— דוא? יא, איך האב פערשטאנען, אז דאס איז דיין קאפ!... בעצאהלסט מיר, הא? ווייל איך האב דיר אריינגענומען אין מיין שאפ אין דער צייט, ווען קיינער האט דיך, אזא

משוגענעם קארל מארקס, ניט געוואָלט אָננעהמען צו ארבייטען? ווייל איך האָב דיר ניט געלאָזט פערהונגערן, דיך און דיין ווייב און קינדער? ווייל איך האָב דיר און דיין טאָכטער ראָזען געגעבען דיא בעסטע ארבייט? אוואו איז ראָזא? — האָט מיסטער בליעב־ניצקי פּלוצים גענומען שרייען און לויפען אויפגערעגט איבער זיין אָפיס — רופט מיר ארונטער אהער ראָזא׳ן!

ראָזא איז ארונטערגעקומען, זיין ליעבע, טהייערע טאָכטער, מיט דיא עהרליכע, גוטע טויבען־אויגען. מיסטער בליעבניצקי האָט זיך דאן געווענדעט צו איהר:

— ראָזא, ביסטו צופריעדען מיט דער ארבייט אין מיין שאָפּ?

ראָזא קוקט אָן איהר אָנקעל דעם פאַבריקאַנט מיט איהרע עהרליכע אויגען פערוואונדערט און שוויגט.

— קריעגסטו ביי מיר שלעכטע ארבייט? בייזערט זיך שוין אויף איהר מיסטער בליעבניצקי — אין אנאנדער שאָפּ האָסטו א מאָל געהאט בעסערע ארבייט? ענטפער! וואָס שווייגסטו? דארפסט האָבען, אז מיין שאָפּ זאָל זיין א יונען שאָפּ? דארף עס דיין טאטע האָבען? דארפען עס זיי אלע האָבען, אָט זיי אלע?

ער ווייזט מיט׳ן האנד אויף דיא איבעריגע פון קאָמיטעט און דאן ארויף, אויבען, פון וואנען עס טראָגט זיך א זשוזשען פון מאשינען...

— שור — ענטפערט שטיל ראָזא — שור, ארבייטער מו־זען בעלאנגען צו א יוניאָן!

— זיי מוזען?! — שרייט מיסטער בליעבניצקי — זיי מוזען?! הא, דוא אויך? ווער האָט עס דיר געזאָגט — דיין טאטע, געוועזער מיינד! באָט אָלל רייט! אָלל רייט! איהר דענקט, איך האָב מורא פאר אייערע „יונענס?“ איך האָב ניט מורא, איך שרעק זיך ניט פאר קיין „יונעס“!....

— הייגט וואָס שרייט איהר, אז איהר האָט ניט מורא פאר קיין יוניאָן? — מאכט שטיל ראָזא און קוקט איהר אָנקעל

גלייך אין פנים מיט איהרע עהרליכע אויגען — אז איהר האָט ניט מורא, טאָ גיט נאָך אונזער פאָרדערונג און אנערקענט אייער שאפּ אַלס א יוניאָן־שאפּ!...

— דאָס וועט דיין טאַטע ביי מיר ניט דערלעבען! — שרייט מיסטער בליעבניצקי — גוט, גוט, סטרייקט, סטרייקט, איהר וועט אָבער קומען צוריק זיך בעטען! דזשעק, נעהם צו דיין טאָכטער און געה, געה גלייך! איך האָב פאר דיר קיין ארבייט ניט! געה צום שווארצען יאָהר, הונגער, פּגר... אזא ברודער וויא דוא ביזט צו מיר וועל איך צו דיר זיין!... ניין, ניין, ראָזא, דוא בלייב מיט מיר א ווילע! אויף דיר האָב איך רחמנות... דוא ביזט א קינד, פערפיהרט פון דיין משוגענעם טאַטען... איך וויל דיר אויפקלערען, געבען פערשטעהען...

דזשעק לאַכט, ראָזא שמייכעלט.

— אונז איז שוין גענוג, אז מיר ארבייטען פאר אייך — ענטפערט ראָזא מיט א שמייכעל, — אויפקלערען וועלען מיר זיך שוין אליין אָהן אייער הילף!

דזשעק האָט גרויס פערגעניגען פון דיזען ענטפער פון זיין טאָכטער ראָזא, קושט זיא און לאַכט, און שרייט אויס מיט שטאָלץ: „דוא דארפסט זיא שוין ניט אויפקלערען. זיא איז שוין ביי מיר אויפגעקלערט. זיא פערשטעהט שוין דיא אינטערעסען פון איהר קלאַס, ניש־קשה! כא־כא־כא!... איבעררייידען וויל ער זיא, איבעררייידען מיין ראָזא'ן, „אויפקלעהרען" זיא, געטראָפען דעם אָרט!"...

און אז ער דערמאָהנט זיך אויף דיזע סצענע, פיהלט זיך נאָך יעצט אויך דזשעק שטאָלץ פאר זיך און פאר זיין טאָכטער ראָזא'ן: ער און זיין טאָכטער האָבען געוויזען א ביישפּיעל פאר דער וועלט ,אז אין ארבייטער־קאמפּף זיינען דיא אינטערעסען פונ'ם קלאַסען־ברודער הייליגער וויא דיא אינטערעסען פונ'ם לייבליכען ברודער...

באלד אָבער דערמאָהנט ער זיך, אז פיעלע פון דיא סטרייקער האָבען פערלאָרען דיא האָפנונג צו געווינען דעם סטרייק;

אז מאנכע פון זיי, וויא זיין פערביסענער געגנער, דער קלאָוק־מאכער זשאָ קנור, וועלכער איז פון אָנפאנג פערבליעבען סקעבען און וועמען דיא ארבייטער האָבען דאן מיט געוואלד געצוואונגען צו סטרייקען, — אז אזעלכע „סקעבישע נשמות“ — וויא דזשעק האָט זיי גערופען — האָבען עפענטליך גענומען אגיטירען, אז דיא סטרייקער זאָלען געהען צוריק ארבייטען אויף דיא אַלטע קאָנדיציאָנען — און ער, דזשעק, פיהלט זיך ווידער פערצווייפעלט. —

— זיי וועלען דאן זיין דיא חכמים — זיי, דיא סקעבס, דיא קנורס — טראכט ער מיט כעס — דער „יוניאָן־פרינציפּ“ וועט קריגען א ביטערען קלאפּ... מיין ברודער, דער בלוטזויגער, וועט דאן בלייבען גערעכט... מען איז טאקי געקומען זיך בעטען צו איהם צוריק!... מען טאָר עס ניט דערלאָזען, מע טאָר ניט! מע מוז דיא ארבייטער ווידער אויפמונטערען צום קאמפּף.

ער נעהמט אריין דעם קאָפּ אין זיינע ביידע הענד, שפּארט זיך אָן מיט דיא עלענבויגענס אָן טיש אזוי, אז דער טיש קרעכצט, און טראכט, וואָס צו טהאָן, אום דיא ארבייטער ווידער אויפצומונטערען צום קאמפּף...

דזשעק איז א שטארק געבויעטער איד, מיט א קליין, רונד געשאָרען, שווארץ בערדיל, א יאָהר פערציג אלט, א הויכער, מיט ברייטע פּלייצעס, מיט א ברייטען, פליישיגען פּנים און מיט קליינע אויגען פון אן אונבעשטימטער פארב. ווען ער איז גוט אויפגעלעגט, דאן קוקט אויס זיין פּנים גוטמוטהיג, פריינדליך און זיינע אויגען בלישצען דאן, וויא ביי א פריינדליך קינד; ווען ער איז אויפגערעגט, ווען ער איז בייז, קוקט אויס זיין פּנים וויא א וואָלקען, און זיינע קליינע אויגען ווערען דאן שארפע, שטעכעדיגע, מיט א בייזען פייערל, וויא ביי א צורייצטען וואָלף...

דיא, וואָס קענען איהם גוט, ווייסען, אז ער איז זעהר א שטארקער מאן, כאָטש זעלטען ווער האָט איהם געזעהען זיך א מאָל שלאָגען. אז ער פלעגט ווערען שטארק אין כעס, ווען אין זיינע קליינע אויגען פלעגט זיך אָנצינדען א ווילדער פייערל

און איבער זיין פנים פלעגט זיך צושפרייטען א פינסטערער וואָלקען, פלעגט ער אָדער ארייכאַפּען זיינע פינגער אין מויל און נעהמען זיי בייסען, אָדער ער פלעגט נעהמען קלאַפּען אָן טיש אזוי לאנג, מיט א צוקרימטען פנים פון אויפרעגונג, ביז ער פלעגט זיך בערוהיגען. געוועהנליך, איז שווער געווען ארייגצוברענגען איהם אין אזא כעס, ווייל ער האָט זיך אימער געסטאַרעט צו בעהערשען. אין אזאַ כעס האָט איהם געקענט ארייגברענגען נור אַן עקסטרא צופאַל, וויא למשל: אז אַ פּראָמינענטער סאָציאַליסט, פון וועלכען איבערהויפּט ער האָט אַליין געהאַלטען, איז אַ מאָל געוואָרען אַ „פעררעטהער צו דיא פרינציפּען פון דעם אמת'ען סאָציאַליזמוס" — וויא ער האָט זיך אויסגעדריקט... אָדער, ווען אימיצער פלעגט זאָגען, אַז קאַרל מאַרקס האָט געהאַט אַ טעות אין גאַנצען... (פאַר זיין אָננעהמען זיך פאַר קאַרל מאַרקס האָט ער אייגענטליך געקראָגען דעם נאָמען „קאַרל מאַרקס") אָדער, אז זיין פרוי פלעגט א מאָל דערלאַנגען צום טיש ברויט אָהן אַ יוניאָן לייבעל...

עס איז ארום צעהן אין דער פריה, אין אַ זומער־טאָג. ביי איהם אין שטוב, אויפ'ן צווייטען שטאָק פון אַ טענעמענט־הויז, אין נאָרפאָלק סטריט, איז האַלב דונקעל. דיא פענסטער זיינען פערשטעלט פון א גרויער וואַנד פון אַ צווייטער טענע־מענט־הויז.

אויף די וואנד הייגען פערשיעדענע בילדער: א גרויסעם בילד פון קאַרל מאַרקס אין אַ בראָנזענעם ראַהם, אַ עטוואָס קלע־נערעם בילד פון לאַסאַל אין אַ הילצערנע ראַהם; דאָן א פּאָר קאַמפּיין־בילדער פון סאָציאַליסטישע קאַנדידאַטען אָהן שום ראהמען און דאָן עפּעס אַ בילד, וואָס מיינט הפנים מיט זיך פאָרצושטעלען דיא „רעוואָלוציאָן" און אפשר אַ געוועהנליכע שרפה. דען דאָס בילד שטעלט פאָר א גרויסען רויטען פלעק.....

אין שטוב איז שטיל. זיין ווייב יענטע איז אוועק ערגעץ אין סטריט. זיין טאָכטער ראָזאַ איז אַוועק אין לאָקאַל צו דיא

סטרייקער. דיא אנדערע צוויי קינדער, בעני, צעהן יאהר אלט, און ענני, ניין יאהר אלט, שפיעלען זיך מסתמא אויפ'ן סטריט.

דזשעק הייבט זיך אויף פון ארט, נעהמט געהן אויפגעד רעגט איבער'ן צימער, רייבט זיך נערוועז דעם שטערן מיט'ן האנד, שציפּלעט מיט דיא פינגער דיא בערדעל און טראכט: „וואס טהוט מען? מע מוז זיי ווארעמען... וואו נעהמט מען א גוטען רעדנער?"

ער בלייבט שטעהען געגען לאסאל'ס בילד, קוקט אויף איהם און קוקט, שציפּלעט זיין בערדיל און קוקט: „אט, אז איך וואלט איהם יעצט געהאט, אט איהם, איהם דארף איך יעצט, נור איהם!"... דאן פאלען זיינע אויגען אויף דאס בילד פון קארל מארקס נעבען לאסאל'ס און ער שעפּצעט: „און ער? ער וואלט זיי ניט געקענט ווארעמען, וואס?... עט! (ער טהוט א מאך מיט'ן האנד) ער וואלט זיך ניט פערנומען מיט אזוינע קלייניגקייטען... ער, אזא גרויסער מאן, דארף זיך פערנעהמען מיט דער גאנצער וועלט, מיט דעם פּראלעטאריאט פון אלע לענדער און ניט מיט איין קליינעם טהייל פון דיא ארבייטער!" „ארבייטער פון אלע לענדער פעראייניגט אייך!" שעפּצעט דזשעק, דאן טהוט ער א שווערען זיפץ און דאן א שטארקען שפּיי: „טפוי, א כאלעריע אויף זיי, אויף דיא סקעבס, אויף דיא באנדיטען, אויף דיא קנורס!"

אין דיעזער צייט לויפט אריין ראזא אין שטוב. זיא איז א שלאנקע יונגע מיידעל, מיט בלאנדע געקרויזטע האר, מיט א ליעבליכען, פרישען, רונדען און ווייסען פנים, מיט א פּער־ריסען נעזעל, מיט א שעהן מויל, מיט פולע, ראזעווע ליפּען און מיט גרויסע, ערנסטע בלויע אויגען, אין וועלכע עס טונקט זיך אפּ א גאנצער הימעל.

— אוי, וויא דא שטיקט! — רעדט זיא ארויס, וויא פאר זיך, קנייטשט איהר ווייסען שטערענדיל,ווארפט זיך פערמאַ־טערט אויף א שטוהל און נעהמט אראפּ פונ'ם קאפּ דיא ווייסע „ייטרויענע העטקע.

— נו, ראַזאַ, וואָס הערט זיך עפּעס דאָרט? — פרעגט דזשעק מיט אימפּעט.

— איך האָב מורא, אז דער סטרייק איז פערלאָרען. פּיעלע האַלטען יעצט מיט קנור'ן, אז מען דאַרף ערקלעהרען דעם סטרייק פערלאָרען און געהן צוריק ארבייטען.... אוי, פּאַפּאַ—מאַכט ראַזאַ מיט וועהטאָג — קנור האָט אזוי אויפגעהעצט דיא ארבייטער געגען דיר... זיי שילטען דיך, זיי זידלען דיך, זיי שרייען, אז דוא האָסט זיי פערפיהרט!...

— איך האָב זיי פערפיהרט? פערפיהרט? כאַ־כאַ־כאַ! — צולאַכט ער זיך מיט זיין באַס־שטימע — דיא פינסטערע מוחות, פערפיהרט האָב איך זיי!... גוט, גוט! ראַזאַ, טאָכטער מיינע, מאַכט ער צו איהר, וויא מיט געבעט — מע טאָר ניט דערלאָזען, אז מע זאָל קוקען אויף דיא עהרליכע ארבייטער, וויא אויף פער־פיהרער. מע מוז ווידער אויפמונטערען דיא ארבייטער צו סטרייקען... נאָך א וואָך צייט, אז מיר זעצען פאָרט דעם סטרייק, זיעגען מיר, דוא פערשטעהסט: מ י ר און ניט דיא קנורס, ניט דיא סקעבס און ניט דיא בלוטזויגערס... זעץ זיך ביים טיש. מע מוז שרייבען א ווארימען אויפרוף אין דער צייטונג... אפּע־לירען צו די סטרייקער, צו אַלע עהרליכע ארבייטער... זעץ זיך און שרייב... איך וועל דיר זאָגען וואָס!...

ער נעהמט פון מענטיל־פּיס א טינטער מיט א פעדער און שטעלט עס אויפ'ן טיש.

— האָסטו פּאַפּיער? פרעגט ראַזאַ.

— פּאַפּיער?

ער טאַפּט ארום זיך אין דיא קעשענעס. דאַן שלעפּט ער ארויס פונ'ם בוזים־קעשענע א פּעקעל מיט געדרוקטע צירקו־לאַרס, לייגט עס אויפ'ן טיש.

אָט שרייב אויף דיא צירקולאַרס!... אַלטע צירקולאַרס, פערבליעבען נאָך פונ'ם קאַמפּיין... שרייב!...

זיא זעצט זיך ביים טיש, נעהמט דיא פעדער אין האַנד און וואַרט, אז ער זאָל איהר זאָגען, וואָס צו שרייבען.

— שרייב: „ארבייטער... אן אויפרוף צו דיא ארבייטער... איהר זייט בלינד... איהר זייט פינסטערע מוחות... ווייסען ווילט איהר ניט... פערשטעהען ווילט איהר ניט.. שעפּסען זייט איהר... עזלען, דומע עזלען..."

ראָזאַ ברעכט אונטער דעם שרייבען, קוקט אָן דזשעק'ן און מאַכט — „עזלען?..." דאָס איז עפּעס וויא געזידעלט!...

— שרייב, שרייב: „עזלען!" — דונערט דזשעק מיט זיין באַס — דער אויפרוף מוז געשריעבען ווערען שטאַרק, מיט פייער! נו, שרייב: „דומע עזלען...."

ראָזאַ שרייבט.

— און וואָס ווייטער? פרעגט זיא.

— ווייטער? ווייטער? (ער נעהמט לויפען איבער'ן שטוב, קראַצט זיך דעם קאָפּ אונטערן ווייסען, שטרויענעם הוט, קנייטשט דעם שטערן) ווייטער?... אוי, — טהוט ער אַ קרעכץ — אז איך וואָלט געקענט ארויסגעבען אַלעס אין ווערטער, וואָס עס בושעוועט ביי מיר אָט דאָ, אָט דאָ! — און ער קלאַפּט זיך אין הארצען, אום צו ווייזען וואו עס בושעוועט ביי איהם — ראָזאַ, מאַכט ער פּלוצים מיט געבעט — קענסטו עפּעס ניט צולייגען צו דעם אויפרוף פון דיין קאָפּ..... דו פערשטעהסט דאָך אויך דיא לאַגע, דעם גאַנצען עלענד פון אונזערע ארבייטער, האַ, טאָכטערקע?....

— ניין, פּאַפּאַ, איך אַליין וויים ניט וואָס צו שרייבען...

— דוא ווייסט ניט? שלעכט! איך וויים יע וואָס צו שרייבען, איך וויים אָבער ניט וויא עס ארויסצוברענגען אויפ'ן פּאַפּיער, ביטער! היינט וואָס טהוט מען? פרעגט ער מיט אַ צוקרימט פּנים פון אָנגעשטרענגטען טראַכטען — ווייסטו וואָס — מאַכט ער דאַן צוטראַגען — דעם אויפרוף ווערען מיר יעצט ניט שרייבען. מיר וועלען לויפען צו גענאָסע שטאָקמאַן און בעטען, אז ער זאָל געהן היינט רעדען צו דיא סטרייקער, זיין רעדע וועט נאָך בעסער אויפמונטערען דיא סטרייקער, וויא אַן אויפרוף. וויא דענקסטו, מיין טאָכטער?

—אויב גענאָסע שטאָקמאַן וועט גהען, איז אודאי בעסער.

—ער וועט געהן, ער וועט מוזען געהן, ווען מע וועט איהם דערצעהלען דיא גאנצע לאגע. ער האָט דאָך ביי אונז נאָך גאָר ניט גערעדט פאר דיא סטרייקער. נור זיינע א רעדע קאָן אונזער סטרייק ווידער אויפלעבען, נור שטאָקמאַן׳ס א רעדע... געה טאַקי גלייך צו איהם, מיין טאָכטער, זאָג איהם, אז איך בעט איהם, אז עס איז זיין פּפליכט צו געהן היינט רעדען צו אונז! ווארט, ווארט, איך וועל בעסער אליין צו איהם לויפען! אוואו איז דיא מאַמע? — פרעגט ער פּלוצים — שוין אַ צוויי שטונדען, אז זיא איז אוועק און זיא איז נאָך ניטאָ צוריק.

— דיא מאַמע האָט געמוזט געהן ערגעץ לייהען א פּאָר דאָלאַר... אויף איהר איז אויך אַ רחמנות... זיא פערשטעהט אונז אפילו ניט... אָבער עסען וויל זיא דאָך... און דער גראָסערער און דער בוטשער ווילען ניט מעהר באָרגען..

דזשעק שווייגט אווײלע, דאַן פרעגט ער:

— צו וועמען איז זיא געגאַנגען לייהען געלד? ווער וועט איהר לייהען?...

—איך ווייס? זיא האָט געזאָגט, זיא וועט פּרובירען געהן צו לאַנדסלייט! זאָגט ראָזא.

אין דיזער צייט דערהערט זיך א קלאַפּ אין טהיר. ראָזא עפענט, און אין שטוב קומט אריין דזשעקס ברודער, מיסטער בליעבניצקי, דער פאַבריקאַנט, ביי וועמען עס געהט אָן דער סטרייק.

דערזעהענדיג איהם, בלייבט ראָזא שטעהן מיט גרויסע, אויסגעגלאָצטע אויגען אויפ׳ן טהיר, וויא פערשטיינערט; דזשעק טרעט אויך אָפּ עטליכע טריט אהינטער צומישט...

2.

מיסטער בליעבניצקי איז אויפ׳ן ערשטען בליק זעהר עהנליך צו דזשעק׳ן: דערזעלבער הויכער וואוקס, דיא זעלבע ברייטע פּלייצעס, דער זעלבער ברייטער פּנים מיט קליינע לעבעדיגע אויגען, נור דיא שווארצע בערדיל איז ביי איהם אנדערש גע־

שאַרען, וויא בײ דזשעק'ן: ניט רונד, נור מיט א שפּיץ... אַז מע קוקט זיך אָבער גוט צו צו איהם און צו דזשעק'ן, בעמערקט מען גלײך, אַז כאָטש זײ זײנען עהנליך אײנער צום אַנדערען, איז דאָך עטוואָס דאָ אין זײער אויסזעהען, אין זײער גאַנצען האַלטען זיך, וואָס אונטערשײדעט זײ שטאַרק אײנעם פון אַנ־דערען. דיעזעס „עטוואָס" איז דיא חתימה, וואָס דיא גאַנץ בע־זונדערע אומשטענדען האָבען אויף זײ ארויפגעלעגט... מיסטער בליעבניצקי איז אָנגעצויגען אין אַ שוואַרצען קאָסטיום, פון אונ־טער וועלכען עס בלישצעט ארויס א ווײס־געפּרעסטע העמד, מיט אַ הויכען שטעהענדיגען קראַגען, טראָגט א צילינדער־הוט אויפ'ן קאָפּ, א גאָלדענע קײטעל אויפ'ן זשילעט און שטעהט זיך בײם טהיר אָנגעשפּאַרט אויף אַ שטעקעל מיט א זילבערנע הענ־טעל — און דאָס אַלעס פּאַסט, דאַכט זיך, צו איהם, וויא עס פּאַסט זיך צו דזשעק'ן דיא אַלטע, געלבזיכטיגע שטרויענע הוט, דיא בילינע ראַזעווע העמדעל מיט דעם אָבגעגלעטען קראַגען און דער ווײסער לײווענדענער רעקעל מיט דעם צוריסענעם אַרבעל אונטער'ן פּאַכווע...

ער נעהמט אַרונטער דעם צילינדער־הוט פון'ם קאָפּ, מיס־טער בליעבניצקי, ווישט איהם אויס מיט אַ ווײסער טיכעל, דאַן ווישט ער זיך אָפּ דעם שוויס פון'ם שטערען און פון'ם נאַקען, אונטערן קראַגען, זעצט זיך אוועק אויף אַ שטוהל ניט ווײט פונ'ם טיש, שטעלט אוועק דעם שטעקעל צווישען דיא קניע, הײנגט אויף איהם אויף דעם צילינדער־הוט, קוקט אויף דזשעק'ן, אויף ראָזא'ן, ארום זיך איבער'ן שטוב, און שווײגט — דאַן זיפצט ער זיך אָב, שאָקעלט מיט'ן קאָפּ און רעדט ארויס:

— אַ שטוב אַ ביסעל... אַ הויז... פּאַרניטשורו!... וועה איז מיר, וועה, וויא לעבט איהר דאָ?! אוי, דזשעק, דזשעק, וואָס טראַכסטו זיך?... וואָס וועט זײן דער סוף פון דיר?...

דזשעק קומט צו זיך, קוקט איהם אָן אויפגערעגט און רעדט ארויס מיט זײן באַס שטימע:

— הער אויס, ביזטו געקומען צו מיר, ווי אַ ברודער, צו ווי אַ באָס? אויב ווי אַ ברודער, צו זעהען, וואָס איך מאַך, וואָס מיין ווייב מאַכט און וואָס מיינע קינדער מאַכען, בעדאַנק איך דיר זעהר שעהן; ביזטו דאָן ביי מיר אַ גאַסט, אַ גוטער גאַסט, און איך ענטפער דיר, אַז מיר זיינען אַלע גאָט צו דאַנ־קען געזונד. אָבער אויב דו ביזט געקומען אַהער, ווי אַ באָס און נאָך מיט אַ גאַנצען וואָגען מוסר, דאָן בעסער, דאָן, דאָן...

ער ענדיגט ניט נעהמט לויפען איבער׳ן צימער און בייסט פון אויפרעגונג זיינע פינגער. ראָזאַ לויפט צו צו איהם, כאַפּט איהם אָן פאַר׳ן אָרעם און רעדט אַרוים מיט אַ וויינען, בעטענ־דען קול:

— פּאַפּאַ, בערוהיג זיך, דער פעטער איז דאָך ביי אונז צו גאַסט!...

— צו גאַסט איז ער ביי אונז, צו גאַסט? דונערט דזשעק— וואָס עפּעס דוקא היינט?... גוט אָבער, גוט... זאָל זיין, אַז ער איז געקומען צו גאַסט! ברוכים הבאים! ברוכים הבאים! רעדט ער מיט אַ שטילערען קול, אָבער מיט ביטערניש — גוט, איך וועל זיין רוהיג... איך וועל איהם רוהיג אויסהערען!

און ער וואַרפט זיך אויף אַ שטוהל אין מיטען שטוב מיט׳ן פּנים צו זיין ברודער, שפּאַרט אָן די הענד אָן די קניע, בויגט זיך אַביסעלע אויס אין פאָראויס, קוקט זיין ברודער גלייך אין פּנים מיט שאַרפע, שטעכעדיגע אויגען און זאָגט מיט איראָניע אין קול:

— נו, וואָס וועסטו מיר עפּעס דערצעהלען גוטעס. מיין ברודער?

— הער אויס — מאַכט מיסטער כליעבניצקי מיט ענט־שלאָסענהייט אין קול, הייבט זיך אויף פון זיין אָרט, לייגט אַוועק דעם שטעקעל מיט דעם צילינדער־הוט אויפ׳ן טיש און טהוט עט־ליכע שריט נעהענטער צו דזשעק׳ן: — הער אויס: היינט וויל איך זיך מיט דיר דורכריידען. היינט!... דזשעק, זיי וויסען, אַז היינט אָדער מאָרגען פאַנג איך אָן ווידער צו אַרבייטען מיט

דיא אַלטע „הענד“ אויף דיא אַלטע קאָנדיציאָנען... דעם „יוניאָן־שאָפּ“ האָב איך זיי שוין ארויסגעשלאָגען פונ'ם קאָפּ!...

— נעווער אין יור לייף! — ברעכט איהם אונטער דזשעק, שפּרינגט אויף פונ'ם אָרט, צולאכט זיך מיט אַ נערוועזען גע־לעכטער און נעהמט לויפען איבער'ן שטוב: — כאַ! כאַ! כאַ! „ארויסגעשלאָגען... איך האָב ארויסגעשלאָגען“... איך?! ווער ביזטו אזוינס, וואָס דוא האָסט ארויסגעשלאָגען פון זייערע קעפּ?!

— דונערט דזשעק מיט זיין שטימע און קלאַפּט מיט'ן האַנד אָן מענטיל־פּיס מיט אַזאַ קראַפט, אַז קאַרל מאַרקס, לאַסאַל און דיא גאַנצע „רעוואָליוציאָן“ טרייסלען זיך און ציטערן פון אויבען אויפ'ן וואַנד: — ווער ביזטו, זאָג: אַ רוסישער קיסר, האַ?! שעפּסעל, שעפּסעל, וואָס פאַר אַ גרויסער חכם דוא ביזט גע־וואָרען דאָ אין אַמעריקאַ! אין דער היים ביזטו געווען, דאַכט זיך, אַזאַ בהמה, פאַר אַ „פּערטעלע“ אויף נאַדאָוועקע ביזטו צו־פריעדען געווען, אַז יעדער זאָל דיר שפּייען אין פּנים, און דאָ...

— דזשעק! — ברעכט איהם אונטער מיסטער כליעבניצקי מיט אַן אויפגערעגטען געשריי, אַ קלאַפּ טהוענדיג מיט'ן פוס, ווערט רויט, וויא אַ בוריק, לויפט צו צום טיש און כאַפּט מיט ציטערענדע הענד פון אויפרעגונג זיין צילינדער־הוט מיט זיין שטעקעל.

— פּאַפּאַ! — לויפט צו צו דזשעק'ן מיט אַ בעטענדען קול ראָזאַ — פּאַפּאַ, בערוהיג זיך!

זיא זעהט אוים בלייך, צושראָקען, קוקט מיט אונרוהיגע אויגען אויפ'ן פעטער און אויף איהר פאָטער.

דזשעק ווערט אַנשוויעגען, שפּאַרט זיך אָן מיט'ן עלען־בויגען אָן מענטעלפּיס. קעהרט אָפּ דעם קאָפּ פונ'ם ברודער און קוקט אויפגערעגט אויפ'ן וואַנד.

זיין ברודער טהוט אָן דעם צילינדער־הוט, שפּאַרט זיך אָן אָן דעם שטעקעל, שטעהט זיך אַזוי האַלב אומגעקעהרט צום טהיר צו און האַלב צו דזשעק'ן צו, שאָקעלט אונטער נערוועז

מיט א קניע, בייסט דיא ליפען פון אויפרעגונג און קוקט, און קוקט מיט פינסטערע אויגען אויף דזשעק'ן.

ראָזא בלייבט שטעהן א בלאַסע נעבען פּאַטער, קוקט פער'ננב'עט אויף'ן פּעטער און קלייבט נערוועז איבער מיט דיא פינגער דיא פאַלדען פון דער ראָזעווער ווייסטעל, וואָס זיא טראָגט, ביים ברוסט...

א שווערע שטילקייט הערשט אויף א ווײַלע אין דיעזער הויז.... זיי אַלע פּיהלען, אקוראט וויא איבער'ן שטוב וואַלטען זיך ארומגעטראָגען פינסטערע וואָלקענס...

אויפ'ן סוף ברעכט אונטער מיסטער בליעבניצקי דיא שטילקייט און רעדט ארוים צווישען דיא ציינער:

— אלזאָ, גוט, גוט! אָל רייט!... איך זעה, אז מיינע רייד װעלען זיין ארויסגעוואָרפען! איך געה, איך געה!... טהו זיך, וואָס דו ווילסט! פּיהר זיך וויא דו ווילסט, ניט מיינע ביזנעס!... דו הונגערסט שוין.... באַרגען אין גראָסערי באָרגט מען שוין דיר אויך ניט... פרעמדע האָבען מורא דיך אריינצונעהמען אין שאָפּ, אזאָ משוגענעם!... איך וועל דיך ניט קענען אריינעהמען אין מיין שאָפּ, ווען דוא בלייבסט סטרייקען ביז דער לעצטער מינוט.... מיין בעסטען ווילען וועל איך דיך דאן ניט קענען בע־שעפּטיגען... דען איך וועל מוזען ווייזען דיא אנדערע „הענד", אז א משוגענער קען ביי מיר ניט האָבען קיין „שאָו", מעג ער אפילו זיין מיין לייבליכער ברודער!... אָל רייט, איך קען דיך ניט קלאָהר מאַכען... אָל רייט... א גוטען!..

ער נעהמט געהן מיט ענטשלאָסענע טריט צום טהיר צו. דזשעק שטעהט נאָך אַלץ אָנגעלייגט מיט'ן עלענבויגען אן מענטעלפּיס און קוקט אויפ'ן וואַנד, וויא פריהער; ראָזא שטעהט נעבען דזשעק'ן מיט אן ארונטערגעלאָזענעם קאָפּ, קוקט אויפ'ן פלאָר פערטראַכט, אונמוטהיג און קנייטשט מיט דיא פינגער דיא פאַלדען פון איהר ווייסטעל.

ביים טהיר בלייבט שטעהען מיסטער בליעבניצקי, קעהרט זיך ווידער אום מיט'ן פּנים צו דזשעק'ן, קוקט א ווײַלע מיט פינ־

סטערע אויגען אויף דזשעק'ס רוקען, טהוט א שאָקעל מיט'ן קאָפּ און זיפצט אָפּ. און פּלוצים טהוט ער א קלאפּ מיט'ן שטעקעל אָן פלאָאר אַזוי, אז ראָזא טהוט זיך א טרייסעל און קוקט איהם אָן מיט צושראָקענע אויגען, און ער טהוט א לאָף צו דזשעק'ן צו און שרייט אוים מיט א קול, אין וועלכען עם קלינגט געבעט:

— דזשעק!... דאָדזשע, דאָדזשע, ברו־ו־ודער!!...

ער כאפּט אָן דזשעק'ן פאר'ן אַקסעל און שלעפּט איהם...

— קום — בעט ער זיך ביי איהם, — קום זעץ זיך דא אויפ'ן טשער... און הער מיך רוהיג אוים... איך וועל לאנג ניט ריידען... דאן מעגסטו טהאָן, וואָס דוא ווילסט.

דזשעק קוקט אויף איהם מיט גרויסע אויגען... און מור־מעלט צומישט: — וואָס ווילסטו?

— זעץ זיך נור אויף איין ווייל'נקע און הער מיך אוים!...

— אָל רייט! אָל רייט!... איך זעץ זיך. (ער זעצט זיך און קוקט אויף זיין ברודער מיט נאָך גרעסערע אויגען) נו, וואָס ווילסטו מיר ווידער זאָגען?

ראָזא זעצט זיך אויך אוועק אויף א שטוהל און קוקט אויך פערוואונדערט אויף איהר פעטער.

— דזשעק — זאָגט דאן מיסטער כליעבניצקי מיט אָן אויפגערעגטען קול — דזשעק, מיט טהוט וועה דאָס הארץ פאר דיר, פאר דיין ווייב און קינדער... דוא ביזט מיינער א ברודער, א איין איינציגער ברודער.... (דזשעק טהוט א מאך אונגעדולדיג מיט'ן האנד, וויל זיך אויפהויבען פון'ם אָרט, כליעבניצקי האלט איהם אָפּ) ווארט, ווארט, הער מיך אוים... איך וועל לאנג ניט ריידען!... דזשעק, ווארום זאָלען מיר קוקען איינער אויפ'ן אנ־דערען, וויא דם שונאים? — רעדט כליעבניצקי מיט ווארימקייט אין קול — דאָדזשע, דוא האָסט דאך מיך א מאָל שטארק ליעב געהאט... געדענקסטו דיא היים?... דיא קצבישע גאָס?... דיא אַלטע חורבה, וואו מיר זיינען ביידע געבאָרען געוואָרען, וואו מיר האָבען זיך ביידע אויפגעהאָדעוועט, אויסגעוואקסען... גע־וואָרען בחורים און דאן חתונה געהאט?... געדענקסטו דעם לאנגען

טיש אין יענער חורבה?... מיר זיצען אַלע ביים טיש: אונזער אַלטער טאַטע, דוא, איך, שמערל דער שווארצער, חיים לכה דודי. מיר זיצען אַלע, ווער מיט א שער, ווער מיט א נאָדעל און ווער מיט אַ שטיקעל קרייד אין האנד... מיר ארבייטען פון אין־דער־פריה ביז שפעט אין דער נאַכט.... מיר זינגען ביי דער אר־בייט, מיר דערצעהלען מעשות איינער דעם אנדערען...

— איך געדענק, איך געדענק — ברעכט איהם אונטער דזשעק מיט אַ ווייכערען קול, שטעהט אויף פון אָרט און נעהמט געהן איבער'ן צימער הין און צוריק — איך געדענק„ אַ גאָלדע־נע צייט איז דאַן געווען, אַ גליקליכע... וויא איך וואָלט וועלען האָבען יענע צייט צוריק!... וואָלסטו יעצט אויך געוואָלט האָבען יענע צייט צוריק?... — פרעגט דזשעק זיין ברודער מיט א לייכ־טער איראָניע אין קול, קוקענדיג אָבער אויף איהם יעצט מיט מעהר פריינדליכע אויגען, וויא פריהער.

— וואַרט, וואַרט, לאָז מיך אַ פריהער ענדיגען, וואָס איך וויל דיר זאָגען, דאַן וועל איך דיר ענטפערען אויף דיין פראַגע — מאַכט מיסטער בליעבניצקי. — מירביידע זיינען געווען קינ־דער, ווען אונזער מוטער איז געשטאָרבען. דוא ביזט געווען אַלט ניין יאָהר, איך — צעהן... ביידע האָבען מיר דאַן געליטען פון אונזער שטיעף־מוטער... ווען דיא שטיעפמוטער האָט דיך גע־שלאָגען, האָב איך געוויינט... ווען זיא האָט מיך געשלאָגען, האָסטו זיא געשאָלטען... דוא אליין האָסט קיין מאָל ניט געוויינט: ניט, אַז מע האָט דיך געשלאָגען און ניט אַז מע האָט מיך גע־שלאָגען... דוא האָסט געזידעלט, געשאָלטען, געטהאָן אויף צו להכעים, אָבער קיין מאָל ניט געוויינט... אַ פערביסענע האַרץ האָסטו נאָך פון קינדערוויז אָן געהאַט!... איך געדענק: דער טאַטע האָט דיר אַ מאָל ביי דער ארבייט געגעבען אַזאַ פּאַטש, אַז פונ'ם נאָז האָט ביי דיר אַ גאַס געטהאָן אַ שטראָם בלוט... איך האָב דאַן גענומען קלאָגען מיט שרעקליכע קולות... דוא אָבער... דוא האָסט דאַן אויך ניט געוויינט... דוא האָסט נור אַ כאַפּ גע־טהאָן דיא שער פונ'ם טיש און האָסט איהר אַ שמייס געטהאָן

אָן דר׳ערד און דאַן האָסטו אריינגעכאַפּט דעם אַרבעל פון דער העמד אין מויל און האָסט איהם צוריסען מיט דיא ציינער פון כעס, אָבער דוא האָסט ניט געוויינט, דוא האָסט אפילו ניט א כליפּע געטהאָן!

כליעבניצקי׳ס ווערטער ווירקען אויף דזשעק׳ן, און וואָס לענגער ער רעדט, אַלץ פרעהליכער און גוטמוטהיגער ווערט דזשעק׳ס פּנים, אַלץ פריינדליכער קוקען דזשעק׳ס אויגען... ער געהט ארום איבער׳ן שטוב. הערט זיך צו צו זיין ברודער און אין זיין מוח לעבען אָפּ אַלטע, פערגעסענע בילדער און אין זיין נשמה — געפיהלען, וועלכע זיינען אי אזוי טרויעריג, אי אזוי פרעהליך...

אויף ראָזא׳ן מאכען כליעבניצקי׳ס ווערטער אויך זעהר א שטאַרקען איינדרוק. דער טאַטע איהרער מאָלט זיך אָפּ אין איהר יונגער פאנטאַזיע אַלס א גרויסער העלד נאָך פון קינד־וויין אָן, און אין איהר נשמה ערוועקט זיך א געפיהל פון שטאָלץ מיט איהר טאַטען; זיא שטעהט אויף פון אָרט, געהט צו צו איהם, נעהמט איהם ארום און רעדט ארוים מיט ליעבע אין קול:

— מיין גוטער פּאַפּאַ, דוא ביזט אימער געווען אָלל רייט!..

דזשעק צולאכט זיך גוטמוטהיג, קושט איהר אין שטערן און דאַן ווענדעט ער זיך צו זיין ברודער שוין מיט התפעלות אין קול:

— און געדענקסטו, שעפּסעל, אז מיר האָבען געהאַט איין פּאַאר שטיוועל? אז דוא פלעגסט אָפּטראָגען דיא אַרבייט צום קונד, פלעגסטו זיי אָנטאָן, און אז איך פלעג אָפּטראָגען — פלעג איך זיי אָנטאָן?...

— איך געדענק, איך געדענק — כאַפּט אונטער כליעב־ניצקי אויך מיט התפעלות און צולאכט זיך פריי, אונגעצוואונ־גען: — אוי, ברודער׳ל, האָבען מיר א מאָל איינעם דעם אַנדערן ליעב געהאַט!... — לייגט ער צו מיט אן ערנסטען טאָן — האָבען מיר מיטגעפיהלט דאַן איינער מיט דעם אַנדערן!.... אונז האָט געפעהלט דיא ליעבע פון אונזער מאַמע און דיזע ליע־

בע האָבען מיר געזוכט איינער ביים אַנדערען... געדענקסטו, דאָרזשע, יענעם תשעה באב... אז מיר זיינען געווען אויפ'ן בית עולם און האָבען געריסען עפּעל פון דיא בוימער?... אונטערן בוים האָב איך פּלוצים דערזעהען דיא מצבה פון אונזער מוטער... „דיא מאַמע!" — האָב איך אַ געשריי געטהאָן, און בין צוגע־פאַלען צום שטיין... דוא ביזט דאַן געווען אויבען אויפ'ן בוים און האָסט איהם געטרייסעלט... דוא ביזט אראָפּגעקראָכען פונ'ם בוים און באלד ביזטו געלעגען נעבען מיר אויף דער מצבה און האָסט אויך געוויינט... דאָס איז געווען דאָס איינציגע מאָהל, וואָס איך האָב דיך געהערט וויינען!...

ביי דיא לעצטע ווערטער הערט זיך טרערען אין זיין שטימע; ער נעהמט אַרוים דיא טיכעל פונ'ם פּאַקעט, קעהרט אָפּ דעם קאָפּ, ווישט מיט איהר דיא אויגען און סאָפּעט.

ראָזאַ צו־וויינט זיך אויך ביי דעם אויפ'ן קול, פערשעהמט זיך און לויפט ארוים, כליפּענדיג, אין אַ צווייטען צימער.

און דזשעק שטעהט אויף אין מיטען שטוב, קוקט אויפ'ן ברודער מיט אויגען, אָנגעפילט מיט טרערען, און שמייכעלט צומישט...

— נו, וואָס האָסטו זיך דערמאָנט? — מורמעלט ער — אַלטע מעשות... קינדערשע יאָהרען... און ער וויינט, דער נאַר!.. וואָס וויינסטו?... נו, וואָס?... וואָס?..

ער קעהרט אָפּ דעם קאָפּ, שמייכעלט און ווישט פער־גנב'עט דיא אויגען. און פּלוצים טהוט זיך דזשעק אַ קעהר צו זיין ברודער, קוקט איהם אָן אַ ווײלע מיט דיא אויגען, פערשלייערט פון טרערען. דאַן טהוט ער זיך אַ וואָרף צו איהם, כאַפּט איהם אָן פאַר ביידע אַקסלען און שרייט אוים מיט ליידענשאַפט אין קול:

— שעפּסעל, שעפּסעל, דו ביזט דאָך דער זעלביגער גוטער אַמאָליגער שעפּסעל, איך זעה דאָך, אז דוא האָסט דיא זעלביגע ווייכע האַרץ, וואָס אַ מאָהל! — היינט וויא קומט עס, וואָס דוא ביזט יעצט אַזאַ בלוטזויגער?!... אַזאַ הויטשינדער?!... וויא קומט

עס? וויא קומט עס? שעפּסעל, שעפּסעל, אַך, שעפּסעל — שרייט דזשעק און אין זיין שטימע קלינגט אַזאַ טיעפער וועהטאָג — אַז דוא וואָלסט פערבליעבּען דער אַמאָליגער שניידער, איך וואָלט דאַן דיך מעהר ליעב געהאַט, נאָך מעהר וויא אַ מאָהל, ווארום דאַן וואָלסטו זיכער געוועזען איינער פון אונזערע, אַ גוטער קעמפּפער אין אונזערע רייהען!...

— אַ גליק וואָלט מיך געכאַפּט, אַז איך וואָלט געוועזען איינער פון אייערע משוגעים!... — מאַכט כליעבּניצקי, דריקט מיט דיא פּלייצעס און שאָקעלט דעם קאָפּ מיט בעדויערען. — געוואַלד, דאָדזשעק, — שרייט ער דאָ אויס מיט היטץ — דוא ביזט דאָך ניט קיין קינד!... זעה, איז דאָס אַ וואָהנונג פאר אַ מענשען? — ער הויבּט אויף דעם שטעקעל, דרעהט זיך מיט איהם אויף אַלע זייטען און וויזט מיט איהם אויף דיא ווענד, אויפ'ן פּאָלאָב, אויפ'ן פּאָדלאָגע און אויף דיא ביסעל אָרעמע בעבעכעס אין שטוב: — האָסטו געדאַרפט אַזוי לעבען?... האָסטו שוין ביז יעצט ניט געקענט לעבען, וויא אַ מענש מיט אַלע בעקוועמליכקייטען און האָבּען דערביי כבוד און געלד און ניט, מען זאָל דיך רופען „משוגענער קאַרל מאַרקס,“ און זיין אויף אַזעלכע צרות?!... דאָדזשעק, איך בין דאָך געוועזען דער זעלבער שניידער, וויא דוא... זעה: איך און דוא? מיין לעבען און דיין לעבען? מיין ווייב, וויא זיא זעהט אויס, און דיין ווייב?... מיינע קינדער און דיינע קינדער?... וויא מענשען קוקען אויף מיר און קוקען אויף דיר?... דעם כבוד, וואָס איך האָב פון דער וועלט, און דיא צרות, וואָס דוא האָסט?... און ווארום איז עס ?ווייל דוא ביזט איינער פון יענע משוגעים און איך בין אַ קלאָהרער מענש!... פון כל ימיו אָן בין איך געוועזען אַ קלאָהרער מענש און דוא ביזט תמיד געוועזען אַ משוגענער, אין דער היים נאָך!... דוא האָסט מיך פריהער געוואָלט בעליידיגען און האָסט מיר אויפגעוואָרפען, אַז פאר אַ קוואָרדער אויף „נאָוואָדקע“ האָב איך מיר געלאָזט יעדען שפּייען אין מיין פּנים. יאָ, דאָס איז אמת!... און איך שעהם זיך ניט דערמיט!... דען איך האָב שוין דאַן פערשטאַנען, אַז מיט קיין

רוגזה קען מען קיין סוקסעס ניט מאכען אין לעבען... אז געלד איז דיא הויפטזאך... דוא אָבער ביזט שוין דאן געווען א וויל־דער משוגענער... דאן שוין האָסטו געזידעלט דיא רייכע בעלי הבתים און דיא פּראָצענטניקעס... אז אימיצער פלעגט דיר וועלען שענקען אויף „נאוואָדקע," פלעגסטו יענעם אָפּזידלען און פלעגסט שמייסען דאָס געלד יענעם אין פּנים... מירביידע האָבען געזעהן אין דער היים, וויא מאנכע פון אונזערע שניידער האָבען זיך ארויפגעארבייט אויף הייזער, אויף קליידער מאגאזינען — דוא האָסט זיי פיינד געהאט און האָסט זיי געזידעלט; איך האָב זיי מקנא געווען, געהאט פאר זיי דעם גרעסטען רעספּעקט און גע־טראכט: „הלוואי העלפט מיר גאָט אזוי!"... און שפּעטער דאָ אין אָמעריקאָ? איך בין געקומען אהער מיט איינע פינף יאָהר פאר דיר... איך האָב געארבייט אין דיא שעפּער... געטרייעט דאָס בעסטע צו געפעהלען מיינע באָסעס... געארבייט ווען זיי האָבען געדאַרפט און וויעפיעל זיי האָבען געוואָלט: פאַרטאָג, צוועלף ביי נאכט... איך האָב געארבייט און געמאכט דאָס געלד, געלייגט אין דיא בענק און געטראכט: „וויא אזוי ווערט מען אליין א באָס?" „יונעם" זיינען שוין דאן אויך געווען, אפילו ניט אזוי פיעל, וויא יעצט, און משוגעים האָבען דאן אויך ניט געפעהלט.... איך האָב זיי אָבער קיין מאָל ניט געוואָלט קענען... פון קיינע סטרייקס האָב איך ניט געוואָלט וויסען... נו, האָבען דיא משוגעים מיך גערופען „סקעב", איז מיין דאגה! וועלען זיי מיט מיר קיין שידוך ניט טהאָן!... און א מאָל האָבען זיי מיך טאָקי געקעטשט, דיא אָפּגעריסענע משוגעים, און האָבען מיך געשלאָגען, וויא דיא גוים!... און איין מאָל האָבען זיי מיר גאָר שיער ניט צושפּאלטען דעם מוח מיט א שווערען שטיין — פון דעסטוועגען משוגע בין איך ניט געוואָרען... אין „יונען" בין איך צו זיי ניט געגאנגען... פון זייערע רייד האָב איך זיך אויסגעלאכט. איך האָב זיך געטהאָן מיינס, און גאָט האָט מיר טאָקי געהאָלפען!... א באָס, אז ער האָט דערזעהען, וויא טריי איך בין צו איהם, האָט מיך געמאכט פאָר פאָרמאן אין שאָפּ, האָט מיר געגעבען גרעסערע ווידזשעס...

דיא ווייב און דיא קינדער האָבען דערווײלע אויך געארבייט. דיא ווייב ביים אויספינישען, דיא עלטערע קינדער ביים אָפּרייטען און דיא איגגערע צוויי האָבען אויך א ביסעל פערדיענט פון׳ם פּעדלען מיט מעטשעס, מיט פּייפּער... יעס, יעס, דאָדזשע, מיר אַלע האָבען עטליכע יאָהר געארבייט, שווער געארבייט ניט וויא דוא זאָגסט, אז מיר זיינען בלוטזויגערס! ניט געוואוסט פון קיין טאָג, פון קיין נאַכט... דיא צוויי קלענערע קינדער מיינע פלעג איך ארויסשיקען אין סטריט פּעדלען אין היטץ און אין קעלט, אין שטורם, שנעע און רעגען, און ווארום?... ווייל איך בין געווען א קלאָהרער מענש; ווייל איך האָב געוואוסט, אז נור אויף אזא אופן קענען מיר קומען צו עפּעס שפּעטער!... יעצט זיינען זיי אַלע אַלל רייט, הלוויי אויף דיין ווייב און קנדער געזאָגט געוואָרען... מיין ראָזא וועט טאַקי נעהמען א לאָיער פאר א מאַן, צו א דאָקטאָר, צו אזוי עפּעס א גוטען ביזנעס מאַן... צעהן טויזענד דאָלאר נדן וועל איך איהר געבען... און וועמען וועט דיין ראָזא נעבעך נעהמען? וועמען קען זיא נעהמען?...

ביי דיא לעצטע ווערטער פון בליעבניצקי ציגדעט זיך דזשעק אָן און שרייט אוים מיט אן אויפגערעגטען קול אין איין אָטהעם:

— אַן עהרליכען מאַן וועט זיא נעהמען, אַן עהרליכען, אַן עהרליכען, ניט קיין בלוטזויגער!... זאָרג זיך ניט פאר מיין ראָזאַן!.

ראָזא לויפט אריין פונ׳ם צווייטען צימער, לויפט צו צו דזשעק׳ן און כאַפּט איהם אָן פאר׳ן ארעם.

— פּאָפּאַ — בעט זיא איהם מיט א צושראָקענעם קול: — בערוהיג זיך!....

— יא, יא, ראָזא, דו וועסט נעהמען אַן עהרליכען מאַן — שרייט מיט ביטערנעש אין קול דזשעק — ער פרעגט גאָר וועמען וועסטו נעהמען פיר א מאַן, אז ניט א בלוט-זויגער?.... א פּראָסטען ארבייטער וועט זיא נעהמען: א שניידער, צו אַן אנדער ארבייטער און דוקא א משוגענעם, וויא איהר טאַטע, און ניט א קלאָהרען בלוט-זויגער, און ניט א כיטרען הויט-שינדער,

דו הערסט שעפּסעל? !.... דו הערסט? !... שרייט דזשעק און לויפט איבערן שטוב אויפגערעגט....

— איך הער, איך הער, איך פערשטעה אָבער ניט, וואָס איך הער פון דיר! זאָגט בליעבניצקי, שאָקעלט דעם קאָפּ מיט מיטלייד און זיפצעט: — אַך, דאַדזשע, דאַדזשע!....

— אָנקעל — מישט זיך דאָ פּלוצלונג אריין ראָזא מיט א האלב פערשטיקטען קול, קוקענדיג אויף איהרע פינגער: — איהר קענט אונז ניט פערשטעהן.... מיר און איהר זיינען גאַנץ אַנדערע מענשען.... מיט גאַנץ אַנדערע אידעען, אַנשויאונגען.....

— וואָס זאָגסטו: „אַנשונגען?"... מאַכט האלב פערוואונדערט בליעבניצקי—א מאָדנע שפּראַכע. וואו האָסטו געהערט אזא שפּראַכע? א מאָדנע זאַך! מיין ראָזא, זיא איז, דאַכט זיך, געביל-דעטער פון דיר, שוין עטליכע יאָהר, אַז איך האלט פאַר איהר טיטשערס אי אזוינע, אי אזעלכע, זיא שפּיעלט פּיאַנאָ אויך. און דאָך האָב איך פון איהר קיין מאָל ניט געהערט אזעלכע ווערטער. „אידעען", „אַנשונגען" — ווייס איך!

ער דריקט מיט דיא פּלייצעס.

— שיק זיא ארויס ארבייטען — פּלאַצט דאָ ארויס דזשעק מיט זיין באַס-שטימע — און זאָל זיא ווערען א טרייע מעמ-בערין אין יוניאָן און דאַן אריינטרעטען צו אונז אין דער פּאַרטיי, צו דיא סאָציאַליסטען, און זאָל לעזען אונזערע צייטונגען, אונ-זערע בראָשורען, און הערען אונזערע לעקטשורס, וועט זיא שוין דאמאָלס פערשטעהן, וואָס הייסט „אידעען", „אַנשויאונגן!" פון דיינע טיטשערס אָבער קען זיא וויסען, וויפיל דו ווייסט, און פון איהר צימבלען אויפ'ן פּיאַנאָ וועט זיא אויך ניט פערשטעהן קיינע אידעען....

בליעבניצקי צולאַכט זיך גוטמוטהיג.

— אזוי? איך זאָל שיקען מיין ראָזא'ן צו אייך זיך לעהר-נען? — מאַכט בליעבניצקי און לאַכט — אמת טאַקי, איך וואָלט דאַן געקענט איינשפּאָרען שעהנע עטליכע דאָלאַר פון דיא טי-טשערס, וואָס זיא קאָסט מיך.... אָבער, אז עס וואָלט געהאלטען

ביי דעם, וואָלט איך זיא בעסער אוועקגעשיקט אין משוגעים־הויז!... אזוי? הייסט עס, אַז דיא אַלע ווערטער, וואָס קיין קלאָרער מענש רעדט ניט, לערענט מען זיך אויס ביי דיא „צאָ־צעליסטען“? — רעדט ער ווייטער — יעצט פערשטעה איך שוין!...

— דו פערשטעהסט גאָר ניט! — ברעכט איהם אונטער דזשעק מיט כעס.—איבערהויפּט וואָלט איך געוואָלט וויסען, וואָס פערלאַנגסטו פון מיר?

— איך פערלאַנג פון דיר, ערשטענס, אז דו זאָלסט זיך יעצט ניט היטצען, און צווייטענס, וויל איך דיך פרעגען: וואָס וועט זיין דער סוף פון דיר?... — זאָגט בליעבניצקי.

— דער זעלבער סוף, וואָס פון דיר, און פון אַלע מענשען — רעדט ארויס אין דער שנעל, מיט אונגעדולד דזשעק — מיר וועלען שטאַרבען און מיר וועלען ליגען אין ד'ערד! אך, לאָז מיך בעסער צופריעדען!... איך האָב קיין צייט ניט... איך מוז לויפען, זעהן צו בעזאָרגען א רעדנער פאר דיינע סטרייקער!...

— אומזיסט זיין ריידען — שרייט אויס מיט פערדרוס בליעבניצקי — איך זאָג דיר, אז קיינעמס ריידען וועט יעצט ניט העלפען... דיא סטרייקער וועלען מאָרגען ביי מיר ארבייטען!... איך וויים, וואָס איך רייד, דזשעק!...

— דאָס וועלען מיר זעהען! — שרייט דזשעק מיט א צו־להכעים־קול.

— יעס, דאָס וועלען מיר טאַקי זעהן! כאַפּט אונטער מיט נצחון בליעבניצקי — איך זאָג דיר נאָך א מאָל, דזשעק: קום צו זיך. דו האָסט א פרוי, קינדער!... דו ווייסט, אז קיין שלעכ־טעס וויל איך דיר ניט טהאָן... איך האָב געמאכט א שאָפּ אונזער קאָזין לייבקען... פיעלע פון אונזערע לאַנדסלייט זיינען דורך מיר געוואָרען קאָנטראַקטאָרס, מאַנופעקטשורערס... פאַר דיר וואָלט איך נאָך מעהר געטהאָן, ווען דו וואָלסט ניט געווען אזא משוגענער מיט דיעזע אַלע משוגעת'ן... דוא קוקסט אָבער אויף מיר זייט דו האָסט זיך אריינגענומען דעם „צאָצעליזמוס“ אין קאָפּ, וויא אויף עפּעס דיינעם אַ שונא... קיין מאָל גיסטו

מיר ניט קיין „טשאַנז" מיט דיר זיך דורכצורײדען, וויא געהעריג איז.... באַלד וואָס, הייבסטו אָן צו זידלען.... דאָס טהוט ניט קיין קלאָהרער מענש מיט פערשטאַנד!..... איך וויל, דזשעק, אַז דו זאָלסט ניט מיינען, אַז איך רייד צו דיר יעצט אַזוי, ווייל איך האָב מורא, אַז דו זאָלסט ניט איינריידען דיא סטרייקער, אַז זיי זאָלען ווייטער סטרייקען ביי מיר — דערפאַר האָב איך קיין מורא ניט!... מיר האָט אָבער אַלע מאָל ווערה געטהאָן דאָס הארץ פאַר דיר און היינט נאָך האָב איך זיך דערוואוסט, אַז ביי דיר איז שוין ניטאָ פאַר וואָס צו קויפען און מי באָרגט דיר אויך ניט, דאַן האָב איך בעשלאָסען צו געהן צו דיר און דורכ־ריידען זיך מיט דיר איין מאָל פיר אַלע מאָל!.... דזשעק, דאָדזשע, ברודער, זאָג מיר, אדרבה, ערקלער מיר: וואָרום זאָלסטו זיין אַ משוגענער „צאָצעליסט"? וואָס גיעט עס דיר? וואָס פאַר אַ כבוד האָסטו פון דעם?... אדרבה, ענטפער מיר קלאָהר, וויא אַ מענש.... אפשר וועל איך דאַן טאַקי אויך זאָגען, אַז דו ביזט גערעכט! — ענדיגט כליעבניצקי מיט געבעט אין קול.

— אָל רייט, גוט — ענטפערט דזשעק רוהיג — איך וועל דיר ענטפערן, אויב דו ווילסט טאַקי ערנסט וויסען. וואָרום בין איך אַ סאָציאַליסט? ווײַל, ווייל איך בין איבערצייגט, אַז דער סאָציאַליזמוס קען גליקלאַך מאַכען דיא גאַנצע מענשהייט... וואָס גיט מיר דער סאָציאַליזמוס? און וואָס האָט ער געגעבען טויזענדע און טויזענדע מענשען אין רוסלאַנד און איבער דער גאַנצער וועלט? קינדער פון גענעראַלען האָבען אין רוסלאַנד פאַר'ן סאָ־ציאַליזמוס זיך מקריב געווען.... האָבען אָפּגעגעבען זייער רייכ־טהום, זייער פרייהייט און זייער לעבען פאַר דעם הייליגען אידעאַל!....

— זיינען זיי טאַקי געווען נאַראָנים, משוגעים! שרייט כליעבניצקי און מאַכט מיט'ן שטעקעל אין לופטען.

— לאָז! — דונערט דזשעק מיט זיין באַס־שטימע, הינגע־ריסען און זיין פּנים פלאַמט, און זיינע אויגען ברענען מיט בע־גייסטערונג. ער כאַפּט אָן זיין ברודער פאַר'ן אַקסעל, שלעפּט איהם

צום וואַנד, וואו עס הענגען דיא בילדער פון קארל מארקס, לאַסאַל און דער „רעוואָלוציאָן“ און דונערט: קום, זעה! זעהסט אָט דיא בילד — ער וויזט מיט'ן האנד אויף לאסאל'ן — אָט דעם יונגען מאן מיט דעם שעהנעם געקרויזטען קאָפּ?.... קוק זיך גוט איין!... זעה, וואָס פאר אַן ערדעלקייט עס ליעגט אויף זיין פּנים!... דאָס איז פערדינאַנד לאסאל... אַ איד, אזוי וויא איך, וויא דו, נור מיר זיינען ניט ווערטה זיין מינדעסטען נאָגעל!...

— אוי, אוי! ברעכט איהם אונטער כליעבניצקי מיט געלעכטער. — אזא טהייערע צאַצע איז ער?....

— יע, יע, אַ צאַצע איז ער! דונערט דזשעק מיט נאָך מעהר פייער — ווייסטו ווער ער איז? אַ זוהן פון אַ רייכען מאַן!.... ער האָט געקענט זיין רייך, רייכער פון דיר און פון טויזענד אַנדערע, און דאָך האָט ער ניט „געקערט“ צו זיין אַליין רייך און האָט געקעמפּפט געגען דיא רייכע פאר דעם גליק פון דער גאַנצער מענשהייט!...

— איז ער געוועזען אַ נאַר! — ברעכט איהם אונטער כליעבניצקי — אז ער וואָלט געוועזען מיין זוהן, וואָלט ער ביי מיר געוועזען קליגער!...

— דו וואָלסט געלערענט שכל לאסאל'ן? דו?! — שרייט דזשעק, און צולאכט זיך מיט אַ שטאַרקען געלעכטער און ווענדעט זיך דאַן צו ראָזא'ן, וועלכע שטעהט הינטער איהם, בעגייסטערט פון זיין בעגייסטערונג: — וואָס זאָגסטו, ראָזא? ער וואָלט געלערנט שכל לאסאל'ן, ער, שעפּסעל חכם? כאַ־כאַ־כאַ!

— איך האָב געלעזען אין „דיא צוקונפט“ — מאכט ראָזא מיט בעגייסטערונג אויפ'ן פּנים און אין דיא אויגען — אז ביסמארק אפילו האָט געהאַלטען לאסאל'ן פיר דעם קליגסטען מענשען אין דער וועלט!....

— ביסמארק? — פרעגט נאַאיוו כליעבניצקי — וואו האָסטו עס געלעזען? אין אַ צייטונג?

— ניין, אין אַ זשורנאַל, אין דעם סאָציאַליסטישען זשורנאַל — האָט געענטפערט ראָזא.

— וועלל, וויא באַלד, אז דאָס האָט ניט געשריעבען קיין ציימונג, נור א צאָצעליסטישער זשורנאַל, קען איך לעבען, אז איך וועל דאָס ניט גלויבען!... — ענטפּערט כליעבניצקי מיט אַן ערנסטען טאָן.

— דו גלויבסט דאָך קיינעם ניט, נור דיין אייגענעם פּאַ־קעט — שרייט אוים דזשעק בעליידיגט, ווייזט מיט'ן האנד אויף קאַרל מאַרקס בילד און דונערט שוין ווידער מיט פייער, הינ־געריסען: נו, און דיזער מאַן? קוק נור אַן דיעזען אַלטינקען מיט דיא ווייסע האָאַר! זעה, וואָס פאר א ליכטיגען, גוטען פּנים ער האָט! זעה, מיט וואָס פאר א ליעבע ער קוקט אויף אונז!..... וויסטו, ווער דאָס איז?... דאָס איז ער אַלליין!... קאַרל מאַרקס אליין!... דער טאַטע פון דעם סאָציאַליזמוס...

כליעבניצקי טהוט ביי דעם א שפּרונג און שרייט אוים מיט איבערראַשונג אין קול: — אָט דאָס איז ער? אָט דער אַלטער? ! ער טורכעט מיט זיין שטעקעל אין בילד....

— יע, יע, ער אליין! — שרייט מיט התפּעלות דזשעק — פּאַוואָליע מיט דיין שטעקעל, וועסט צוברעכען דיא גלאָז פון בילד!.... ניט אמת, אז עס זעהט זיך אָן אויף זיין פּנים, אז ער איז ניט אבי א מענש ? ! פרעגט דזשעק און קוקט מיט ווארעמע אוי־גען אויפ'ן בילד....

— אוי! שרייט אוים מיט א קרעכץ כליעבניצקי און שטורכעט מיט'ן שטעקעל אין בילד — אָט דער אַלטער? אוי, א כאָלעריע זאָל איהם נעהמען!... ער איז דאָך דיין מלאך המות!.... ער איז דאָך דער, וואָס האָט דיך משוגע געמאכט, וואָס האָט דיך אונגליקליך געמאכט!...

דזשעק שפּרינגט אָפּ, וויא אַן אָפּגעקאָכטער, קוקט אויף זיין ברודער, רויט, וויא א בוריק, מיט אויסגעגלאָצטע אויגען און סאָפּעט שווער. ראָזא שטעהט אויך נעבען איהם א צומישטע און קוקט אויף דזשעק'ן.

— וועמען זאָל כאַפּען דיא כאָלעריע? — רעדט אויפ'ן סוף ארוים דזשעק מיט א דומפּפען קול צווישען דיא ציינער און

טרעט צו זיין ברודער מיט ברענענדיגע אויגען און מיט שווערע טריט. יענער טרעט אָפּ אהינטער צושראָקען און וועהרט זיך נעגען דזשעק׳ן מיט זיין שטעקעל: — וועמען? קאפיטאליסטישע בעסטיע דו, האָסט דערזעהן פאר זיך דיין מלאך המות און דער־פאר שעלסטו איהם? ביי מיר אין הויז? ראָזא, דערלאנג מיר א שטעקען!...— דונערט ער, און נעהמט אליין לויפען איבער׳ן שטוב און זוכט א שטעקען.

— פּאָפּאָ! — ווארפט זיך צו אים ראָזא, בלייך וויא לייוועגד, מיט א ציטערנדיגען קול. דאן לויפט זיא צו שנעל צום טיהר, עפענט איהר און שרייט אוים מיט שרעק: — געהט שוין ארוים!...

בליעבניצקי לויפט צו א בלייכער צום טהיר, שטעלט זיך אָפּ און רעדט ארוים אין איין אָטהעם, דערביי טרייסעלט זיך ביי איהם דער שטעקעל אין האנד: — אָלל רייט! דיין ווייב איז היינט געקומען בעטען ביי מיר אויף ברויט, דו וועסט נאָך אליין צו מיר קומען שנאָרען!... אָלל רייט!...

דזשעק האָט אין דיעזער צייט שוין געפונען א שטעקען.

— וואָס? ! — טהוט ער זיך א וואָרף צו איהם מיט׳ן שטע־קען.

בליעבניצקי לאָזט זיך לויפען פון דיא טרעפּ.

— בעסטיע! — שרייט איהם נאָך דזשעק מיט זיין באַס־שטימע, שטעהענדיג אין האָל נעבען דיא טרעפּ מיט׳ן שטעקען: — בעסטיע!

דיא שכנים איז האָלל עפענען פאנאנדער דיא טיהרען און קוקען ארוים, ווער צושראָקען, ווער פערוואונדערט און ווער נייע־געריג. דיא שכנה׳טע „פון נעקסט דאָר“, א יונגע בלייכע ווייבעל, וואָס האלט זיך בעפריינדעט מיט דזשעק׳ס פרוי, לויפט ארויס אין האָל מיט א שרייענדיגער בייבי אויף דיא הענד און פרעגט: — וואָס איז דער מעהר, מיסטער דזשעק?...

דזשעק קוקט זיא אָן מיט זיינע ברענענדיגע אויגען, ענט־פערט איהר ניט, לויפט אריין אין הויז און פערקלאפט הינטער זיך מיט כעס דיא טיהר.

אין דער זעלבער צייט זיצט ראָזא אין שטוב אויף א שטוהל און וויינט אין דער שטיל.... צוערשט בעמערקט עס ניט דער אויפגערעגטער דזשעק; ער לויפט ארום איבערן שטוב און רעדט צווישען דיא ציינער: „אזא פרעכהייט, ביי מיר אין שטוב!... אויספּאטשען האָב איך איהם געדארפט, אויספּאטשען! ער זאָל געדענקען!.... ביי מיר אין שטוב, בעסטיע!.... וואָס זאָג־סטו, ראָזא, הא?"

ער טהוט זיך צו איהר א קעהר און דערזעהט ערשט, אז זיא וויינט.... ווארפט ער זיך צו איהר, כאַפּט זיא אָן פאר דיא אקסלען און שרייט אוים מיט א גאַנץ אנדער קול, וויא פריהער: מיט א קול, אין וועלכען עס קלינגט ליעבע און שרעק: — ראָזא, דו וויינסט? וואָס איז דיר?....

זיא ענטפערט ניט און וויינט שטארקער.

— ראָזא, קינד מיינס!... ער טהוט זיא א כאַפּ פעסטער פאר דיא אקסלען, כמעט ליידענשאפטליך — וואָס וויינסטו? נו, זאָג!....

פּלוצים טהוט ער א קרעכץ: „הא!" לאָזט זיא איין, נעהמט לויפען פערצווייפעלט איבערן שטוב, — שטעלט זיך ווי־דער נעבען איהר אָפּ און פרעגט זיא מיט א שטילען, ציטערענ־דיגען קול:

— דו ביזט הונגעריג, הא?... דאָס הארץ חלש'ט דיר נע־בעך?.... זייט געסטערן דינער האָסטו, נעבעך, גאָר נישט גע־געסען!....נו, טהו, מאך, קעמפּף, אז אפילו א שטיקעלע ברויט איז ניטאָ, אום דיא כוחות אָנצוהאַלטען!.... קרעכצעט ער, פּאטשט פערצווייפעלט אין דיא הענד און נעהמט ווידער לויפען איבערן שטוב: — אָבער דו האָסט דאָך געזאָגט, אז דיא מאַמע איז ער־געץ געגאַנגען לייהען א פּאָר דאָלאר... אפשר וועט זיא טאקי ברענגען?.... אז ניט וועלען מיר נאָך עפּעס געפינען, וואָס צו פער־

לויגען.... דיא קישעלעך.... נו, וואָס קען מען זיך העלפען, מיין טאָכטער? גאָר דיא גרויסע קעמפּפער האָבען געהאט אויסצו־שטעהן נאָך ערגערע צייטען און דאָך האָבען זיי זייער הייליגען אידעאל ניט אויפגעגעבען! — רעדט ער צו איהר מיט ליעבע און ווארעמקייט אין קול און גלעט איהרע ווארעמע באַקען....

— איך בין ניט הונגעריג, פּאַפּאַ — זאָגט ראָזא און כלי־פּעט — אָבער דער פּעטער... ער איז אין גאַנצען ניט אומגערעכט... עס איז טאַקי אמת..... אזוי דארף דיא וועלט ניט זיין... לאַסאַל, קאַרל מארקס, דו.... אלע זיינען גערעכט.... אלע זיינען עהרליכע, גוטע מענשען.... איך האָב דיך טאַקי ליעב, ווייל דו ביזט אַן עהר־ליכער מענש... אָבער... דערוויילע געהט מיין מאַמאַ בעטען אויף ברויט ביי ראָזא'ס פּאַפּאַ'ן און ניט ראָזא'ס מאַמאַ ביי מיין פּאַפּאַ!....

ביי דיא לעצטע ווערטער צוכליפּעט זיא זיך שטאַרקער....

דזשעק שטעהט און קוקט אויף איהר מיט צושראָקענע אויגען.

— וואָס רעדסטו, ראָזא? וואָס רעדסטו?... ביזטו ביים זינען?.... האָבען עס זיינע ווערטער דיך משוגע געמאַכט? — רעדט ער מיט אַן אויפגערעגטען קול — און וואָס רעדסטו עפּעס פון דיין מאַמען, אז זיא געהט ביי איהם בעטען אויף ברויט.... ווען איז עס געווען?...

— האָסט געהערט, וואָס ער האָט דיר געזאָגט, איידער ער איז ארויסגעלאָפען?... — פרעגט זיא, שטעהט אויף פון דעם אָרט און ווישט מיט דיא הענד דיא אויגען.

— וואָס האָט ער געזאָגט? — פרעגט ער צומישט און קוקט אויף איהר מיט אויסגעגלאָצטע אויגען — שנאָרער האָט ער מיך, דאכט זיך, גערופען... יע, יע, ער האָט עפּעס דערמאָנט דיין מאַמען.... מאַמעלעך! — טהוט ער פּלוצים אַ געשריי, און כאַפּט זיך פאַר'ן קאָפּ — ראָזא! אוי, איך פערשטעה שוין, איך פערשטעה שוין!... זיא איז געגאַנגען צו איהם?!... צו איהם?!... בעטען געלד אויף ברויט?!... ער זאָל רחמנות האָבען איבער אונז,

ער?!.... אַה, דערפאר רופט ער מיך שנאָרער?!.... ראָזא, ער האָט רעכט! — שרייט ער, כאַפּט אריין דיא פינגער אין מויל, בייסט זיי מיט אַ פערקרימטען פּנים און לויפט איבער׳ן שטוב:

— ער האָט רעכט!... איך בין טאַקי יעצט אַ שנאָרער!.... דיין מאַמע האָט מיך געמאַכט פאר אַ שנאָרער!... דיין מאַמע!... אָבער וויא אזוי האָט זיא עס געטהאָן, וויא אזוי?!.... זיא וועט קריגען ביי מיר אַ שווארצען סוף.... זיא וועט מוזען איהם דאָס געלד אוועקטראָגען צוריק און ווארפען איהם אין פּנים! — שרייט ער פערצווייפעלט....

— זיא וועט עס ניט טהאָן! — שרייט שוין מיט הארץ ראָזא — זיא וויל עסען! זיא פערשטעהט ניט פון קיינע איר דעאַלען.... דיא קליינע קינדער פערשטעהען אויך ניט פון איר דעאַלען!... פאפא, איך האָב געהערט דעם פעטער און יעצט זאָג איך דיר... יעצט... פאפא, מען קען אזוי ניט לעבען, מען קען ניט! — שרייט זיא אוים און מאַכט שטאַרק, מיט פערצווייפלונג, מיטביידע הענד: — איך וויל אויך בעסער לעבען... איך וואָלט אויך געקענט זיין אַ מענש, וויא דעם פעטער׳ס ראָזא, און אויך האָבען פערגניגונגען, וויא יענע, און ניט פארשווארצט ווערען!.... פּאַפּאַ, פריהער אָדער שפּעטער, מען דארף איין מאָל איינזעהען!... — שרייט זיא און עס פערכאַפּט איהר דעם אָטהעם פון אויפ־רעגונג.

דזשעק שטעהט נעגען איהר, וויא פערשטיינערט און קוקט אויף איהר מיט צומישטע אויגען. דאן צולאכט ער זיך שטיל מיט אַ בייסענדען געלעכטער.

— נו, אלזאָ, נו? — רעדט ער אוים שטיל און מיט ביטער־נעם אין טאָן. — ביזטו געוואָרען יעצט מיט איין מאָל קלינער!.... דער רייכער חכם האָט דיך מיט זיינע ווערטער קלוג געמאכט..... אויך רעכט, אויך רעכט!... אלזאָ, וואָס דענקסטו יעצט צו טהאָן?... וויא אזוי דענקסטו צו קריגען אזעלכע פערגניגען, וויא יענע ראָזא? אפשר דענקסטו צו געהן סקעבען צו איהם, הא? נעווער מיינד, דו מעגסט ביי איהם סקעבען, דו מעגסט!... ער איז

אַן אייגענער מענש... א פעטער... און דיין מאַמע שנאָרעט ביי איהם!.... — רעדט ער שטיל און שמייכעלט ביטער.

— אלע סטרייקער וועלען געהן יעצט צוריק ארבייטען — ענטפערט זיא שטיל און טהוט א זיפץ

— קיינער, קיינער, — דו הערסט? קיינער! — רעדט ער צווישען דיא ציינער און זיינע אויגען בלישצען דערביי ביי איהם פון אויפרעגונג — קיינער, וואָס איז נור ניט קיין סקעב!... ראָזא, דו געהסט טאַקי? וויא קנור? וויא דיא אַנדערע באַנדי־טען?..... דאַן זאָלסטו זיך שוין אויפזוכען א נייע לאָזשי אויך!.... ביי מיר אין שטוב קענסטו ניט זיין!... דו קענסט ניט, דו הערסט?... דאַן וויל איך דיך ניט קענען, איך וויל פון דיר ניט וויסען!.....

זיא שווייגט, שטעלט זך צו אהם מיט'ן רוקען, קוקט פאר זיך צוטראָגען און בייסט דיא ליפּען....

ער זעצט זיך אויף א שטוהל אין מיטען שטוב, שפּארט זיך אַן מיטביידע עלענבויגענס אַן דיא קניע, נעהמט אריין דעם קאָפּ איןביידע הענד, בייגט זיך אוים מיט'ן קערפּער אין פּאַראוים, קוקט מיט בייזע אויגען אויף איהר רוקען און שווייגט אויך. און דאָ מיט איין מאָל טהוט ער זיך א הויב פון אָרט, דיא ליפּען ציטערן ביי איהם, דער גאַנצער פּנים צוקט ביי איהם און ער אָטהעמט שווער... ער געהט צו צו ראָזא'ן און נעהמט זיא אַן פּאַר אַן ארעם.

— ראָזא! רופט ער מיט אַ ציטערנדען קול.

זיא טהוט זיך א קעהר צו איהם מיט'ן פּנים און מיט אראָפּגעלאָזענע אויגען.

— ראָזא, צווישען אלע אונזערע לאַנדסלייט — רעדט ער מיט א ווייכען ציטערנדען קול, אין וועלכען עס פּיהלט זיך א טיע־פער, טיעפער וועהטאָג — צווישען אלע אונזערע קרובים, אין אונזער גאַנצער הויז ביזטו ביז היינט געווען דיא איינציגע, וואָס האָט מיך פערשטאַנען.... וואָס האָט ניט געקוקט אויף מיר, וויא אויף א „משוגענעם“ — און יעצט, ראָזא, טאָכטער, דו אויך?!.... שוין אוים סאָציאַליסטקע? דיין פּאַפּא איז שוין א משוגענער,

זאָג, אַ? זאָג!.... ענדיגט ער לײדענשאַפטליך און מיט װעהטאָג.

— פּאַפּאַ — ענטפערט ראָזא מיט אַן אױפגערעגטען קול

— איך בין יעצט אױך אַ סאָציאַליסטקע, װיא פריהער.... אָבער דורכברעכען אַ געמױערטע װאַנד מיט׳ן קאָפּ קען מען ניט... מען זעהט, אַז דער סטרײק מוז פערלאָרען געהן, דארפען מיר ניט אומזיסט קעמפּפען און לײדען הונגער!...

— מען מוז קעמפּפען, מען מוז — שרײט אױס דזשעק מיט פײער — אָהן קעמפּפען װעט דער סאָציאַליזמוס קײן מאָל ניט קומען!.... און דעם סטרײק װעלען מיר אױך געװינען, דו װעסט זעהן, ראָזא, אַז מיר װעלען איהם געװינען!... קום נור מיט מיר צו גענאָסע שטאָקמאַן... דו װעסט זעהען!... מען דארף נור װאַ־רעמען, װארעמען, מוטה ערװעקען אין דיא סטרײקער!... קום מיט מיר צו גענאָסע שטאָקמאַן!... קום!...

אין דיעזער צײט עפענט זיך דיא טהיר און אין שטוב קומט אַרײן זײן פרױ, אַ הױכע, לאַנגע אידענע, מיט אַ מאָגערען, בלײכען שפּיציגען פּנים. זיא קומט אַרײן מיט אַ גאַנצער בארג מיט גראָסערי זאכען אין פּאַפּירענע זעקעלעך אױף דיא אָרעמס און סאָפּעט....

— ראָזא, — מאַכט זיא פערסאָפּעט — העלף ארונטער־נעהמען! דיא קישקעס האָב איך מיר אָבגעריסען שלעפּענדיג עס פון העסטער סטריט!... צװײ דאָלער גאַנצע אױסגעגעבען אױף בעבלעך און קאַשע, און אַנדערע קלײניגקײטען!....

ראָזא העלפט איהר אַראָפּצונעהמען דיא זעקלאך פון דיא אָרעמס און לײגט זײ אױפ׳ן טיש.

דזשעק קוקט בײז אױף זײן פרױ.

— הער אױס — מאַכט ער צו איהר אין דיא שנעל — איך האָב פאר דיר אָנגעגרײט אַ גאַנצען בײזען, פינסטערן חלום, נור יעצט האָב איך קײן צײט ניט אױסצו׳בטל׳ן איהם צו דײן קאָפּ.... װיפיעל געלד האָסטו בײ איהם אױסגעשנאָרעט?...

— בײ װעמען? — פרעגט זיא.

— ביי אונזער קאפיטאליסט — שרייט ער מיט א פער־שטיקטער אויפרעגונג — ביי וועמען פרעגט זיא!...

— אך, לאז מיך צופריעדען! מאכט זיא מיט אונגעדולד
— בעסער זאג מיר: וואס זאל איך היינט קאכען צו סאפער: קאשע אדער בעבלאך? — פרעגט זיא איהם מיט א פריינדליכען טאן.

— נו, נו, זאג מיר: וויפיעל געלד האסטו ביי איהם גע־נומען?... מען דארף דאך וויסען, וויפיעל איהם קומט! — שרייט ער.

— צעהן דאלאר!... צוויי דאלער איז שוין אוועק!....
— טא גיב מיר דיא אכט דאלער! זאגט ער.
— וואס הייסט, איך זאל דיר געבען? — פרעגט זיא פער־וואונדערט.

— אט דאס הייסט פשוט מיר געבען אין האנד!... נו, איך האב קיין צייט ניט! שרייט ער.

— אוי, געה שוין, משוגענער, געה! פערדרעה זיך אליין דעם קאפ! — ענטפערט זיא שוין ווערענדיג אין כעס: — דיא געלד זאל איך איהם אפגעבען? פאר'ן „יונע", וואס? אז פער־ברענט זאלט איהר ווערען מיט אייער „יונע"!...

דזשעק פאנגט אן צו קלאפען מיט'ן האנד נאכאנאנד אין טיש, אז דיא זעקלעך מיט דיא קאשע און בעבלעך הייבען אן צו טאנצען איבערן טיש, דרעהען זיך איבער מיט'ן קאפ אראפ און שיטען זיך אויס....

— דאס געלד — דונערט ער — יענטע, דאס געלד!....
— אוי, וואס דער „אכוואטניק" האט־צו טהאן פון דיא עסענוואַרג! ער איז שוין משוגע געווארען!... ראזא, זאג איהם, ער זאל סטאפען — צוואמערט זיך פלוצים יענטע אויפ'ן קול.

ראזא טהוט א מאך מיט'ן האנד פערצווייפעלט און לויפט ארויס פון שטוב...

יענטע כאפט ארויס דאס געלד פון א פאקעט.

— נאָ, בלוטזויגער, נאָ! — שרייט זיא מיט געוויין — ווער דערוואָרגען, הענג זיך, טרינק זיך מיט דיין יונע!....

זיא טהוט א שמיץ דאָס געלד אויפ'ן טיש און וויינט.

דזשעק כאַפּט דאָס געלד, ציילט איבער מיט ברענענדיגע אויגען און סאָפּעט שווער. דאַן שרייט ער אוים מיט א פערשטיקטען קול פון אויפרעגונג:

— ראָזאַ! וואו איז זיא אַנטלאָפען?.... נישקשה — טהוט ער דאָ זיך א קעהר צו זיין פרוי — איך וועל דאָס געלד ניט פערטרינקען.... דו ווייסט, אז איך טרינק ניט... דאָס געלד וועל איך דעם בלוטזויגער אָפּשיקען צוריק.... איך וועל זעהן צו קריגען נאָך צוויי דאָלער.... שנאָרען געהסטו גאָר?... שנאָרען? דיא קישעלעך פערלייג, אָבער קיין שנאָרערין זאָלסטו ביי מיר ניט זיין!...

און ער לופט אַרוים פון שטוב....

3.

אין א שטונדע ארום לויפט דזשעק איבער אָרטשאַרד סטריט, צוטראָגען, פערהאָוועט, פערשוויצט, מיט דעם שטרויענעם הוט פאררוקט אויפ'ן פּאַטילניצע, — ער לויפט צום לאָקאַל פון דיא סטרייקער.

ארום לאָקאַל אין אָרטשאַרד סטריט איז לעבעדיג. ארבייטער — אי אינגערע, אי עלטערע, אי מיט בערד, אי אָהן בערד, שטעהען אין בעזונדערע קופּקעלאַך און טומלען זיך איבער דעם סטרייק. אנדערע ארבייטער האָבען אויסגעטהאָן זייערע רעקלאַך, האַלטען זיי אונטער דיא פּאַכוועס, אויף דיא ארעמס און איבער דיא אקסלען. מאַנכע צוהיצטע ארבייטער, שרייענדיג אויפ'ן קול, האַלטען צו דיא אַנדערע פאר דיא לאַטצען, פאר דיא קנעפּלאַך און זאָגאר פאר דיא פּאָלעס פון דיא בגדים... אייניגע יונגע ארבייטער, פראַנטען מיט לאַקירטע שיכלאַך און מיט בלומעלאַך אין דיא לאַטצען, שטעהען דאָ אויך צווישען דיא אנדערע קופּקעלאַך ארבייטער, שפּאַסען מיט יונגע מיידלאַך, אויך אויסגעפראַנטעוועט, ריידען מיט זיי פון דער טאַנץ־אַקאַדעמיע און פון

דיא לעצטע ליעדעלאך פון טהעאטער.... פיעלע עלטערע ארביי־טער, מיט פער׳צרה׳טע פנים׳ער זיצען גאר אויפן טראטואר, אנ־געשפארט מיט דיא רוקענס אן דער הייסער, אנגעברענטער פון דער זון, געמויערטע וואנד פון לאקאל, מיט דיא הענד פערבראַ־כען ארום דיא פעררייסענע קניע, הערען זיך צו צו דעם ארומיגען טומעל און קוקען דערביי ארום זיך מיט א טעמפען אויסדרוק אין דיא אויגען....

און דער טומעל ארום איז שטארק, וויא אוף א יאריד.... מען שרייט, מען קאכט זיך, מען זידעלט זיך אויף א פערשיעדענעם זשארגאן: אי אויף א ליטווישען, אי אויף א פוילישען, אי אויף אן אונגארישען, אי אויף א גאליציאנעם, אי אויף אן אמעריקאני־זירטען זשארגאן....

ביי דעם טראטואר נעבען לאקאל און ארום דעם טראטואר אנטקעגען שטעהען פעדלערס מיט וועגלאך מיט פערשיעדענע סחורה און שרייען אוים מיט ליארם און געפילדער זייערע מציאות און רופען קונים.... עס פאהרען נאך פערביי דעם לאקאל שווערע וועגען פון עקספרעס־לייט מיט א טראסקעריי איבער דער ברוי־קירטער גאס, — און דיזע פארשיעדענע קולות מישען זיך אוים אין דער לופט אין איין שרעקליכען בעטויבענדען הו־הא....

דיא זון ברענט, דיא לופט שטיקט, איז אנגעפיללט מיט דיא ריחות פון פיש, עפעל און פון אנדערע עסענוואַרג, וואס איז אויסגעלייגט אויף דיא אנגעברענטע וועגלאך פון דיא פעדלערס...

צוגעלאפען צום לאקאל, בלייבט דזשעק שטעהן און קוקט זיך ארום אויף דיא קופקעלאך און זוכט מיט דיא אויגען „צו־טראגען.

נעבען איין קופקעלע שטעהט א הויכער, בלייכער יונגער־מאן, מיט שמאלע פלייצעס, מיט א שפיציגען פנים, מיט בלאנדע וואנצעס און מיט קליינע, כיטרע, קעצישע אויגען. דער יונגער־מאן האלט זיין שווארצען, לוסטרינענעם רעקעל אריבערגעהאנ־גען אויף׳ן אקסעל, מאכט מיט זיינע לאנגע, דארע הענד צו דיא ארומיגע און שרייט מיט היטץ.

דזשעק׳ס אויגען פאלען אויף איהם און זיי צינדען זיך גלייך אן מיט א בייזען פייערל. ער קעהרט אפ דעם קאפ מיט א צוקרימטען פון האס פנים און טהוט א שטארקען שפיי.

פלוצים שרייט אוים אימיצער פון דער קופקעלע: — אט איז דאך קארל מארקס!

אלע פון קופקעלע טהוען זיך א קעהר מיט דיא אויגען אויף דזשעק׳ן. דער לאנגער יונגערמאן מיט׳ן רעקעל איבער׳ן אקסעל טרעט ארוים פון דער קופקעלע, נעבען וועלכער ער איז ביז יעצט געשטאנען, נעהנטער צו דזשעק׳ן און שרייט אוים מיט א הייזעריגע שטימע:

— ער איז דאך טאקי דא! היינט ווער האט עס געזאגט, אז געגאסע קארל מארקס ליעגט אין דער אדמה?!.....

דזשעק טהוט זיך א קעהר צו איהם, קוקט איהם גלייך אין פנים מיט דיא אויגען, וויא ביי א צורייצטען וואלף, און רעדט ארוים מיט זיין באס־שטימע לאנגזאם און צווישען פערשצעמעטע ציינער:

— פייוועלע קנור, דו סקעבישע נשמה, ווענען זוכסטו דא, צווישען עהרליכע ארבייטער?.... אך, א קלאג צו דיינע יאהרען — טפוי!

און ער האט א שפיי געטהאן מיט דער גאנצער קראפט.

קנור צולאכט זיך, קוקט דזשעק׳ן גלייך אין פנים און לאכט צולהכעיס׳דיג. דער עולם איז געזעמעל לאכט אויך — עס איז שווער צו זאגען, צי פון קנור, צי פון דזשעק׳ן....

צוויי יונגע לייט, מיט צוהיצטע פנים׳ער און מיט בליש־צענדע אויגען, לויפען צו צו דזשעק׳ן פון א ווייטערע קופקע און פרעגען איהם מיט אימפעט: — נו, קומט שטאקמאן?

— יע, ער קומט גלייך! — ענטפערט דזשעק און זיין פנים לייטערט זיך גלייך אוים.

— פאטריאטען — שרייט קנור פון דער ווייטענס, קוקט אויף זיי מיט זיינע קעצישע אויגען און שמייכעלט גיפטיג: — קארל מארקס פאטריאטען!

ווידער א געלעכטער. דזשעק מיט דיא צוויי יונגע לייט שוויינען.

אין דיעזער צייט טרעט ארויס פון אהינטער קנור'ס רוקען א בלייכער ארבייטער מיט א שווארץ קאלטאוואטע בערדעל, א קליינער, א דארער, מיט א רחמנות'דיגען, פערצרה'דיגען פנים און מיט אן אויסגעבויגענעם רוקען. ער טרעט ארויס מיט אן אימפעט, ביידע הענד אויסגעשטרעקט אין פאראויס, מיט דיא לאדאנעס ארויף...

— וואס לאכט איהר? — שרייט ער מיט רחמנות אין קול און קעהרט זיך אויף אלע זייטען מיט זיינע אויסגעשטרעקטע הענד: — וויינען דארף מען, וויינען און זיי לאכען נאר! איהר זאלט אויף מיר קיין פאראיבעל ניט האבען, ווענדעט ער זיך דאן צו דזשעק'ן מיט זיינע אויסגעשטרעקטע הענד — איך וויל זיך, חס ושלום, מיט אייך ניט קריעגען, איך בין ניט אזא מענש, וואס זאל זיך קריעגען, איהר קענט דאך מיך? אבער איהר זייט א הרג נפש, א רצוח היער, את וואס איהר זייט!... איהר האט אונז פערפיהרט! אייער קאפ, זאל זיא אויסקריינקען! שטייטש, מיר הונגערען! און פאר וואס, פאר ווען סטרייקען? דער באס איז אן עהרליכער מאן... אייערער א ברודער... אבער איהר מענט געהן דיא כפרה פאר זיין מינדעסטען נאגעל!... סטרייקען גאר? פאר וואס? פאר וואס? נו, איז ניט קיין „יונג-שאפ“, איז ניט — דערפאר גאר סטרייקען? וואס זאגט איהר, הא? — טהוט ער זיך א קעהר צו דיא ארומיגע — בין איך אפשר ניט גערעכט, הא?

— בראווא, דזשייקאבס! גיעבען איהם אונטער חשק איי-ניגע לצנים ארבייטער פון דיא אינגערע — גיעט, גיעט קארל מארקסען, זאל ער עם וויסען!...

אנדערע אין געזעמעל, פון דיא עלטערע, מיט פערחושך'טע פנים'ער, זאגען, אז חוזק מאכען איז ניטא וואס פון דזשייקאבס'ן, אז ער רעדט, וואס ביי אלע סטרייקערס איז אויפ'ן הארצען...

— וואָס בײַ אַלע — כאַפּט זיך אַרויס אײנער פון די יונגע לײט נעבען דזשעק׳ן — „אָבער ניט!...“ ווען אַלע וואָלטען געדענקט, ווי דזשײקאָבס און פײוועלע קנור, וואָלט קײנמאָל קײן סטרײק ניט געווען...

— בהמות סטרײקען ניט — לײגט נאָך צו דער צווײטער יונגערמאַן נעבען דזשעק׳ן מיט פײער — צו מע גיעט זײ צו קײען הײה, אָדער שטרוי, אָדער גאָר מכות!...

עס ווערט אַ שטיקעלע מהומה... אַלע מיט אײן מאָל אַרום קנור׳ן הײבען אָן צו רײדען, צו לאַכען און צו מאַכען מיט די הענד...

קנור שרײט צום יונגענמאַן, וועלכער האָט איהם פער־גליעכען צו אַ בהמה: — דו לויזער דו, דו פּאַסקודנער קאַרל מאַרקס חסיד דו, וואָס ווײסטו פון בהמות? דו האָסט דאָך אין דערהיים געפּאַשעט חזירים!...

— און דו ביזט מסתמא אין דער־היים געווען אַ רב? — פרעגט דער יונגערמאַן סאַרקאַסטיש און צײגט אויף איהם מיט׳ן פינגער — קוקט נור אָן אונזער רב, פײוועלע קנור מיט דער סקעבּישער נשמה! קוקט איהם נור אָן! אַ פּנים, אַ פּאָאַר אײג־עלעך, די שכינה רוהט אויף זײ! אַ קלאָג צו קאָלומבוסען!...

אַ געלעכטער פון די אַרומיגע. דזשעק מישט זיך אַרײן:

— סעם — זאָגט ער צום יונגענמאַן — לאָז איהם צו־פריעדען. וואָס האָסטו זיך געשטעלט טענה׳ען מיט קנור׳ן?... אַרבײטער אײניגקײט, האַ? — זאָגט ער דאַן מט אַ טרויעריגען שמײכעל הויך אויפ׳ן קול — ווען קאַרל מאַרקס זאָל עס זעהען, וואָלט ער דאַן אויך געזאָגט: „אַרבײטער פון אַלע לענדער פער־אײניגט אײך?...“ ווי קענען זיך אַלע אַרבײטער פעראײניגען, ווען עס זײנען דאָ צווישען זײ אַזעלכע, ווי קנור און דזשײקאָבס!

דערבײַ קוקט ער זײ אָן, קנור׳ן און דזשײקאָבס׳ן, מיט בלישצענדע, שטעכעדיגע אויגען און רעדט אַרויס מיט האַס צווישען די צײנער:

— פעררעטהער! פעררעטהער!...

אין דיזער צייט קייקעלט זיך ארויס פונ'ם לאָקאַל א איד פון מיטעלע יאָהרען אויף קורצע דיקע פיסלאך, א דיקער, א רונדער, א קורצער, מיט א פולען רונדען, שווארצען און גוט־מיטהיגען פּנים, מיט גרויסע, שווארצע לאכעדיגע אויגען און מיט א לאַנגע שווארצע, וויא פּעך, וואָנצעס — א איד, וועלכער קוקט אויס מעהר וויא א איטאַליענער.

— שאַ, אַט קומט נאָך א גענאָסע — שרייט קנור אויס. דערזעהענדיג איהם: — ברוכים הבאים, גענאָסע סיימאָנקע טראסקן!

— וואָס איז דער מעער, פּייוועלע קנור? — פרעגט דער איד מיט א הייזעריגע שטימע, קייקעלט זיך צו צו דזשעק'ן, שטעלט זיך נעבען איהם אָפּ און קוקט גוטמוטהיג אויף קנור'ן.

— אַט גאָר נישט! — מאַכט קנור, קוקענדיג אויף איהם מיט זיינע קעצישע אויגען און שמייכעלט מיט זיין גיפטיגען שמייכעל: — איך פרייה זיך נור, וואָס כאָטש דוא, סיימאָנקע טראסק, לעבסט נאָך... גענאָסע באקונין איז טויט, גענאָסע קאַרל מאַרקס ליעגט אויך אין דער אדמה און אז דיך וואָלט דער שווארץ יאָהר צוגענומען, וואָס וואָלטען מיר דאַן געטהאָן אָהן אזעלכע דריי גרויסע גענאָסען?

עס הויבט זיך אויף פון ארום א שטאַרקער געלעכטער. ארבייטער פון דיא ווייטערע געזעמעלס לויפען אויך צו, צוגע־צויגען פון דעם ליארמענדען געלעכטער... דער געזעמעל אי ארום דזשעק'ן, אי ארום קנור'ן, ווערט גרעסער...

דזשעק שמייכעלט אויך, אָבער מיט גאַל, טראסק קוקט אויף קנור'ן, ווישט זיך מיט א טיכעל דעם שוויים פון'ם שטערען, פון דעם שטאַרקען נאַקען און לאַכט זיך גוטמוטהיג. דאַן זאָגט ער מיט דער זעלבער גוטמוטהיגקייט, וויא פריהער:

— פּייוועלע קנור וועט מיט דער צייט זיין אַלל רייט....

אָל בעטש יו. אז מיט דער צייט קען ער נאָך נעהמען פערשטעהן, אז צו זיין א סקעב איז גאָר ניט שעהן... זאָג מיר נור, פּייוועלע,

איך האָב דאָ עפּעס פריהער בעמערקט כליעבניצקים פּאַרמאַן ארום האָלל... וועמען האָט ער געזוכט: דיך?

— ווילסט טאַקי וויסען? — פרעגט קנור אין א צו־להכעים טאָן — ווארט, דוא וועסט שוין היינט וויסען.

דזשעק טהוט זיך דערביי האסטיג א קעהר צו סיימאָנקען און פרעגט שטיל:

— דוא האָסט דאָ טאַקי געזעהען דעם פּאַרמאַן?

— שור — ענטפערט סיימאָנקע אויך שטיל — אוי ברודער, צרות! איך האָב זיך היינט אָנגעריסען, אז קוים וואָס איך רייד יעצט פון הייזעריגקייט... איך האָב אָבער מורא, אז אומזיסט. פוה! — ער מאַכט גוטמוטהיג מיט דיא ליפּען, וויא צום פּייפען — א קאַלטער ווינד!

— מע דאַרף ווארעמען... מיר דאַרפען זיך אָנשטריינגען... מיר טאָרען ניט דערלאָזען, אז דיא קנורס זאָלען נאָכדעם זיין דיא חכמים — מורמעלט דזשעק און קוקט אויף איהם מיט ברע־נעדיגע אויגען: — שטאָקמאַן וועט דאָ אויך זיין באַלד.

— אָט באַלד וועלען מיר דאָך וויסען, וואו מיר האַלטען? צו דער סטרייק וועט ווייטער פאָרטגעזעצט ווערען, אָדער.... פוה! — מאַכט סיימאָנקע — מע וועט דאָך באַלד אָפּשטימען!

— וואָס שושקעט איהר זיך דאָרטען? — רופט זיך דאָ אָב קנור, שטעהענדיג פון ווייטען, אויף דעם זעלבען אָרט, וואָס פריהער, און נעהמט אראָפּ זיין רעקעל פון אקסעל און לייגט איהם אונטער'ן פּאַכווע: — רעדט העכער, מיר ווילען אויך הע־רען, וואָס זאָגען עפּעס דיא גענאָסען.

דזשייק שוויינט און סיימאָנקע טראַסק לאַכט גוטמוטהיג, נעהמט זיך ארוים פון קעשענע א פּיפּקע מיט טאַבאַק, נעהמט איהר אריין צווישען דיא ציינער און פּאַנגט אָן צו זוכען א שוועבעלע ביי זיך אין אַלע קעשענעס און געפינט ניט... קייקעלט ער זיך צו צו קנור'ן מיט דער פּיפּקע אין מויל און זאָגט:

— פּייוועלע, און א מעטש וועסטו געבען א גענאָסע?

— א מעטש? פייער בין איך בערייט צו געבען יעדען גע־נאָסע — מאַכט קנור, צונעהמט דעם רעקעל אונטער'ן פאַכווע און שלעפּט ארויס א שוועבעלע פון א קעשענע און דערלאַנגט איהר טראַסקען מיט דיאַ ווערטער:—נאַ, גענאָסע, צינד זיך אָן!...

נעהמט טראַסק דיא שוועבעלע, קעהרט זיך אום צו קנור'ן מיט רוקען, בויגט זי איין נידעריג צו דר'ערד און פאַנגט אָן צו רייבען דיא שוועבעלע אָן דיא שטיינער פון טראָ־טואר און אזוי וויא ער רייבט זיא, טהוט ער פּלוצים א שטויס מיט דער גאַנצער שווערקייט פון זיין הינטען קנור'ן אין דיא דינע קינע, אז ער, קנור, פליהט אראָפּ פון טראָטואר, ארויסלאָ־זענדיג דעם רעקעל פון אונטערן פאַכווע, מיט צושפּרייטע הענד, אקוראַט, וויא ער וואָלט זיך אָן עפּעס וועלען אָנכאַפּען און ווערט שיער ניט גע'הרג'עט... סיימאַנקע קוקט זיך אום רוהיג און גוט־מוטהיג, וואו קנור איז, און רויכערט...

— ראַסטאַנט! — שרייט קנור — איך וועל דיר דעם מוח צופּלעטען! וואו איז א שטיין?...

און ער נעהמט טאַקי זוכען אויף אַלע זייטען אַ שטיין.

— זוך זיך שוין אויף צוויי שטיינער — מאַכט טראַסק מיט דער זעלבער גוטמוטהיגקייט, רויכענדיג זיין פּיפּקע: — איין שטיין אויף א מצבה פאר דיר! נגע צרעת דוא — לייגט ער צו גאַנץ רוהיג, ניט אָפּגעגעסען זיך דאָס הארץ, מיט זיין היי־זעריגען קול — נגע צרעת דוא, וואָס טהוסטו דאָ צווישען אָרענט־ליכע ארבייטער? דוא ביזט א צרעת, דיין פּלאַץ איז דאָך מחוץ למחנה, וואו אלע סקעבס — פאַרכעם דארפען זיין!

דזשעק לאַכט אויפ'ן קול. דיא מעהרסטע פון דיא ארו־מיגע לאַכען מיט און אייניגע, צווישען זיי אויך דזשייקאָבס, בורטשען... קנור הייבט אויף זיין רעקעל פון דר'ערד, טרעט אָפּ אָן א זייט און זידעלט זיך...

אין דיעזער צייט געהט צו צום לאָקאַל מיט שנעלע טריט א בלאָנדער יונגערמאַן, א שלאַנקער, מיט אָן אָנגענעהמען איג־טעליגענטנעם פּנים און מיט בלויע פער'חלום'טען אויגען.

— שטאָקמאַן! שרייט אויס דזשעק מיט התפעלות און ווארפט זיך נאָך'ן יונגענמאַן אין לאָקאַל. סיימאָנקע און דיא איבעריגע ארבייטער, אויך דיא, וואָס זיצען אָנגעשפּארט אָן וואנד פונ'ם לאָקאַל, טהוען זיך א לאָז אריין אין לאָקאַל...

.4

דער לאָקאַל, ניט זעהר קיין גרויסער, איז געפּאקט מיט ארבייטער און ארבייטערינס. דיא שטולען, דיא בענק, וואָס זיינען אויסגעשטעלט נעהנטער צום פּלאטפּאָרמע, זיינען אלע בעזעצט און פון דאָרט ציהען זיך גאַנצע וואנד מיט מענשען אין דער לענג, אין דער ברייט און ביי דיא זייטען, ביז דיא סאמע טירען ביים אריינגאנג.

דער עולם ארום רעדט, שרייט, פּילדערט, לאכט און רויכערט. פון אלע זייטען טראָגען זיך רינגעלאך רויך פון פּיפּקעס און סיגארעטען, וועלכע מאכען דיא לופט אין לאָקאַל אונערטרעגליך, צום דערשטיקט צו ווערען...

אז שטאָקמאַן קומט אריין, הייבט זיך אויף א פּאטשעריי פון אלע זייטען מיט א געשריי: „אָרדער, אָרדער!" עס פּאטשט דאָרט דער מאַן אויפ'ן פּלאטפּאָרמע אין טיש און שרייט „אָרדער". עס פּאטשען און קלאַפּען, און שרייען „אָרדער" דיא וואָס זיצען. עס פּאטשען און שרייען „אָרדער" דיא, וואָס שטעהען... עס פּאטשען פרויען אין דיא הענד און קוויטשען „אָרדער" און עס נעהמט גאַנצע פינף מינוט ביז דער בעטויבענדער אונאָרדנונגס געשריי „אָרדער" ווערט איינגעשטילט...

עס ווערט שטיל ערשט דאַן, ווען שטאָקמאַן בעווייזט זיך אויפ'ן פּלאטפּאָרמע. עס ווערט אזוי שטיל, אז מע הערט דעם זשומען און דעם שלאָגען זיך פון א פליעג אָן א שויב פון א פענסטער אינעווייניג אין לאָקאַל, — דעם צאַפּעלדיגען זשומען, וועלכער ווערט ענדליך פערטרונקען אין דעם רוישען פון רעדער פון א וואָגען, וואָס פאָהרט פערביי דעם לאָקאַל....

דזשעק און סיימאָנקע האָבען זיך דורכגעקוועטשט צווי־
שען דעם עולם און האָבען זיך געזעצט אויפ'ן פּלאַטפאָרמע
אהינטער דעם רעדנער.

שטאָקמאַן טהוט א פיהר מיט'ן האנד איבער זיין בלאָנ־
דען קאָפּ, בעטראכט א ווײלע פון דער פּלאַטפאָרמע דעם עולם
ארום זיך און פאַר זיך מיט פערחלום'טע אויגען און דאַן זאָגט
ער מיט א שטילער שטימע, וועלכע הילכט אָבער אָפּ איבערן
גאַנצען לאָקאַל:

— פריינדע, ווען איך בעטראכט יעצט דיעזען האָל, פול
מיט שטיקענדען רויך, מיט פערפעסטעטער לופט, דערמאָן איך
זיך אָן אייער גאַנצען לעבען און איך דענק, אז ווען מען זאָל
יעצט עפענען א פענסטער און עס זאָל טאַקי אריינקומען א
ביסעלע פרישע לופט, וואָלט אייך זיכער ניט פערשאַדט!...

עס הייבט זיך אויף א בראַוואָ־געשריי און א געלעכטער,
און א פּאַטשעריי צווישען דעם עולם, אז דיא ווענד, דאַכט זיך,
ציטערען... דזשעק שפּרינגט אויף, שרייט: „עפענט דיא פענ־
סטער.“ איינינע מיט איינמאָל ווארפען זיך צו דיא פענסטער
און מע עפענט זיי מיט געפּילדער. דזשעק זעצט זיך דאַן ווידער
נעבען סיימאָנקען אהינטער דעם רעדנער און שושקעט איהם,
סיימאָנקען, אריין אין אויער מיט א צופריעדענעם שמייכעל,
צוגאָסען איבער זיין פנים: „וויא ער האָט זיי עס א זאָג געטאָן!
אָט ער וועט זיי באַלד דערוואַרעמען!“ אויף וואָס סיימאָנקע
טהוט צופריעדען א מאַך מיט'ן קאָפּ, אז עס איז טאַקי אַזוי,
און טהוט איהם א צופּ פאַר'ן ארבעל, ער זאָל שווייגען...

עס איז ווידער שטיל... שטאָקמאַן רעדט ווייטער. און
ער רעדט יעצט העכער, און זיין שטימע קלינגט העלער, ריינער
און קלאָרער... א מערקווירדיגע שטימע! דיא געוואוינליכסטע
ווערטער גיעט זיא איבער מיט אַזא צויבער, קריעגען דורך איהר
אַזא קראַפט, אז ביים עולם הייבען זיך הענד און פיס, הערענ־
דיג זיא....

און ער רעדט, און ער רעדט, און וואָס לענגער ער רעדט, אַלץ העכער און קלערער קלינגט זיין שטימע, אַלץ שטאַרקער אַפּלאַדירט איהם דער עולם, אַלץ מעהר און מעהר רייסט ער זיך אַליין היין פון דעם עולם'ס אַפּלאַדיסמענטען... דיא אויגען ברע־נען ביי איהם, איבער זיינע באַקען איז צוגאָסען אַ ראָזעווע פאַרב און דיא ווערטער וואָס רייסען זיך פון זיינע ליפּען זיינען, דאַכט זיך, ניט סתם ווערטער, נור פונקען, דאַכט זיך, פייערדיגע פונ־קען, וואָס צוהיטצען און צוברענגען דיא צוהערער.

דזשעק אַהינטער איהם איז האַלב פּעררינקט פון גדולה, דען ביי יעדער שטאַרקער פראַזע, וואָס שטאָקמאַן זאָגט, שטורכעט ער סיימאָנקען מיט'ן עלענבויגען אין זייט און ביי יעדען בראַוואָ געשריי, וואָס ביים פּובליקום רייסט זיך אַרויס, קנייפּט ער סיי־מאָנקען ביים אָרעם, צופּט פון איהם דאָס פליייש מיט דיא ווער־טער: „ער וואַרעמט, ער וואַרעמט“, אַז סיימאָנקע רוקט זיך אָפּ מיט זיין שטוהל ווייטער פון איהם.

און שטאָקמאַן רעדט אַלץ און רעדט...

— אָה, אַרבייטער — הילכט זיין בעצוויבערענדע שטימע — אַרבייטער, ווען איהר וואָלט פערשטעהען דיא מאַכט פון אַ יוניאָן, וויא אייערע באָסעס פערשטעהען עס, — אָה, דאַן וואָלט אייער לעבען ניט געווען אַזוי פער'חושך'ט, פערפינסטערט, אַזוי אונגליקליך! איהר מיינט, אַז אייערע באָסעס בעקעמפפען אייך אומזיסט? ניין! זי וויסען, אַז אַן איינצעלנעם ריטעל איז לייכט צו צוברעכען; אַז אַן איינצעלנע פאָדים איז לייכט צו צורייסען... און אַז פון פעראייניגטע ריטלאַך קען ווערען אַ בעזים; אַז פון פעראייניגטע פעדים קען ווערען אַ בייטש, — אַ בעזים, וואָס זאָל אין צייט פון'ם קאַמפּף זיי אַרויסקערען, אייערע באָסעס; אַ בייטש, פאַר וועלכע זיי זאָלען דאַרפען צי־טערען! דאַרום בעקעמפפען זיי אייערע יוניאָנס און דאַרום מוזט איהר קעמפּפען פאַר אייערע יוניאָנס! אַרבייטער, זייט פעראייניגט אין אייערע יוניאָנס, קעמפּפט האַנד אין האַנד,

שולטער צו שולטער און אייער אלעמענס זיעג איז געזיכערט! — ענדיגט ער מיט פייער.

א געוואלדיגע „בראוואָ“ ענטפערט דאָ דעם רעדנער, דונערענדע אפלאָדיסמענטען פערהילכען דעם לאָקאל. סעם — דער יונגערמאן, וואָס האָט זיך פריהער געקריעגט אין דרויסען מיט קנור'ן, שפּרינגט ארויף אויפ'ן פּלאטפאָרמע מיט א צו־היצטען פּנים און שרייט צום פּובליקום:

— וואו איז קנור מיט דיא אנדערע סקעבישע נשמות? האָבען זיי עס געהערט? האָבען זיי עס פערשטאנען?

— האָ — הו — האָ — הו — האָ — האָ! — שרייט ווילד דער עולם.

— טראָך — טראָך — טראָך — טראָ־אָך! הילכען דיא אפּלאָדיסמענטען.

איינער, א עלטערער איד, מיט א פער'צרה'טען פּנים, מיט א שווארצער צופלאָנטערטער באָרד, שפּרינגט ארויף אויף א שטוהל, הייבט אויף דיא האנד אין דער הויך און שרייט אוים מיט התלהבות.

— טרי „צשערס“ פאר אונזער רעדנער!

— הוררייו! אורראַ! שרייט מען פון ארום.

דזשעק ווארפט זיך צו סיימאנקען מיט א צופלאמטען פּנים און מיט א ברייטען גליקליכען שמייכעל אויף דיא ליפּען:

— האָ, סיימאנקע, דערוואַרעמט, האָ? — מורמעלט ער גליקליך.

— דאָס וועלען מיר ערשט באלד זעהען ביים אָפּשטימען — מאכט זיך קאלטבלוטיג סיימאנקע און שמייכעלט מיט זיין געוואוינליכען גוטמוטהיגען שמייכעל: — דוא קענסט דאָך אונזערע קלאָקמאכער? זאָגט זיי איינער „באָם“ מאכען זיי „באָם!“ זאָגט זיי א צווייטער „בים“, מאכען זיי „בים!“...

שטאָקמאן פערלאָזט דיא פּלאטפאָרמע מיט שפּורען פון בעגייסטערונג אויף זיין פּנים. דזשעק לויפט איהם אין פאָראויס און קוועטשט איהם דורך א וועג מיט דיא פּלייצעס צווישען דעם ענגען פּובליקום. ביים טהיר זעגענט ער זיך מיט שטאָקמאנען

און בעדאַנקט איהם מיט אַ שטראַהלענדען פּנים. דאַן וויל ער זיך צוריק קעהרען צום פּלאַטפאָרמע, דערזעהט ער פּלוצים זיין ראָזאַ ניט ווייט פון זיך, ביים טהיר.

— נו, ראָזאַ, גוט, האַ?... פרעגט ער מיט אַ לייכטענדען פּנים.

— איך ווייס ניט! — ענטפערט זיא מיט אַ געצוואונגענעם שמייכעל — מיר וועלען זעהען, וויא מע וועט שטימען...

דזשעק'ס פּנים בעציהט זיך פּלוצים מיט אַ וואָלקען און דיא אויגען טהוען ביי איהם בייז אַ בלישצע.

— ראָזאַ! מאַכט ער שטרענג — דעם בלוטזויגער'ס ווערטער, האַ?!

— אַך, מאַכט זיא — לאָז מיך צופריעדען! אַט קנור וועט דאָ באַלד זיין מיט'ן פאַרמאַן! דוא וועסט זעהען, וויא זיי וועלען שטימען! עס מאַכט נישט, וואָס זיי האָבען שטאָקמאַנען אַפּלאָדירט... איך ווייס זייער אַלעמענס מיינונג וועגען סטרייק..... פּאַפּאַ, אומזיסט, איך זאָג דיר, אז דאָס איז אומזיסט! מאַכט זיא מיט הארץ, טרעט אָפּ פון איהם און פערשווינדעט צווישען פּובליקום....

ער בלייבט שטעהן, אזוי וויא ער וואָלט געקראָגען אויסגעפּאַטשט אונערוואַרטעט פון זיינעם דעם בעסטען פריינד פאַר אַ זאַך, פאַר וועלכע ער האָט ערוואַרטעט, אז יענער זאָל איהם לויבען.... ער פיהלט זיך בעליידיגט און שטאַרק פאַסקודנע אויפ'ן הארצען.

דער עולם ארום אין לאָקאַל הייבט אָן דערווייילע ווידער צו ריידען צווישען זיך. מע לאַכט, מע שרייט, מע פּילדערט און מע רויכערט דיא פּיפּקעס און דיא סיגאַרעטען...

סיימאָנקע האָט פערלאָזען דיא פּלאַטפאָרמע, געהט צו צו דזשעק'ן מיט'ן פּיפּקע אין מויל און זאָגט:

— דזשעק ווייסטו וואָס? מע האָט יעצט געדאַרפט שטימען.

— שטימען? — פרעגט דזשעק צוטראָגען און טהוט זיך גלייך אַ כאַפּ — שטימען? יעס, ביזט גערעכט! טאַקי יעצט שטי־

מען!... מיסטער טשערמאַן — שרייט ער מיט אַלע קרעפטען מיט זיין באַס שטימע, וועלכע ווערט אָבער דערטרונקען אין דעם ארומיגען טומעל — רופט צו אָרדנונג!

דער פּאָרזיצענדער שרייבט עפּעס דאָרט אויפ'ן פּלאַטפאָרמע און הערט איהם ניט.

דזשעק נעהמט זיך דורכקוועטשען צום פּלאַטפאָרמע, אהינטער איהם ארבייט מיט דיא פּלייצעס צווישען עולם סיימאַנקע...

אין דיעזער צייט לויפט אריין אין לאָקאַל קנור מיט'ן רעקעל איבערן אַקסעל, נאָך איהם א יונגערמאַן אין ברילען און אהינטער דעם יונגענמאַן — דזשייקאָבס, מיט אַן איינגעהויקערטען רוקען, און נאָך אנדערע: אי מיידלאַך, אי יונגע לייט...

— דער פּאַרמאַן!... — לויפט דורך, וויא א שטורם, א געמורמעל איבערן לאָקאַל...

* * *

אין לאָקאַל איז יעצט שטיל... אַלע קוקען, איינגעהאַלטען דעם אָטהעם, צום פּלאַטפאָרמע צו, וואו עס זיצט דער פּאָרזיצענדער. דיא, וואָס שטעהען אין דיא הינטערסטע רייהען, ציהען זיך אויס אין זייער גאַנצען וואוקס, פערדרייסען הויך דיא קעפּ איבער דיא אקסלען פון דיא, וואָס שטעהן אין דיא פאָדערשטע רייהען, און קוקען שטאַרק אָנגעשטרענגט אהין.

דזשעק מיט סיימאַנקען שטעלען זיך ביי א זייט נעבען פּלאַטפאָרמע, דזשעק מיט א פינסטערען פּנים, סיימאַנקע רוהיג, מיט דער פיפקע אין מויל. דער יונגערמאַן אין דיא ברילען שטעהט אנטקעגען זיי, אויף דער אנדער זייט, נעבען פּלאַטפאָרמע, קנור און דזשייקאָבס געגען איהם.

דאַן שפּרינגט ארויף קנור אויפ'ן פּלאַטפאָרמע מיט'ן רעקעל איבער'ן אַקסעל, זאָגט עפּעס דעם פּאָרזיצענדען און שפּרינגט צוריק אראָפּ און שטעלט זיך ווידער נעבען דעם יונגען מאַן אין דיא ברילען.

דער פּאַרזיצענדער שטעלט זיך אוועק, קלאַפּט אָן מיט א שווערען אייזערנעם האמער אין טיש און ווענדעט זיך צום עולם:

— ברידער! מיסטער כליעבניצקי האט צו אונז געשיקט דעם פאַרמאַן מיט אַן ערקלערונג. ווילט איהר איהם אויסהערען?

— יעס־עס! — קלינגט אָפּ פון אלע זייטען.

עס דערהערט זיך א רוקען פון שטולען, א געשריי: „אָרדער, אָרדער, שאַ!... זאָל זיין שטיל, אינדיאַנער!" דיא וואָס זיצען אויף שטולען, אויף בענק, שטעלען זיך אויף זיי אוועק, אום צו זעהען בעסער, ווען דער פאַרמאַן וועט ריידען. און דיא, וואָס שטעהען אין דיא הינטערשטע רייהען, שטופּען זיך נעהנטער צום פּלאַטפאַרמע צו... צווישען עולם ווערט א גערדענג, א שטיקענעש און א דריקעניש. ווידער א טומעל און א געשריי „אָרדער" און א קלאַפּען פון פּאַרזיצענדען מיט'ן האמער אין טיש, ביז דער יונגערמאַן אין דיא ברילען בעוויזט זיך אויפ'ן פּלאַטפאַרמע. דאַן ווערט עס ווידער שטיל, וויא אויף א בית עולם....

דער יונגערמאַן איז בלייך, קוקט צושראַקען ארום זיך דורך זיינע ברילען, ער הייבט אָן צו ריידען.

— פריינד — רעדט ער — דער באַס מיסטער כליעבניצקי האָט מיך אהער געשיקט, איך זאָל אייך ערקלערען פאָלגענדעס: עס זיינען צווישען אייך דאָ „הענד", וואָס האָבען ביי איהם גע־ארבייט מעהר פון צעהן יאָהר... זיי האָבען אימער ביי איהם געמאַכט א שעהן לעבען... יעצט הונגערען זיי, און ווארום? האָט זיי מיסטער כליעבניצקי דען געסעקט? האָט ער דען ביי זיי אראָפּגעריסען פון דיא פּרייזען? אָדער האָט ער דען ניט געגעבען גענוג ארבייט צו געבען אייך, אז זיי און איהר אלע זאָלען קענען מאַכען א שעהן לעבען? דאָס גראָדע ניט! איהר הונגערט, ווייל איהר סטרייקט! אייערע קינדער הונגערן, ווייל איהר סטרייקט!

— און אונזערע באָבעס הונגערן, ווייל מיר סטרייקען!

— ברעכט איהם דאָ דזשעק אויפגערעגט אונטער מיט זיין באַס

— וואָס האָט איהר זיך געשטעלט דאָ זאָגען אונז מוסר? רעדט, וואָס וויל דער באָס און מאכט ניט קיין חוזק.... רעדנער מיינער!...

— לומפּ! — שרייט אוים קנור מיט בלישצענדע אויגען אויף דזשעק און שפּרינגט ארויף אויפ׳ן פּלאַטפּאָרמע מיט דעם רעקעל איבער׳ן אַקסעל און ווענדעט זיך צום עולם, שרייענדיג מיט אַלע כוחות:

— בלינדע מענשען, וואָס איהר זייט, וואָס לאָזט איהר זיך פערפיהרען פון א לומפּישען „צאָצעליסט?" מע וועט דאָך אייך באַלד ארויסוואַרפען פון אייערע דירות... איהר וועט דאָך צושטאַרבען אין סטריט פון הונגער! דער פּאָרמאַן איז אַליין געקומען צו אייך, ער רעדט צו אייך וויא צו מענשען, און אַזאַ לומפּ, וויא קאַרל מאַרקס....

— ער קוילעט אונז, כאַפּט אונטער דזשייקאָבס און שפּרינגט אויך ארויף אויפ׳ן פּלאַטפּאָרמע — ברידער, האָט רחמנות! שרייט ער.

— וואַרפט ארוים קאַרל מאַרקס׳ען פון האָלל! דערהערט זיך פּלוצים פון א ווינקעל אַן איינצעלנע אויפגערעגטע שטימע.

— וואַרפט איהם ארוים צוזאַמען מיט זיינע אַדיוטאַנטען! שרייט קנור פון פּלאַטפּאָרמע.

— ער איז א מערדער, ער! ער האָט אונז געקוילעט! — שרייט דזשייקאָבס רחמנות׳דיגער קול פון פּלאַטפּאָרמע.

— וואַרפט איהם ארויס!... דערהערען זיך שוין יעצט פּיע־לע שטימען פון אַלע זייטען....

דער אידעל, מיט דער צופּלאָנטערטער בערדיל און פער־צרה׳טען פּנים, וואָס האָט נאָך גאָר ניט לאַנג בשעת שטאָקמאַן האָט גערעדט, געשריען מיט התלהבות: „טרי „טשערס" פאַר׳ן רעדנער", איז יעצט אויך אויפגעשפּרונגען אויף א שטוהל און האָט מיט דערזעלבער התלהבות וואָס פריהער געשריען: „טרי טשערס פאַר מיסטער בליעבניצקי! וואַרפט ארוים דעם צאָ־צעליסט!"...

דזשעק איז בלייך, קוקט ארום זיך מיט בלישצענדע, שטעכעדיגע אויגען, און בייסט דיא ליפען און שמייכעלט.

אין מיטען פון דיעזען געשריי הויבט זיך אויף טראסק פון זיין ארט, נעהמט ארוים דיא פּיפּקע פון מויל, קלאפּט אויס גאנץ רוהיג דעם אש פון איהר אויפ'ן לאדאן און בעהאלט זיא אין קעשענע. דאן געהט ער צו צום פּלאטפּארמע מיט זיין גוט־מוטהיגען שמייכעל, טהוט א כאפּ מיט איין האנד קנור'ן פאר דיא פּיס, מיט דער צווייטער דזשייקאבס'ן און שלעפּט זיי ביידען אראב....

דזשייקאבס שרייט:

— אוי דיא פּיס האט ער מיר אויסגעבראכען, דיא פּיס!

קנור כאפּט א שטוהל און ווארפט זיך אויף טראסק'ען.

עס הויבט זיך אויף א געשריי, א געפּילדער, א קלאפּען מיט דיא שטוהלען, א צושראקענער קוויטשען פון פרויען... און דער עולם פון הינטען טהוט זיך א ריס צום פּלאטפּארמע מיט אזא קראפט, אז עס דאכט זיך, אז אט־אט וועט אראפּגעטראגען ווערען דיא פּלאטפּארמע צוזאמען מיט דיא וואנד אהינטער..

דער פּארמאן פערשווינדעט ערגעץ. דזשעק שפּרינגט ארויף אויפ'ן פּלאטפּארמע און סטארעוועט זיך אריבערצושריי־ען דעם ארומיגען געטומעל:

— קינדער, וואס טהוט איהר? — שרייט ער, איז רויט וויא א בוריק, און סאפּעט מיט'ן גאנצען קערפּער: — קינדער, פאר וואס שלאגט איהר זיך?

א שטוהל פליהט פון אונטען אין דער־הויך, פאלט אויפ'ן פּלאטפּארמע און טרעפט איהם אין פּלייצע, ער האקט אב אין מיטען ריידען.

און יעצט שלאגט מען זיך, דאכט זיך, איבער'ן גאנצען לאקאל...

דא און דארט, פון פארענט, פון הינטען, אין מיטען פון לאקאל, הייבען זיך הענד אין דער לופטען, הייבען זיך שטוהלען איבער דיא קעפּ. עס שלאגען זיך אי דיא, וואס זיינען ספּעציע־

לע אנהענגער פון דזשעק'ן און פון סטרייק, אי דיא, וואס זיינען זיינע ספעציעלע געגנער... דער געשריי איז יעצט שטארקער, דיא קוויטשעריי פון דיא פרויען העכער... צווישען דער ענגע מאסע קעפ און שולטערס, וואס בעוועגט זיך איבערן לאקאל מיט שטורם, וויא א מורא'דיגע שווארצע כוואליע, אהין און צו־ריק, בעוועגען זיך אויך פיעלע פרויען הוטס מיט פערשיעדענע פעדערען, צוגעהאלטען אויפ'ן קאפ פון קליינע פרויען הענד...

נעבען פלאטפארמע שלאגט מען זיך נאך מיט טראסקען. ער שטעהט אהן א הוט, מיט א פליכעוואטען קאפ, מיט א צו־דראפעטען פנים און מיט א צוריסענעם קראגען פונ'ם העמד, — שטעהט ארומגערינגעלט פון אלע זייטען, און ווארפט זיך־ארום, וויא א געהעצטער וואלף, מיט זיינע קולאקעס... אט איז ער מכבד איינעם פון דער זייט, כאפט ער צוריק פון דיא מענשען אהינטער... אט טהוט ער זיך א כאפ צו דיא מענשען אהינטער, קריעגט ער פון דיא מענשען פון יענעם זייט....

דזשייקאבס נעהמט אויך אנטהייל אין געשלעג... ער שטעהט אהינטער איינעמס פלייצע, האלט עפעס א הוט אין האנד, דאכט זיך, טראסק'ס הוט, און פורקעט מיט איהר פון הינטען טראסק'ען אין פלייצע, שרייענדיג דערביי:

— ארויס, משומד, מערדער, ארויס!

ווייטער אביסעלע שלאגט זיך קנור, ארומגערינגעלט פון יונגע לייט.... מע זעהט זיינע לאנגע הענד הייבענדיג זיך אין דער לופטען און צעפענדיג זיך צווישען אנדערע הענד, טראגענדיג זיך אלץ נעהנטער צום פלאטפארמע צו... אט שווימט ארויס צווישען דיא בעוועגענדע קעפ, שולטערס און רוקענס זיין בלייכער פנים, וועלכער איז יעצט וויים וויא קאלך און צו־קרימט פון אויפרעגונג, און אט זיין גאנצע לאנגע געשטאלט... דיא זשילעט און דיא העמד זיינען אויף איהם צוריסען, דיא הוט, דער רעקעל, זיינען אויף איהם ניטא.... דער געשלעג ארום איהם איז שטורמדיגער, ווילדער... עס איז קענטיג, אז ארום איהם האבען זיך קאנצענטרירט דיא הויפט־קרעפטע פון ביידע צדדים..

דזשעק קומט צו זיך פונ'ם קלאפּ, וואָס ער האָט געקראָגען מיט'ן שטוהל....

— קינדער, שרייט ער ווידער פון פּלאַטפאָרמע און דיע־זען מאָל קלינגט זיין שטימע פערצווייפעלט און מיט א טיעפען וועהטאָג: — קינדער, וואָס טהוט איהר?!

ער שפּרינגט אראָפּ פון פּלאַטפאָרמע און וואַרפט זיך אריין אין מיטען געשלעג, וואו קנור שלאָגט זיך, הויבט אויף אין דער הויךביידע הענד און שרייט מיט אַלע קרעפטען אזוי, אז זיין געשריי שרייט איבער דעם ארומיגען ווילדען טומעל:

— פינסטערע מוחות, גענוג! ווען אייערע באָסעס זאָלען עס זעהען!

און אז ער שרייט עס אויס, ווערט אויף א רגע ארום איהם שטיל, דיא הענד ביי דעם צורייצטען עולם לאָזען זיך אראָפּ, אָבער נור אויף א רגע. באַלד טהוט אימיצער א געשריי:

— דערלאַנגט איהם, דעם ליעדער, דעם צדיק אין פעלץ! דאָס איז דאָך אין גאַנצען זיין ארבייט!

און עס הייבט זיך אויף א געשריי: גיט איהם, ער זאָל געדענקען! און קנור מיט אַנדערע בעפאַלען איהם.

לכתחילה, אז מע בעפאַלט איהם, בלייבט ער שטעהען צומישט און צוטומעלט פון דיא קלעפּ און פערטהיידיגט זיך ניט... באַלד אָבער דערהערט ער הינטער זיך אימיצינס געשריי: „דזשעק, וואָס שווייגט איהר דיא אינדיאַנער? וואָס לאָזט איהר, זיי זאָלען אייך שלאָגען?!“ און ער קומט צו זיך.

— מיך שלאָגען?! — קרעכצט ער ארויס און טהוט זיך א טרייסעל מיט זיין גאַנצען שטאַרקען קערפּער — מיך? קנור? סקעבּס? שלאָגען? שלאָגען מיך?! טהוט ער דאָן א ברום, וויא א צורייצטע חיה — אך, שופטען!...

און ער, דזשעק, צוקאָכט זיך און נעהמט שלאָגען צוריק..

ער איז שוין ניט מעהר דער פריהערדיגער דזשעק, דער אויפ־געקלערטער דזשעק, וואָס האָט ערשט, מיט א מינוט צוריק, זע־הענדיג דעם געשלעג צווישען זיינע ברידער ארבייטער, גע־

שריען מיט אזא וועהטאָג: „ברידער, וואָס טהוט איהר?“ דיעזער דזשעק קען זיך שוין ניט אָפּגעבען קיין רעכנונג, קען זיך שוין אַליין ניט קאָנטראָלירען... וויא אַ צורייצטע חיה טראָגט ער זיך פאָראויס, אַ שטאַרקער אַ מעכטיגער, מיט אַ פּנים, רויט וויא פייער, מיט אָנגעצויגענע אָדערען אויף זיין רויטען האַלז, מיט אויסגעקאַטשעטע בייזע אויגען און מיט אויסגעשצירטע ציינער און שלאָגט, און דער עולם לויפט פון איהם, פאַלט איי־נער אויפ׳ן אַנדערען, שרייט און זידעלט זיך. דיא פרויען קווי־טשען... און ער טראָגט זיך, אַ ווילדער, אַ צורייצטער, סאַפּעט מיט׳ן גאַנצען קערפּער און וואַרפט ארום זיך מיט זיינעביידע אייזערנע הענד, און זיינע געגנער פאַלען אונטער זיינע הענד, וויא גראָז אונטער אַ שאַרפע קאָסע...

זיינע אָנהענגער, אייניגע יונגע לייט, „קעמפּפען“ נעבען איהם שולטער צו שולטער... עס פליהען הוטס פון דיא קעפּ. עס פליהען שטוהלען אין דער הויך... עס הערען זיך זידלערייען אויף אַלערליי לשונות, אקאָמפּאַנירט פון הילכעדיגע פּעטש.... דער רוסישער מי שברך, דער פּוילישער „פּסא קרעוו“ און דער אמעריקאַנער „א... טש...“ הילכען אין דער לופטען און שליסען אן אינטערנאַציאָנאַלען פערבאַנד!...

אָט פליהט קנור אָהן אַ הוט, מיט אַ בלייכען צוקרימטען פּנים פון האַס, פליהט מיט אַ שטוהל אין דיא הענד און וואַרפט זיך אויף דזשעק׳ן מיט אַן אימפּעט.

דזשעק כאַפּט אַן מיט דער לינקער האַנד דעם שטוהל, מיט דער רעכטער קנור׳ן ביים אקסעל און אין דער זעלבער סע־קונדע וואַרפט זיך ארום קנור אויף ד׳ערד אונטער דזשעק׳ס פיס....

ער דריקט קנור׳ן פאַר׳ן קאָפּ צום פּאָדלאָגע און שפּעצעט צווישען דיא ציינער: „הא יעצט ביזטו אין מיינע הענד, ווע[ס]ט זיך קריכען שלאָגען? הא?“

קנור סטארעט זיך צו בעפרייען דעם קאָפּ פון דזשעק'ס אייזערנע הענד, ווארפט זיך ארום מיט דיא פיס, שיפּעט און קרעכצעט...

— לאָזט איהם איין! — שרייט מען פון ארום.

— קארל מארקס איז משוגע געוואָרען.

און דאָ דערפיהלט דזשעק פּלוצים אַ קלונג אין אויער. איינער פון קנור'ס פריינד האָט איהם דערלאַנגט פון אַ הינטער אין אויער. אויף אַ מינוט ווערט ער צוטומעלט, שפּרינגט אויף פון דר'ערד בּלייך, צושראָקען און לאָזט אָפּ קנור'ן.

קנור שפּרינגט אויף פון דר'ערד בּלייך, צושראָקען, אָהן אַ הוט און אָהן אַ רעקעל און פערשווינדעט בּאַלד צווישען דעם עולם...

— דאָ איז ער, דזשעק! — שרייט אַ יונגערמאַן, זיינער אַ אנהענגער, דער זעלבּער, וואָס איז פריהער געוועזען אויפ'ן פּלאַטפּאָרמע, בּשעת שטאָקמאַן האָט גערעדט, און שלאָגט זיך מיט אַ צווייטען יונגענמאַן: — דאָ איז ער, דער סקעבּ, וואָס האָט אייך געגעבּען דעם קלאַפּ!

דזשעק טהוט זיך אַ לאָז צו יענעם יונגענמאַן מיט אַנגע־צונדענע אויגען, דער יונגערמאַן פערשווינדעט...

אין דער זעלבּער צייט שלאָגט זיך נאָך סיימאָנקע און זיינע אָנהענגער מיט קנור'ס אנהענגער נעבּען פּלאַטפּאָרמע. דזשעק פיהלט יעצט, אז ער מוז אימיצען שלאָגען און ער ווארפט זיך יעצט אהין מיט אַ געשריי:

— אז איהר ווילט זיך שוין שלאָגען, וועל איך אייך ווייזען, וויא מען שלאָגט!

און ער ווארפט זיך אריין מיט דיא קולאַקעס אין מיטען געשלעג און העלפט סיימאָנק'ען....

— טראַסקע, דזשעק, טראַסקע! הערט זיך סיימאָנקעס הייזעריגע שטימע צווישען דעם ווילדען געפילדער — שלאָג דיא אינדיאַנער אָהן רחמנות! דערלאַנג דאָרטען דעם סמאָר־קאָטש, דזשייקאָבּס'ען...

און אין דערזעלבער סעקונדע דערהערט זיך דזשייקאָבס געשריי: „געוואַלד, ער האָט מיר דיא לונגען אָבגעריסען!...“

פּלוצים בעווייזט זיך אויפ'ן פּלאַטפאָרמע דזשעק'ס טאָכטער ראָזאַ, בלייך וויא דער טויט, מיט פערבראָכענע הענד, קוקט מיט גרויסע, צושראָקענע אויגען אהין, וואו איהר פאָטער שלאָגט זיך, טרייסעלט זיך מיט'ן גאַנצען קערפּער און שרייט מיט א יאָמער:

— פּאַפּאַ, וואָס איז עס, פּאַפּאַ?

דזשעק דערהערט איהר קול, קומט צו זיך און שטעלט זיך אָפּ. ער לויפט ארויף אויפ'ן פּלאַטפאָרמע צו איהר מיט א צוריסענעם רעקעל, מיט א האַלב ווילדען אויסזעהען.

זיא קוקט אויף איהם, ברעכט דיא הענד און וויינט:

— פּאַפּאַ, אה, פּאַפּאַ!

— גאָר ניט, גאָר ניט, מיין טאָכטער — שעפּצעט ער, גלעט זיא פאר'ן פּלייצע און שמייכעלט ביטער: — ניט איך האָב זיך אָנגעהויבען, נור זיי... פינסטערע מוחות, ווייסען, אז מע דארף שלאָגען, ווייסען אָבער ניט וועמען!... שעפּצעט ער מיט א ציטערנדען קול...

אין לאָקאַל לויפען אריין עטליכע פּאָליסלייט מיט קלאָב.

.5

אויף מאָרגען אין דער פריה פיהרט א פּאָליסמען אריין דזשעק'ן מיט סיימאָנקען אין עסעקס מארקעט קאָורט... דזשעק איז בלייך, מיט בלויע צייכענס אונטער דיא אויגען. דיא האָאר אויפ'ן קאָפּ און דיא בערדיל זיינען ביי איהם צופּלאָנטערט, דער ראָק, דיא זשילעט און דיא הויזען ביי דיא קניע זיינען אויף איהם צוריסען.... מע האָט איהם נעכטען ארעסטירט מיט סיימאָנקען אין האָל פאר „מאכען א ראיאָט“ און זיי האָבען דיעזע נאכט גענעכטיגט אין „פּאָליס-סטיישען.“ דזשעק האָט א גאַנצע נאכט ניט געשלאָפען נאך א טאָג פון אזא אויפרעגונג.. ער קוקט אוים מיעד, צובראָכען און ניעדערגעשלאָגען... סיי־

מאַנקע, אויך מיט אַ צוריסענעם פּנים און צוריסענעם רעקעל, שטעהט זיך אבער, וויא געוועהנליך, רוהיג, מיט אַ גוטמוטהיגען שמייכעל אויפ׳ן פּנים. ער האָט גראַד געשלאָפען דיעזע נאַכט אין סטיישען־הויז, וויא אַ דער׳הרג׳טער, און זיין כראָפּען האָט שיער ניט משוגע געמאַכט דעם נערוועזען דזשעק׳ן...

אין קאָרט־רום, צווישען פּובליקום, אין דער ערשטער רייהע, זיצט אויך ראָזא, מיט פּערוויינטע אויגען. מיסטער כליעבניצקי איז אויך דאָ. ער שטעהט זיך מיט אַ צילינדער הוט אין דיא הענד נעבען דיא גראַטעס, וואָס טהיילען אָפּ דיא גערעכטיגקייט און איהרע משרתים, און דיא זינדער פון דעם אַלגעמיינעם פּובליקום אין קאָרט, און רעדט מיט אַ לאָיער, אַ בעקאַנטע פיגור אין עסעקס מאַרקעט קאָורט, מיט אַ רונדען, רויטען, גלאַט ראַזירטען פּנים, מיט גרויסע, אויסגעקאַטשעטע אויגען, וויא ביי אַן אָקס, און מיט אַ פולען מויל מיט קיי־טאַבאַק...

מע רופט אויף סיימאַנקען. דער פּאָליסמען טרעט ארויס פאר׳ן דזשאַרדזש און דערצעהלט איהם וועגען דעם „געפעהרליכען ראַיאָט“, וואָס ער און זיינע בראווע חברים האָבען געהאַט צו בעקעמפּפען אין אָרטשאַרד סטריט... „דיעזער — ווייזט ער אויף סיימאַנקען — איז איינער פון דיא ליעדערס“...

— זאָגט דעם דזשאַדזש — מאַכט דאָ כליעבניצקי צום לאָיער — אז דיעזער סיימאַנקע איז אַן אַנאַרכיסט!...

דער לאָיער טהוט אַ מאַך מיט׳ן קאָפּ און זאָגט ארויס, שנעל וועגדענדיג זיך צום דזשאַרדזש: — יור האָנאָר, דיעזער מאַן איז אַ געפעהרליכער אַנארכיסט!

און אָבגעזאָגט עס, טהוט ער זיך, דער לאָיער, ווידער אַ קעהר צו כליעבניצקי, טהוט כיטרע אַ קנייטש מיט׳ן אייגעל, אזוי וויא איינער זאָגט: „הא, גוט? אריינגעהאַקט איהם, הא?“ און ער כאַפּט ארויס פון קעשענע אַ שטיק קיי־טאַבאַק, טהוט אַ ביס פון גאַנצען און ארבייט ווידער שטאַרק מיט׳ן מויל...

און סיימאַנקע שטעהט זיך פאַר׳ן דזשאַרדזש מיט זיין געוועהנליכען גוטמוטהיגען שמייכעל.

דער דזשאָרדזש קוקט איהם אָן שארף און פרעגט איהם וועגען „ראיאָט.“

סיימאָנקע זאָגט עפּעס מיט א גוטמוטהיגען שמייכעל...

דער דזשאָרדזש האָט אָבער קיין צייט ניט צו באדערען זיך לאַנג מיט אזעלכע, וויא סיימאָנקע, און ער זאָגט ארויס אין איין אָטהעם:

— צעהן דאָללאר, אָדער צעהן טעג!...

פערשטעהט זיך, אז אזא קאפּיטאליסט איז סיימאָנקע ניט, אז ביי איהם זאָלען זיך פערוואלגערען צעהן־דאָלארדיגע אין דיא קעשענעס אין מיטען העלען מיטוואָך און ער מוז זיך נעביך דערוויילע צופריעדען שטעלען מיט דיא „צעהן טעג“...

מיסטער כליעבניצקי קוקט איהם דערביי אָן מיט נצחון און טראכט ביי זיך:

„דעם סטרייק האָב איך טאָקי געוואונען און דער פארך וועט מוזען געהן אין חדר אריין לערנען דרך ארץ!“

זיינע געדאנקען ווערען גלייך איבערגעשלאָגען פון דעם קלערק׳ס שטיממע, וואָס רופט אָן דזשעק׳ן. ער טהוט א קוק אויף דזשעק׳ן. יענער שטעהט פאר׳ן דזשאָדזש מיט א פינסטע־רען פּנים. דער לאָיער מיט דעם קיי־טאָבאק שטעהט ביי דזשעק׳ס זייט...

— יור האָנאָר — מאכט דער לאָיער — דיעזער מאָן איז א קראנקער.... ער איז קראנק אויף דעם.... (ער לייגט צו דעם פינגער צום שטערען). דאָ, אין קאָורט, געפינט זיך זיין ברודער, א רייכער, רעספּעקטאַבלער סיטיזען.....

דער דזשאָדזש ברעכט אונטער דעם לאָיער: — בעפּרייט!...

דער פּאָליסמען טהוט דזשעק׳ן א שטויס אין פּלייצע: „געה!“

דזשעק געהט ארויס, א צומישטער, פון קאָורט, ניט פאר־שטעהענדיג פאר וואָס מי האָט איהם בעפרייט און סיימאָנקען ניט... אלעס איז מיט איהם אין קאָורט צוגעגאנגען אזוי שנעל, אז ער האָט ניט געקענט זיך אָבגעבען א קלאָרען רעכנונג, וואָס

אזוינס איז פאַרגעקומען צווישען דעם מאַן מיט דעם רויטען פנים און דעם דזשאַדזש.... (אז יענער איז זיין לאַיער האָט ער ניט געוואוסט.)

ראָזא לויפט נאָך איהם נאָך און ערשט אין דרויסען בע־מערקט ער זיא.

— רוא ביזט דאָ ראָזאָ? — מאַכט ער, אז ער דערזעהט זיא — איך דארף דיר טאַקי! קום, מיר וועלען זעהן צו קריגען צעהן דאָלאר, אום צו בעפרייען סיימאַנקען! וואָס הערט זיך מיט דעם סטרייק? — ברעכט ער זיך פלוצים אונטער מיט אימפעט.

— וואָס זאָל זיך הערען? אלע סטרייקער זיינען היינט אוועק צוריק ארבייטען, זאָגט זיא שטיל....

— אלע? צוריק? סטרייקער? — מורמעלט ער, שטעלט זיך אָפּ, קוקט אויף איהר מיט צומישטע אויגען און פיהלט, אז דאָס בלוט האָט איהם א קלאַפּ געטהאָן אין קאָפּ. פלוצים כאַפּט ער אריין זיינע פינגער אין מויל, בייסט זיי מיט א צוקרימטען פנים און שרייט אויס מיט וועהטאָג:

— ניין, ניין, זיי זיינען ניט קיין סטרייקער, זיי זיינען אלע סקעבס, אלע, אלע!....

פון׳ם קאָורט געהט ארויס מיטסטער כליעבניצקי אין ציי־לינדער־הוט, אָנגעשפּאַרט אויף׳ן שטעקיל מיט דיא זילבערנע הענטעל, ער רופט צו זיך ראָזא׳ן.

דזשעק טהוט זיך א טרייסעל.

„שטעה, ראָזא — שרייט ער — שטעה דאָ!

ער כאַפּט ארויס געלד פון קעשענע, ציהט אויס דיא האנד מיט דעם געלד צו כליעבניצקי און שרייט:

— דאָס איז, וואָס דו האָסט מיין ווייב געגעבען נעכטען!... בעסטיע, ניט שנאָרען וועל איך ביי דיר, נור בעקעמפפען וועל איך דיך!

דערביי טהוט ער איהם א וואַרף דאָס געלד אין פנים און צולאַכט זיך מיט א בייסענדען געלעכטער.

מיסטער כליעבניצקי הויבט אויף דאָס געלד פון דר׳ערד, בעהאלט עס אין קעשענע און מורמעלט: „משוגענער קאַרל מאַרקס!“ דאן רופט ער צו זיך ראָזא׳ן: „קום!“

זיא שטעהט, וויל צוגעהן צו כליעבניצקי׳ן, האָט אָבער רחמנות איבער איהר טאַטען, טהוט זיא מיט כעס א מאַך מיט׳ן האנד און געהט גאַר אוועק אליין, אין א זייטיגער גאַס....

דיא ברידער בלייבען נאָך א ווײַלע שטעהן, קוקען איינער אויף׳ן אנדערן מיט האס אין דיא אויגען. דאן צוגעהן זיי זיך יעדער אין זיין בעזונדער וועג: דזשעק צו דער יוניאָן, צו בע־פרייען סיימאָנקען. און מיסטער כליעבניצקי אין זיין שאָפּ, וואו מען האָט היינט אָנגעהויבען צו ארבייטען מיט א „פולען סעט הענד“....

נאָך גאָר אַ גרינער...

...איך בין נאָך גאָר אַ גרינער. אינגאַנצען פינף וואָכען אין אַמעריקע און ביי אַ דריי חדשים פון רוסלאַנד.

קומען קום איך פון אַ ליטוויש קליין שטעדטעלע, וואו איך האָב אין דער פרייער צייט, דאָס הייסט, אַז איך בין ניט פערשפאַרט געווען אין טורמע פאַר בונדיסטישע=חטאים, זיך בעשעפטיגט מיט צוויי זאַכען: מיט געבען לעקציאָנען יודישע קינדער, זיי זאָלען וויסען, ווי מען „סקלאָנאַיעט" ריכטיג די נויטיגע ווערטער: „סוואָבאָדאַ און באָרבאַ" און מיט שרייבען קאָרעספאָנדענציעס פאַר יודישע צייטונגען...

אין ניו=יאָרק האָב איך גערעכענט... נאָר מאַלע וואָס איך האָב גערעכענט... ניט אַזוי האָב איך זיך פאָרגעשטעלט דאָס לעבען און די מענשען אין ניו=יאָרק!...

איך וועל אייך דעם אמת זאָגען: זינט איך בין אין ניו=יאָרק, געה איך אַרום אַ צודרעהטער, אינגאַנצען צודרומשקעט, מיט אויסגעפוטשעטע אויגען... אין אַ פער'כשופ'טען קרייז דרעה איך זיך אַרום, דאַכט זיך מיר... איך זעה, און דריק מיט די אַקסלען. איך קוק, און פאַר די אויגען שווינדעלט. איך הער, און אין די אויערען הילכט און קלינגט...

פון אַלע און אין אַלע זייטען לויפען מענשען און סאָפען, לויפען טראָמווייען און סאָפען...

וואַגאָנעס מיט מענשען טראָגען זיך מיט אַ הודזשען און זשוזשען אויבען אין דער לופטען איבער די הויכע הייזער,

וואַנאַנעם מיט מענשען טראָגען זיך מיט אַנ'אימפּעט און גע־פּילדער אונטען איבער דער ערד... אַ ליאַרעמען, אַ שרייען, אַ טומעל פון אויבען און פון אונטען, פון פאָרענט און פון הינטען, אַז עס דאַכט זיך, אַלע הימלען שפּאַלטען זיך, די גאַנצע ערד טרייסעלט זיך...

גוואַלד, ווי ווערען מענשען ניט טויב אין דעם דאָזיגען קאָכעדיגען און שרייענדיגען גיהנום!... וואָס פּילדערען זיי אַלע? וואָס לויפען זיי אַלע מיט אַזאַ אימפּעט? וואָס טרייבט זיי? גוואַלד, וואָס יאָגט זיי אַזוי אין דעם פרייען לאַנד, וואו עס זענען ניטאָ קיין קאָזאַקען און כוליגאַנעם?!...

ענטפערט מיר מיין ברודער מאָרים, וואָס איז שוין דאָ עטליכע יאָהר און האַלט זיך פאַר אַ גאַנצען יענקי:

— וואָס הייסט וואו זיי לויפען? אין זייערע געשעפטען, אין זייערע פאַבריקען... „טיים איז מאָני" אין אַמעריקע, צייט איז געלט, ברודער'ל!...

און יוצא, מיין קשיא איז פערענטפערט!... דאָ, הייסט עס, פערפאָלגט אויך די מענשען אַ ווילדער קאָזאַק פון דעם מלך מלכי המלכים הדאָלער...

און ווי זיי בויגען זיך, בוקען זיך און קרימען זיך פאַר דעם דאָזיגען קאָזאַק, און מיט וואָס פאַר אַ יראת הכבוד און פרומער התפעלות זיי זינגען דאָ אַלע דעם „הנותן תשועה למלכים" צו דעם אַמעריקאַנישען מלך!... גוואַלד, קאָזאַקען מוזען אויך האָבען מזל... דעם כבוד, וואָס אַנ'אַמעריקאַנער האָט, און דעם אומכבוד, וואָס אַ קאָזאַק אין מיין קליין שטעד־טעלע האָט!...

אוי, מיין קליין שטעדטעלע!...

אַזוינע הייזער ווי דאָ האָט ניט מיין קליין שטעדטעלע... אַלע האָבען זיי איין פּנים: גרויסע, הויכע, אומגעלומפּערטע

געביידעס, איינס ווי דאָס אַנדערע, ווי די טורמעס אין די גרויסע רוסישע שטעדט... און די הייזער זענען, דאַכט זיך, אויך ווי פון איין טויג אויסגעקנאָטען: קאַלטע, אויסגערעכענטע, אָהן דער היימישער גוטסקייט אויף די פּנים'ער, אָהן דער היימישער וואַרעמקייט אויף די הערצער...

און עס פיהלט זיך אַזאַ בענקעניש, אַזאַ טיעפע בענקעניש נאָך די קליינינקע, ליכטיגע, ציכטיגע הייזלעך אין דער היים, נאָך דעם היימישען וואַרעמען מענשען אין יענע הייזלעך...

און מיר דאַכט זיך, אז איך וואָלט פליגלען געהאַט, וואָלט איך אַהין צוריקגעפלויגען. אַהין אין מיין וואַרעם קליין שטעדטעלע...

לאַכט פון מיר מיין ברודער מאָרים:

— וואוהין וואָלסטו געפלויגען: צו די קאָזאַקען, צו די כוליגאַנעס, וואָס באָדען זיך דאָרטען אין טייכען בלוט?...

— צו די מענשען וואָלט איך צוריקגעפלויגען, מאָרים, צו די מענשען, וואָס שטרייטען דאָרט געגען די קאָזאַקען און כוליגאַנעס; צו די ערוואַכטע יודען פון מיין קליין שטעדטעלע — וואָס האָבען זיך די לעצטע פאָר יאָהר אויסגעלערענט צו לעבען ווי מענשען און צו שטאַרבען ווי העלדען!... אוי, מאָרים, דאָרט ווערט טאַקי פערגאָסען אַ סך מענשליך בלוט, אָבער פון יענעם בלוט שפּראָצט אַרויס אַ נייַ לעבען, דער מעכטיגער „עץ החיים" וועט פון יענעם הייסען מענשליכען בלוט אַרויסוואַקסען... דאָ אָבער... דאָ אָבער האָבען ניט די מענשען אַזאַ הייס, זודיג בלוט, דעריבער טאַקי וואַקסען פון איהם אַרויס ניט מעהר, ווי האַרטע דאָלערס, אָהן געפיהל און אָהן נשמה...

— דו רעדסט ווי אַ גרינהאָרן, ווי נאָך גאָר אַ גרינער! — מאַכט מאָרים.

— דאָ איז קאַלט, מאָרים, זעהר קאַלט... די נשמה פריהרט דאָ, דאָס האַרץ — רייסט זיך בּיי מיר אַרויס מיט וועהטאָג — די לעצטע פּאָר יאָהר בּין איך געוואוינט צו אַנ־דערע יודען, צו אַנדערע מענשען... דער מאָגען האָט דאָ דעם מענשען פערשלונגען, איינגאַנצען דעם מענשען פערשלונגען...

מאַכט ער צו מיר ווידער, מיין בּרודער מאָרים וואָס האַלט זיך פאַר אַ גאַנצען יענקי, אַז איך בּין „אַ גרינהאָרן", אַז איך וועל זיך אויסגרינען, ווי ער — גיט ער מיר אָנצוהערע־ניש — וועל איך דעמאָלט גאַנץ אַנדערש קוקען אויף די מענ־שען און דאָס לעבּען אין אַמעריקע...

עס קען גרייליך זיין, אַז ער איז טאַקי גערעכט: ווען איך וועל זיך אויסגרינען, וועל איך... אָבּער דערוויילע?...
אוי, דערוויילע!... פיהל איך זיך ווי פערבּלאָנדזעט אין אַ פרעמד וועלט, צווישען פרעמדע מענשען, וואו אַלעס איז אַזוי קאַלט, אויסגערעכענט, געמאָסטען און געוואויגען אויפ'ן סענט און דאָלער, און עס בּענקט זיך, און עס בּענקט זיך און עס ציהט, ציהט מיך אַזוי נאָך מיין קליין שטעדטעלע!...

אוי, מיין קליין, מיין ליעבּ שטעדטעלע!...

האָט מיך מאָרים אַ פּאָר מאָהל גענומען צו די היגע אַר־בּייטער פערזאַמלונגען, איך זאָל זעהן אַז דאָ בּעוועגט זיך נאָך אויך עפּעס, אויסער דעם מאָגען...

די זעלבּיגע געשיכטע! מיר איז ניט וואַרימער געוואָרען אויפ'ן האַרצען... אמת, אַ רעדנער האָט טאַקי גערעדט צו די אַרבּייטער וועגען זייער קלאָגעדיגע לאַגע, האָט זיי דער־צעהלט אַז זיי, נעבּעך, זענען די גע'גזל'טע, די בּעראַבּעווע־טע, עס האָט זיך אָבּער געפיהלט, אַז שטאַרק עסט ער זיך ניט אָבּ דאָס האַרץ פון דעם, דער רעדנער!... אַז ער רעדט עס מעהר אויס געוואוינהייט, ווי אויס דעם האַרצען...

אָט ווי אַ יוד, ניט קיין פרומאַק, זאָגט אַשרי... און די אַר־בייטער אין לאָקאַל, וואָס הערען און אַפּלאָדירען איהם מיט די הענד און רייסען זיך אויף די העלזער, טהוען עס אויך, דאַכט זיך, מעהר אוים געוואוינהייט, ווי אַ יוד, למשל, שפּרינגט קדוש אויף דעם חזן'ס קדושה... און מיר האָט זיך גע־דאַכט, אַז ווען הינטער זיי וואָלטען געשטאַנען קאָזאַקען, ריכטיגע קאָזאַקען, רוסישע, וואָלטען זיי גאָר אינגאַנצען אין לאָקאַל ניט געווען...

און אפשר האָב איך אַ טעות? קען זיין. אָבער דאָס ווייס איך, אַז ביי אונז אין קליין שטעדטעלע רעדט מען אַנדערש און מען הערט אַנדערש.

אפשר אַפּלאָדירט מען דאָרט ניט אַזוי שטאַרק מיט די הענד, עס אַפּלאָדירען אָבער דאָרט שטאַרק הערצער; אפשר רייסט מען זיך דאָרט ניט אַזוי אויף די העלזער, עס רייסען זיך אָבער דאָרט נשמות!...

גוואַלד, ווי עס בענקט זיך מיר נאָך יענע וואַרימע נשמות, ווי עס בענקט זיך מיר נאָך יענע זודיגע, צאַפּעלדיגע הערצער אין מיין קליין שטעדטעלע!... ווי מיר ווילט זיך אַנטלויפען פון דאַנען, פון דעם שרעקליך גרויסען מאָגען, יואָס האָט דאָ אויפגעפרעסען און פערשלונגען דעם מענשען מיט זיין האַרץ און נשמה, וואָס האָט פערשלונגען דעם גאַנצען מענשען, דעם מענשען אינגאַנצען, אינגאַנצען!...

פאַר וואס סיימאַן וויל ניט חתונה האבען.

ווענען דעם חידוש'ן זיך אַלע מיינע און סיימאָנס לאַנדס־לייט. סטייטש, אזא יונגער־מאַן, אַ מאַשיניסט אין אַ גרויסער פאַבריק פון פרויען־מאַנטלען, אַ גוטער פערדינער, אַ הויכער, אַ שלאַנקער און אַ שטאַרקער יונגער־מאַן, האָט געקענט דעם בעסטען שידוך טהאָן מיט דער שעהנסטער מיידעל, זיצט ער זיך אַ בחור שוין איבער פערציג יאָהר אַלט און גאָרנישט. וויל ניט הערען און ניט זעהן פון אַ שידוך טהאָן!... און דער חידוש איז נאָך גרעסער, וואָס דער זעלביגער סיימאָן האָט משוגע ליעב קינדער, געהט פשוט אוים נאָך זיי... סטייטש, ער האָט דאָך געקענט שוין ביז איצט האָבען לכל־הפחות אַ האַלבען דוצענד קינדער זיינע אייגענע?... — סיי־מאָן, ווי? וועסט טאַקי שטאַרבען אַ בחור? — פרעגען איהם די לאַנדסלייט.

— הפנים, איך וועל שטאַרבען אַ בחור — ענטפערט ער קורץ און שמייכעלט דערביי מיט אַ זאָנדערבאַרען שמייכעל.

— אָבער, פאַרוואָס סיימאָן? — טענה'ן מיט איהם וויי־טער די לאַנדסלייט — דו האָסט דאָך אַזוי ליעב קינדערלעך...

— ווען קינדערלעך וואָלטען אויף בוימער געוואַקסען — ענטפערט ער זיי האַלב אויף ערנסט און האַלב אויף שפּאַס — וואָלט איך אַ גאַנצען בוים מיט קינדער פאַר זיך געקויפט... איך האָב ליעב די קליינינקע נפשה'לעך, אמת!... אָבער לייי־דער, ליידער...

— וואָס ליידער?...

— עך, וואָס מאַכט עס אויס? האָקט ער איבער זייערע ווייטערע שאלות — פרעגט ביי מיר ניט אַזעלכע קשיות, מאַכט חתונה אייערע אַנדערע לאַנדסלייט. פון מיר וועט איהר אָט דעם נחת קיינמאָל ניט האָבען!...

און די לאַנדסלייט בלייבען ביים חידוש'ן זיך: אַ דזשיקאַן, אַ ווילדער, פאַר וואָס וויל ער ניט חתונה האָבען?...

און איינמאָל אין אַ שעהנעם אויף־דער־נאַכט, זיטצענדיג ביי מיר אין דער היים ביי אַ גלאָז טהיי, האָט סיימאָן מיר ערקלעהרט, פאַר וואָס ער וויל ניט חתונה האָבען...

— איהר הערט? — האָט ער אָנגעהויבען — דאָס איז אַ שרעקליכע געשיכטע... איך האָב זי איבערגעלעבט מיט אַכט יאָהר צוריק... און יעדעס מאָל אַז מען דערמאָנט מיך וועגען חתונה האָבען, דערמאָן איך זיך אויף איהר און איך לייד אַזוי, אַזוי... איך קען זי ניט פערגעסען, ביז'ן טויט וועל איך געדענקען אָט יענע שרעקליכע געשיכטע...

מיט אַכט יאָהר צוריק איז עס געווען... איך בין דאַן געוועזן זעהר לייכטזיניג, האָב געטראַכט נור וועגען לעבען אַ גוטען טאָג... האָב בעזוכט די טאַנץ־אַקאַדעמיע, געקליי־דעט זיך מעשה פראַנט, מיט לאַקירטע האַנדשוה, מיט בלו־מעלעך אין לאַץ, האָב זיך אינטערעסירט מיט „פייטס", מיט ספאָרט און דער טייפעל ווייס מיט וואָס נאָך... איך האָב פערדיענט פון אַכטצעהן ביז צוואַנציג דאָלער אַ וואָך און זיי פלעגען ביי מיר אַוועקגעהן ביז דער לעצטער פעני...

קלייב איך זיך אַריבער דאַן אויף אַ קוואַרטיר צו אַ נייער מיסעס אויף נאָרפאָלק סטריט.

איז דער מאַן איהרער אַ שווינדזיכטיגער, האָט פינף יאָהר

געאַרבײט אין אַ פֿאַבריק, וואו מען מאַכט פֿאַרב, און האָט דאָרט די שווינדזוכט געקראָגען...

עס איז געווען אַ צער צו קוקען. נאָך גאָר אַ יונגער מאַן, אַרום דרײסיג יאָהר אַלט, זיטצט זיך אײנגעהויקערט אויף אַ שטול, קוקט אַרויס אונמוטהיג דורכ׳ן פֿענסטער. די אויגען גרויסע, ברענענדיגע און אַזוינע רחמנות׳דיגע... דער פּנים טוידט, מיט אײנגעפֿאַלענע באַקען, מיט אַ שפּיציג שוואַרץ, שיטער בערדיל; די האַלז דין, לאַנג, אײנגעדאַרט, מיט אַ גרויסען קנאָפּ בײם סאַמע גאָרגעל אונטער דער מאָר־דע. טהוט ער אַנ׳אָטהעם, צו אַ שלונג, הויבט זיך דער קנאָפּ בײם גאָרגעל אַרויף און אַראָב, די אויגען קריכען בײ איהם דאַן אַרויס גרויסע, גרויסע; ער שצירעט אויס די צעהנער, ווײסע ווי מילך, און מאַכט מיט די ליפּען, אַזוי ווי איהם וואָלט אין מויל ניט גוט געווען...

זײן יודענע, מײן מיסעס, איז אַ געזונדע שטוקע, אַ דיקע, בלוט און מילך, מיט שוואַרצע, טיפֿע, פֿײערדיגע אויגען, מיט אַ רונד, דיק, ווײס פּנים, מיט אַ פֿעררײסען נעזעל, מיט דיקע ליפּען, מיט וועלכע זי שמײכעלט שטעבעדיג:

זי געהט אַרום איבערן שטוב, ווי אַ דונער, קאָמאַנדעוועט מיט איהם, מיט דעם קראַנקען מאַן: דאָ זיטצט ער ניט אויף זײן אָרט, דאָ מאַכט ער קראַנק מיט זײן הוסטען און רופֿט איהם: „שלים־מזל מײנער, חושך מײנער!“.

זײ האָבען געלעבט אויף די אָבגעשפּאָרטע געלט פֿון זײן אַרבײט און מיך אַרײנגענומען פֿאַר פֿיער דאָלאַר אַ וואָך. קײן קינדער האָבען זײ ניט געהאַט.

שוין אויף דער דריטער וואָך ווערט זי מיט מיר אַ נאָ־הענטע, זעהר אַ נאָהענטע מחותּנת׳טע, רעדט פֿאַר מיר אויס דאָס האַרץ... דאָס לעבען איז איהר ניט ניחא... ערגער

ווי אַנ׳אַלמנה... זי וויל לעבען... זי איז נאָך גאָר אַ יונגע פרוי, ניט קיין פולע פינף און צוואַנציג יאָהר א. ז. וו. ווערט צו מיר אַזוי גוט, פרעגט מיך יעדען טאָג, וואָס איך וויל עסען, טרינקען; זעהט מיין בעט זאָל בלאַנקען, חכמה׳ט זיך שעהמט זיך ניט אַריינצוקומען צו מיר מיט נאַקעטע אָרעמס, ווען איך שלאָף, און קוקט אויף מיר מיט אַזוינע אויגען, מיט אַזוינע... ווי זאָל איך עס אייך אָבמאָהלען? — האָט איהר אַמאָל געזעהן די אויגען ביי איין אויסגעהונגערטער קאַץ, ווען זי דערזעהט פאַר זיך אַ געשמאַקען ביסען?...

בקיצור, פאַר אַזאַ חברה־מאַן, ווי איך בין דאַמאָלס גע־ווען איז די דאָזיגע מיסעס מיינע געוועזען איין אמת׳ע מציאה... איך בין געוועזען פערדאָרבען, שרעקליך פערדאָרבען, וועגען דעם אונגליקליכען מאַן איהרען האָב איך אפילו ניט אַ קלעהר געטהאָן!...

ער האָט הפנים אויף אונז אַ חשד געקראָגען, היט ער אונז אויף שריט און טריט. קוקט אויף אונז ווי איין אויסגע־הונגערטער הונד ממש, הוסט און רעדט קיין וואָרט ניט אויס... נור דאַן, ווען זי געהט אַרום מיט אַ געבלויזטער ברוסט און נאַקעטע אָרעמס אין מיין אַנוועזענהייט, בעט ער זיך ביי איהר, זי זאָל אַזוי ניט אַרומגעהן... עס איז אַ חרפה, ער קען ניט זעהן...

און דערביי צוהוסט ער זיך מיט אַ טרוקענעם הוסט; הוסט און הוסט, כאַפּט זיך אָן מיט ביידע אויסגעדאַרטע הענד פאַר זיין קראַנקער ברוסט, קרימט דעם פנים פון וועהטאָג און קוקט אויף איהר מיט אַזוינע אויגען...

אוי, איך קען ניט פערגעסען יענע שרעקליכע אויגען!...

אַ סך מאָל, אַז זי געהט אַריין אַזוי מיט נאַקעטע אָרעמס, לויפט ער צו צו איהר פערסאָפּעט מיט אויסגעגלאָצטע אויגען,

כאַפּט אַ בגד, אַז אַ טישטוך, וואָס עס מאַכט זיך אונטער די הענד, און וואַרפט אַרויף מיט ציטערענדע הענד אויף איהרע פּלייצעס, אויף איהרע אָרעמס, און בעט זיך ביי איהר מיט אַ קול, וואָס קלינגט ווי אַ זעג: בעסינקע, נעהם מיר ניט די יאָהרען... פאַר וואָס מוטשעסטו מיך אַזוי... אַ פרעמדער מענש אין הויז!".

און בעת דעם קוקט ער אויף איהר מיט זיינע אויגען — אוי, איך קען עס אייך גאָר ניט אויסבריינגען, ווי אַזוי!...

שלים־מזל מיינער! — נעהמט זי אויף איהם שרייען, חושך מיינער, דו האָסט מורא מען זאָל מיר קיין עין הרע געבען? אַט, אַט, דוקא, דוקא, דיר אויף צו להכעים! פּלאַץ, פּגר, דו ביסט מיין אומגליק!... ווען איך האָב אַוועקגעגעבען מיינע בעסטע יאָהרען!...

דערביי שטופּט זי איהם אָב פון זיך, וואַרפט פון זיך אַרונטער, מיט וואָס ער האָט איהר צוגעדעקט, טרעט מיט די פיס און יאָמערט אויפ'ן קול:

— שטאַרב! שטאַ־אַרב! איך וויל לעבען! איך וויל זיך אַ לעבעדיגע ניט בעגראָבען אין קבר!...

און אַז זי שרייט אַזוי מיט יאָמער אויף איהם, כאַפּט ער זיך אָן מיט ביידע הענד פאַר זיין קראַנקער ברוסט, ציהט אויס זיין שטרויענעם האַלז מיט'ן קנאָפּ ביים גאָרגעל. טרייסעלט זיך מיט זיין גאַנצען שפּיציגען קערפּער און דינע קניע און שעפּטשעט אַרויס מיט אַ קרעכץ „חיה. ווילדע חיה!" און ניט מעהר, קיין איין וואָרט ניט מעהר! צוהוסט זיך, דרעהט זיך צונויף אין דרייען, ווי אַ בויגעל, געהט צו צום שטול, זעטצט זיך, נעהמט אַריין דעם קאָפּ אין ביידע הענד און קוקט לאַנג, לאַנג אויף די פּאָדלאָגע אין איין פּינטעלע און שעפּטשעט:

— אוי, וועה איז מיר, וואָס לעב איך נאָך!

אַ סך מאָל נאָך אַזוינע סצענעס קריג איך אויף איהם עפּעס אַזוי ווי רחמנות: דאַן זאָג איך איהר ביי מיר אין צי־מער, אַז זי דאַרף איהם אַזויפיעל ניט מוטשען, אַז זי קען דאָך אַרומגעהן אין אַ קאָפּטעטשקע. לאָזט זי מיר ניט ריידען ווייטער, כאַפּט זיך אַרום אַרום מיר מיט איהרע נאַקעטע אָרעמס, דריקט זיך צו צו מיר, ווי אַנ'אמת'ער טייפעל און שעפּטשעט:

— איך וויל, ער זאָל שטאַרבען גיכער, גיכער, דו הערסט? ער איז מיין אונגליק! איך בין געזונד, יונג, איך וויל ליעבען, היים ליעבען... איך וויל לעבען און ער פער'־סמ'ט מיר דאָס לעבען... איך בין ניט שולדיג, וואָס מיר ווילט זיך לעבען און ליעבען... אָבער גענוג, גענוג! דו ביזט דאָך מיט מיר גליקליך, ניט אמת? דו ליעבסט דאָך מיך אויך, אַ יאָ?...

און איהרע אויגען ברענען דערביי, ווי ביי אַ קאַץ ווען זי שפּיעלט זיך מיט אַ מויז, און איהר אָטהעם בריהט און בראָט מיר דעם פּנים. אַ כּישוף ליעגט אין איהר אָטהעם, אין איהרע ברענענדיגע אויגען און אין איהר אינגאַנצען. און זי טהוט מיט מיר וואָס זי וויל!...

מיין צימער איז געווען נעבען איהר שלאָפצימער. ער פלעגט שלאָפען אין פראָנט־רום...

און איינמאָל אין מיטען נאַכט הער איך עפּעס פון איהר שלאָפצימער אַ גערויש, אַ פערשטיקט קוויטשען, אַ סקריפּען פון בעט, אַ כריפּען און אַ פערשטיקטען הוסט. איך הויב זיך אויף פון בעט און הער זיך צו.

אַ שטילעס געוויין הער איך, פון אַ קינד... דאָס געוויין ווערט איבערגעריסען פון אַ הוסטען.

— אַוועק! — הער איך איהר קול — איך וועל דיר דערוואַרגען... אוי... — דערהער איך ווידער איהר בייזע שטים און אַ שטאַרקען קלאַפּ פון עפּעס, און אַ פערשטיקטען געשריי: „מערדערין, טוידט מיך!“

— איך לויף אַהין אַריין; איך זעה, דער קראַנקער מאַן איהרער אין ווייסע אונטערקליידער ליעגט מיט'ן פּנים איינגע־גראָבען אין בעט און ציטערט אויף מיט זיינע שפּיציגע פּלייצעס. זי מיט צולאָזענע האָר, מיט אַ רויט פלאַמענדיג פּנים, מיט אויס־געגלאָצטע, ברענענדיגע אויגען, שטופּט איהם מיט ביידע הענד פון בעט, שצירעט מיט די צייהנער און שעפּטשעט מיט גיפט:

— אַוועק! זאַראַזע, איך וועל דיר דערשטיקען!

און דערזעהענדיג מיך, הויבט זי אָן צו שרייען מיט אַ יאָמער:

נעהם איהם צו פון דאַנען! איך וועל איהם מטית'ן וואָס איהם האָט זיך... פוי, זאַראַזע!...

און דערביי טהוט זי איהם אַזאַ שטופּ אַרונטער פון בעט, אַז ער פאַלט אויפ'ן פּאָדלאָגע און בלייבט ליעגען אויף אַ זייט מיט ווייט אויסגעגלאָצטע אויגען און מיט אויסגעשצירעטע ווייסע צייהנער אויף איהר.

— אַ־אַ־ך! — רייסט זיך ביי איהם אַרויס אַ טרוקענער כריפּ פון ברוסט, צוהוסט זיך, הויבט זיך אויף פון פּאָדלאָגע, כאַפּט זיך אָן פאַר דער ברוסט מיט ביידע הענד, דרעהט זיך צונויף, ווי אַ בייגעל, און זעהט אויס אין זיינע ווייסע אונטער־קליידער מיט זיין דאַרען, שפּיציגען גוף, ווי אַ מת פון יענער וועלט.

פּלוצים קוקט ער מיך אָן מיט גרויסע אויגען און האַל־טענדיג איין האַנד ביי דער ברוסט, ווייזט ער אָן מיט דער צווייטער אויף מיר און סקריפּעט אַרויס, ווי אַ זעג:

— ער, ער, ער! גוט! גוט! ער איז געזונד, איך בין קראַנק! פאַר גאָט האָט מען ניט מורא, פאַר לייטען שעהמט מען זיך ניט!... גוט, גוט, איך וועל דיר מעהר ניט שטע־רען... אָבער פאַר מיין בלוט וועט זיך גאָט אָברעכענען מיט אייך ביידען... מכ־כ־כ־שפה! מכ־כ־שפה! — קרעכצט ער אַרוים מיט אַ שיפען — ממזר!... ממזר!... עס איז דאָ אַ גאָט אין הימעל, עס איז דאָ, היט זיך!...

און מיט די דאָזיגע ווערטער לויפט ער אַרוים פון שלאָפ־צימער.

איך וויל לויפען נאָך איהם... מיר פאַלט איין, אַז ער וויל מיט זיך עפּעס טהאָן... זי אָבער וואַרפט זיך מיר אַרויף אויפ'ן האַלז, קושט מיר און דריקט זיך צו מיר, און וויינט: „גוואַלד, ווען וועל איך זיך בעפרייען פון איהם!...״

און גראָד דאַן, ווען זי דריקט זיך צו מיר און קושט מיך, קומט ער ווידער אַריין, בלייבט שטעהן ווי אַנ'איינגע־גראָבענער ביים טהיר, מיט די אויגען ווייט אָפען, קאָרטשעט זיך צונויף נאָך מעהר מיט שרעק אויפ'ן פּנים, אַקוראַט, ווי ער וואָלט דערזעהן פאַר זיינע אויגען דעם מלאך־המות מיט דעם חלף...

איך טהו זיך אַ ריס פון איהרע אָרעמס, זי שפּרינגט אויף אַ ווילדע, אַ צוקאָכטע, מיט נאַקעטע פיס און אַרעמס און טהוט זיך אַ וואָרף אויף איהם מיט אַ בייזען, הייזעריגען געשריי:

אַוועק! פגר! איך וועל דיך טוידטען!...

און דאָ, גאָר אונערוואַרטעט, טהוט ער זיך אַ וואָרף צום פענסטער פון שלאָפצימער, טהוט עס אַנ'עפען מיט אַ גע־רויש און איידער איך קום צו זיך, פליהט פערביי מיינע אוי־גען זיין ווייסע, שפּיציגע געשטאַלט און פערשווינדעט דורכ'ן

פענסטער אין דער פינסטערניש פון דער נאכט... פון פינפ־טען עטאזש האט ער זיך ארונטערגעווארפען!...

סיימאן איז אנשווינגען געווארען און האט פערשטעלט דעם פנים מיט ביידע הענד. ביי מיין שכן, וואס וואוינט מיט מיר אויף דעם זעלבען שטאק, האט די קאץ א מיאקע געטהאן. סיימאן האט זיך א טרייסעל געטהאן, האט אראבגעחאפט די הענד פון פנים און האט זיך ארומגעקוקט מיט גרויסע צו־שראקענע אויגען...

— דאס מיאקעט די קאץ ביי מיין שכן אין צימער — האב איך געזאגט.

— איך בין אזוי נערוועז — ער האט ארויסגעשטא־מעלט — אזוי נערוועז, זייט יענער צייט... אפט דאכט זיך מיר, אז איך הער זיין קול... אז איך זעה זיין שפיציגען גוף אין די ווייסע אונטערקליידער... זיין צושמעטערטען קאפ אין א טייך בלוט אויף די שטיינער פון גאס... און אז דער ווינד וואיעט, דאן קען איך גאר קיין ארט ניט געפינען... מיר דוכט זיך דאן, אז ניט דער ווינד יאמערט, נור ער, ער... איך וויים ניט — אפשר איז דאס אנ'אבערגלויבען? אבער מיר דוכט זיך, זייט יענער צייט, אז ווען איך זאל אמאל חתונה האבען, וועל איך האבען זיין סוף...

ער איז אנשווינגען געווארען און פאר מיינע אויגען האט זיך אויך געטראגען יענער אונגליקליכער מיט דעם שפיציגען גוף אין די ווייסע אונטערקליידער, און מיר האט זיך געדאכט, איך זעה איהם שטעהן א צונויפגעדרייטען, ווי א בייגעל, קו־קענדיג אויף סיימאנען מיט גרויסע, אויסגעגלאצטע אויגען און מיט אויסגעשצירעטע ווייסע צייהנער...

וואוהין, וואוהין?

(א פּאָעמא אין פּראָזא)

ער האָט ניט געהאַט קיין היים, קיין פריינד, קיין בּע־קאַנטע... ער האָט ניט געהאַט קיין אַרבּייט, קיין בּרויט, קיין געלעגער — איז ער אַוועק זוכען — וואוהין? וואוהין?...

און ער האָט געוואַנדערט און געוואַנדערט, אַ מיעדער, אַ הונגעריגער — דער הימעל האָט איהם געבּרענט, די ערד האָט איהם געשטיקט — ער האָט געוואַנדערט... וואוהין? וואוהין?...

* * *

ער איז צוגעקומען צו אַ גרויסע שטאָדט, איז געבּליבּען שטעהן אויף אַ בּערגעל, אָנגעשפּאַרט מיט בּיידע הענד אויף אַ שטעקען, און האָט געקוקט, געקוקט מיט זיינע מיעדע אויגען וויית־וויט אין איין ריכטונג, האָט געקוקט — וואוהין? וואוהין?...

דאָס בּיינאַכטיג קיהל ווינטעלע האָט זיך געשפּיעלט מיט זיינע לאַנגע, צופּלאָנטערטע האָר. אַ פאַרשטיקט געטומעל, אַ זשוזשענדער הו־האַ האָט זיך פון דער גרויסער שטאָדט גע־גען איהם געטראָגען — ער האָט עס אָבּער ניט געהערט... ער האָט געקוקט אין די וויטע וויטקייט, וואו עס האָבּען זיך געזעהן הייזער, הייזער, הייזער, וואו עס איז געלעגען אַ נייע איהם אונבּעקאַנטע שטאָדט, און אַלע זיינע געדאַנקען האָבּען זיך געדרעהט אַרום איין פראַגע: וואוהין? וואוהין?...

* * *

ער האָט אויך ניט געזעהן דעם פער'כּשופטען ציטערען פון די פינקעלדיגע שטערענדלאַך אין דעם טיעפען, בּלויען הי־מעל און ניט די פולע לבנה, וואָס האָט זיך דאָרט אין אַ זיל־בּער־ים געבּאָדען... ער האָט נור צו זיך גערעדט, ער האָט נור צו זיך געזאָגט: — וואוהין? וואוהין?...

— וואוהין? וואוהין? — האָט זיך אַרויסגעריסען פון זיין נשמה.

— וואוהין? וואוהין? — האָבען אָבגעזיפצט דער וואַלד, די בערג, די שטיינער און אַלעם ארום איהם.

— וואוהין? וואוהין? — האָט געהויכט דאָס בייגאַכטיג ווינטעלע...

— יאָ, וואוהין?!...

* * *

און ער איז אַוועק צו דער שטאָדט. ער איז געוועזען מיעד, קוים זיך אויף די פיס געשלעפט. — ער איז אָבער אַוועק... די שטאָדט, די פייערלאַך, די הייזער, די מענשען האָבען איהם צו זיך געצויגען...

* * *

און ער איז אין שטאָדט אַריין, אין שטאָדט מיט איהרע הויכע שטומע הייזער און מיט איהרע מענשען מיט הערצער שטיינערנע...

ער האָט זיך געשראָקען פאַר דעם גערויש פון זיינע אייגענע טריט... וואָס דאַרף ער דאָ? וועמען זוכט ער דאָ? וואוהין? וואוהין?

* * *

און, ווי דער מורא'דיגער גייסט פון קריזיס, האָט ער אַוועקגעבלאָנדזשעט איבער איין לאַנגער, לאַנגער גאַס, אַ הויכער. אַ שפּיציגער, מיט אַ בלייך, אויסגעמוטשעט פּנים, מיט ברענענדיגע אויגען, ווי ביי אַ הונגעריגען וואָלף, און מיט לאַנגע, ווילד-צופלאָנטערטע האָר און באָרד...

און די מענשען, וואָס האָבען איהם בעגעגענט, זיינען געלאָפען פון איהם... דעם שאָטען פון הונגער, עלענד און נויט האָבען זיי פאַר זיך דערזעהן און יעדער פון זיי האָט געטראַכט: „וואוהין? וואוהין?"

* * *

און ער איז געגאַנגען און געגאַנגען... די לעצטע כחות האָבען איהם פערלאָזען. דאַן איז ער שטעהן געבליבען נעבען אַ הויכע, לאַנגע וואַנד. דער שוויים האָט זיך פון זיין שטערען געגאָסען, און די שלייפען האָט געקלאַפּט. האָט ער צוזאַמענגעדריקט די שלייפען און גענומען אין זיך אַריינציהען פרישע לופט. אָבער די לופט איז געווען אַ געפּרעסטע, האָט פון היץ געשטיקט... מיט אַ פיעבער פון אַ משוגע'נעם האָט ער זיך דאַן אָן דער וואַנד אָנגעכאַפּט און גענומען אויף איהר קלעטערען און באַלד איז ער געווען אויף יענער זייט וואַנד, דאָרט איז געווען אַ בית עולם...

* * *

און ביי די טוידטע קיין שפור פון דעם קרייזיס...

פון די בלומען, וואָס זיינען אויף זייערע קברים געוואַקסען, האָט זיך אַ מחיה'דיגער ריח געטראָגען... אַ שטילער הויך, ווי דאָס אָטהעמען פון אַ קינד, וואָס ליעגט אין פיעבער, האָט זייערע קעפּלאַך געשאָקעלט... עס איז געווען שטיל, אַזוי ווי דאָס לעבען וואָלט דאָ מורא געהאַט דעם טוידט אויפצוּוועקען... דער הימעל איז געווען אויסגעשאָטען מיט שטערענדלאַך און, עס האָט זיך געקענט דאַכטען, אַז דאָרט, אויבען, ווינקען זיך איבער מלאָכים'לאַך מיט גאָלדענע אויגעלאַך... די מצבות זיינען געשטאַנען שטום, פערטראַכט, און איהם, דעם עלענדען, האָט זיך געדאַכט, אַז ער לייענט אויף זיי: „וואוהין? וואוהין?“

* * *

„וואויל איז צו אייך איהר מענשען, וואָס ליעגען דאָרט אין דעם שויס פון דער מוטער־ערד! איהר שלאָפט דאָרט רוּהיג. אייך וועקט ניט די נויט, אייך מאַטערט ניט דאָס הונגער. אייך ברענט ניט דער דורשט!...“

און אַ שוואַכער, מיט ציטערענדיגע קנעכלאַך, האָט דער עלענדער זיך אויף אַ באַנק געוואָרפען און גענומען דרעמלען...

די זילבערנע לבנה האָט אויף איהם פון הימעל אַראָב־געקוקט, די שטערענדלאַך האָבען זיך גע'סוד'עט. און איהם האָט זיך אין שלאָף געדאַכט, אַז ער הערט קולות פון גייס־טער, וואָס שרייען: „וואוהין? וואוהין?...“

— וואוהין? וואוהין? — האָט זיך פון זיינע בלאַסע ליפּען אַרויסגעריסען אַ קרעכץ...

* * *

די זון איז אויפגעגאַנגען און זי האָט דערזעהן אויף אַ באַנק אַ מענשען מיט אַ בלייך, קאַלט פּנים, מיט שטאַרע גלעזערנע אויגען, וואָס האָבען געקוקט אָהן בעוועגונג ווייט אין איין פּונקט ווייט ערגעץ, ווייט און וואָס האָבען, דאַכט זיך, גע־פרעגט: וואוהין? וואוהין?

* * *

דער קברות־מאַן שליסט אָב מיט אַ קרעכץ די טויערען פון'ם בית־עולם...

אַלטינקער, וואָס אײַלסטו אַזוי? קיינער פעהלט דאָרט ביי דיר ניט, דו האָסט דאָרט נאָך מיט איינעם מעהר! ער איז געווען אַן עלענדער, האָט זיך געזוכט אַ היים. אַצונד, האָט ער עס געפונען... וועק איהם ניט אויף, אַלטינקער, בעדט דו איהם דאָרט אוים ביי זיך ווייך, זעה, אַלטינקער!...

* * *

ניין, ניט דאָרט, ניט דאָרט, דאָרט רוהען אַלץ רייכע מיוחסים!...

אויפ'ן בית־עולם איז געקומען אַן איינפאַך וועגעל מיט אַ טוידטען־קאַסטען, אַהין האָט מען אַריינגעוואָרפען דעם עלענ־דען און אוועקגעפיהרט...

וואוהין?! וואוהין?!...